A YID IN VALD

Berl Kagan

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Joan & Irving B. Kroll
in memory of
Sophie & Harry Kroll

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

בערל כהן

אַ ייד אין וואַלד

(בלעטלעך פון אַ טאָגבוך)

בערל כהן

א ייִד אין וואַלד

בלעטלעך פון א
טאָגבוך

אַרויסגעגעבן פון
אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס
[פאַראייניקט מיט „ציקאָ“]
ניו-יאָרק, נ. י.

BERL KAGAN

A YID IN VALD

Leaves of a Diary

Printed in U. S. A.
By Grenich Printing Corp.
151 W. 25th St., New York, N. Y.

שער-בלאַט געצייכנט: **שאול ראַסקין**

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן לויטן אַדרעס:

CYCO-BICHER FARLAG

25 East 78th St., New York 21, N. Y.

166



געהייליקט דעם אָנדענק
פון פאַרשניטענעם זאַפטיקסטן
צווייג פון אונדזער פאָלקס-בוים
— די יידן פון מזרח-אייראָפּע.

אַ ר י י נ פ י ר

אין דער צווייטער העלפט פון 1943 זיינען די אילוזיעס פון די פּאַרשפּאַרטע יידן אין סלאַבאָדקער געטאָ אַריבערצולעבן היטלערן געוואָרן אַלץ שוואַכער. די ידיעות וועגן דער מאַסן־ליקווידאַציע פון ניין און ניינציק פּראָצענט געטאָס, די אָנצוהערענישן פון די נאַצי־פירערס וועגן זייער כוונה אויסצוראָטן אַלע יידן, די קנאַפּע אמונה, אַז דער סאָוועטישער פּאָרויסמאַרש זאָל אָננעמען אַזאַ טעמפּאָ, אַז די דייטשן זאָלן ניט באַוויזן צו ליקווידירן די עטלעכע נאָך־פאַרבליבענע געטאָס — דאָס האָט שטאַרק געמינערט די צאָל פון די געשוואָרענע אָפּטימיסטן אין סלאַבאָדקער געטאָ.

די מיינונג, אַז אויב ס׳קען זיין מעגלעך וועלכע־עס־איז רעטונג, איז עס קודם־כל דורך אַנטלויפן פון די שטעך־דראָטן, איז געוואָרן אַלץ מער פּאַרשפּרייט. סיי אַלגעמיין־יידישע קערפּערשאַפטן, סיי פּאַרטייען און סתם יחידים האָבן אָנגעהויבן פיבערדיק וועבן פּלענער וועגן אַנטלויפן פון געטאָ. די דאָזיקע פּלענער האָבן זיך געדרייט אַרום צוויי פּראַגעס: אין וואַלד אָדער אין דאָרף? אין וואַלד האָט באַטייט צו די פּאַרטיזאַנער, אין דאָרף — צו באַקאַנטע פּויערים. ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז די אָרגאַניזאַציעס האָבן געטראַכט בעיקר וועגן ערשטן וועג און די יחידים — וועגן צווייטן.

די פּראָבלעם פון גיין אין פּאַרטיזאַנקע איז אין סלאַבאָדקער געטאָ אָבער געווען ניט אַן ערך קאָמפּליצירטער, ווי אין פיל אַנדערע געטאָס. אַפילו אין יענער צייט האָט נאָך פּאַקטיש קיין פּאַרטיזאַנער באַוועגונג אַרום

קאָוונע ניט עקסיסטירט און אויף וויפל אַזאַ האָט זיך אַנגעהויבן אָרגאַניזירן, איז נאָך קיין קאָנטאַקט מיט איר פון די ערשט זיך אויספּיקנדיקע יידישע פּאַרטיזאַנער־קעמערלעך אין געטאָ נישט געווען.

אויב ס'איז שוין יאָ געפירט געוואָרן אַן אַלגעמיינע פּאַרטיזאַנער־טעטיקייט, איז דאָס געווען זייער אויף גרויסע מרחקים פון סלאָבאָדקער געטאָ. נאָר צו דערגיין אַהין איז פאַר יידן געווען פאַרבונדן מיט דער גרעס־טער געפאַר און דאָס גופא האָט פאַרשטאַרקט די רייען פון די סקעפּטיקערס מיט זייערע שווערע טענות: צי איז דאָס גאַנצע גרייטן זיך צו גיין צו די פּאַרטיזאַנער ניט אַ פאַרפירעניש, וואָס וועט אין דער ערשטער ריי צואיילן דעם חורבן פון געטאָ?

נאָגנדיק און ביטער איז געווען די פראַגע: און וואָס וועט זיין מיט די קינדער? און מיט טאַטע־מאַמע? די באַרימטע יידישע משפחה־פאַר־בונדנקייט האָט ניט דערלאָזן אַ לייכטן אָדער גאָר לייכטזיניקן ענטפער אויף דער דאָזיקער שאלה.

ניט קיין קליינער שטער אין אָרגאַניזירן די פּאַרטיזאַנקע אין סלאָבאָד־קער געטאָ זיינען געווען די פאַרשיידענע קלאַנגען, און אַ טייל אויך ריכטיקע, וועגן דער באַציאונג צו יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן שוין געהאַט די זכיה זיך צו דערקלייבן צו די אַלגעמיינע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, וועגן דעם, אַז מען שיקט זיי אויף די געפערלעכסטע אויפגאַבן, וועגן דערשיסונגען פון יידן שוין אין די פּאַרטיזאַנער־רייען גופא אד"גל.

ס'האָט אויך ניט צוגעגעבן קיין גרויס חשק צו גיין אין פּאַרטיזאַנקע דער פאַקט, וואָס אַלע פּאַרטיזאַנער האָבן געדאַרפט אָפּגעבן ביי דער רויטער פאָן אַ טרייהייט־שבועה צו סטאַלינען. מיר איז אויסגעקומען צוריידן ניט מיט איין ציוניסט אין סלאָבאָדקע (די ציוניסטישע עלעמענטן זיינען אין סלאָבאָדקער געטאָ געווען די מערסטע אין צאָל), וועלכער האָט זיך געקליבן צו גיין אין דער פּאַרטיזאַנקע און האָט דאָך ניט געוואוסט, ווי שלום צו מאַכן צווישן זיין געוויסן און דער טרייהייט־שבועה צום פירער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די אַלע און אַנדערע מאָטיוון האָבן זיך געמוזט גאָר שטאַרק אויסווירקן אויף דער יידישער יוגנט אין געטאָ, ווייל מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דאָס

אַנטלויפן פון די שטעט־דראָטן און גיין אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנקע האָט אין יענע פינצטערע אומשטענדן ניט געקענט זיין סטימולירט פון אַ קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. קיינער אין געטאָ האָט ניט געקענט זיין אַזוי נאַאיוו צו ווערן באַפליגלט פון אַזעלכע געדאַנקען.

דאָ דאַרף געזאָגט ווערן נאָך אַן אמת, וואָס איז, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, אין דער ערשטער תקופה פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַר־טושט געוואָרן: די יידישע יוגנט האָט זיך ניט געריסן פון די געטאָס אין וואַלד, נאָר כדי נקמה צו נעמען פון דייטש, ווי דאָס איז שוין געוואָרן דער אָנגענומענער זאָג פון אַלע יידישע זכרונות און געשיכטע־שרייבערס פון דער יידישער פּאַרטיזאַנקע. געוויס האָט אויך דער נקמה־מאָטיוו פאַרנומען אַן אָרט אין דעם אַנטשליסן זיך פון אַ יידישן יוגנטלעכן אין געטאָ צו גיין אין וואַלד, אָבער די הויפּט־סיבה, וואָס האָט אים באַוואויגן דערצו אָדער גע־בראַכט אַלע יידיש־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס זיך צו פאַרנעמען מיט דער פּאַרטיזאַנקע, איז געווען נאָר איינע: ראַטעווען דאָס לעבן. אין טיפערן זין איז דאָס ראַטעווען אַליין — ווען אַפילו צוליב עגאָאיסטישע טעמים — געווען די גרעסטע נקמה אָן נאַצי־רוצח. ניט טויטן דעם שונא, וועמענס צענדלינגער מיליאָנען מען קען ממילא ניט אויסראָטן, נאָר העלפן בלייבן ביים לעבן וואָס מער יידן, וועלכע קענען יאָ אינגאַנצן פאַרטיליקט ווערן, — דאָס איז געווען די סטראַטעגיע פון די פירנדיקע נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן אין געטאָ.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ זיצונג פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן צענ־טראַל־קאָמיטעט אין סלאָבאָדקער געטאָ, אויף וועלכער די דאָזיקע פראַגע איז שטורמיש דעבאַטירט געוואָרן. און עס האָבן זיך מיר איינגעשניטן אין מוח די ווערטער פון איינעם, וועלכער האָט איבערגעריסן אַ חבר אין ריידן און מיט אַ קלאַפּ אין טיש אויסגעשריען:

— דער שר האומה פאָדערט ניט פון אונדז קיין מות־גבורים. ער פאָדערט פון אונדז איינס: לעבן! מקיים זיין אין נפש פון ישראל איז איצט, נאָך מער ווי תמיד, מקיים זיין אַ גאַנצע וועלט. לאָמיר ראַטעווען וועלטן, ניט חרוב מאַכן זיי — דאָס איז די נקמה! טויזנט לעבנגעבליבענע יידן וועלן זיין מער קידוש־השם, ווי הונדערט טויזנט געפאַלענע אויף די באַריקאַדעס.

דער גרעסטער טייל פון די פאַרזאַמלטע האָט זיך געהאַלטן ביי אַט

דער מיינונג. אייגנטלעך האָבן אַלע איבעריקע פּאַרטייען אין געטאָ אויך געפירט זייער טעטיקייט אין אַט דעם גייסט.

ס׳וואָלט הייסן ניט זיין טריי צו די פאַקטן, ווען מען זאָל זאָגן, אַז געטאָ־יידן זיינען געגאַנגען אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנקע, כדי נקמה צו נעמען פאַרן אומשולדיק־פאַרגאָסענעם יידישן בלוט פון משפחה און פון פאָלק און דורך דעם אפשר אויך זיך ראַטעווען פון טויט. ניין. אמת איז, אַז יידישע יוגנטלעכע זיינען געלאָפן פון געטאָ אין דער פּאַרטיזאַנקע, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן און אפשר דורך דעם אויך זיך נוקם זיין אָן די מערדערס פון טאַטע־מאַמע און פון פאָלק.

אין דער ערשטער אָרגאַניזיר־סטאַדיע פון דער יידישער פּאַרטיזאַנקע אין סלאָבאָדקער געטאָ איז מיר אויסגעקומען צו זיין ניט נאָר פון די פּאַסיווע צוקוקערס, און איך קען עדות זאָגן, אַז אין די אַלע באַטראַכטענישן און באַהאַנדלענישן וועגן דער דאָזיקער פראַגע מצד די אָנפירנדיקע ציוניסטישע צענטראַל־קאָמיטעטן האָט זיך אַלץ געדרייט אַרום דער פראַגע, אויף וועלכן אופן ראַטעוועט מען מער יידן פון געטאָ און גאָרנישט וועגן דעם, ווי אַזוי נעמט מען וואָס מער נקמה פונעם דייטש. און יידן פון אַנדערע געטאָס, וואָס ווילן ניט ריידן „פאַר דער וועלט״, דערציילן דאָס זעלביקע אויך וועגן אַנדערע מקומות.

אין דער פראַגע פון ראַטעווען וואָס מער יידן פון געטאָ אין סלאָבאָדקע (און זיכער אויך אַנדערשוואו) זיינען אין די אָנפירנדיקע אונטערערדישע קערפּערשאַפטן געווען דריי מיינונגען:

1) אַ טייל האָט געזאָגט, אַז דער בעסטער וועג פון ראַטעווען וואָס מער יידן איז — אַ „מאַלינע״ אין געטאָ. מען האָט נאָך אין דער ערשטער צייט ניט געוואוסט, אַז די דייטשן פאַרברענען די געטאָס. און אַפילו נאָכדעם, ווי עס זיינען שוין דערגאַנגען קלאַנגען וועגן אַזעלכע געטאָ־ליקווידאַציעס, האָבן נאָך אַלץ פיל ניט אויפגעגעבן די אידייע פון אַ „מאַלינע״ אין געטאָ, וואו זיי האָבן אויך דערנאָך געפונען זייער טויט. אַזוי זעען מיר, אַז אַ ריי מיט־גלידער פון אָרגאַניזאַציעס אין סלאָבאָדקער געטאָ, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אָט דער פראַגע, זיינען דערנאָך אומגעקומען אונטער די חורבות פון זייערע געטאָ־בונקערס.

2) אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז דער זיכערסטער וועג איז צו אַנטלויפן צו אַ באַקאַנטן פויער אָדער — אַ סך ווייניקער זיכער — לכל־הפחות, פאַר־

לאָזן די געטאָ, ווייל מע קען קיינמאָל ניט וויסן, ווען עס קומט די שעה פון ליקווידאַציע. מיט דעם דאָזיקן וועג האָט, נאַטירלעך, זיך געקענט באַנוצן גאָר אַ קלײנער טײל ײדן. און פֿאַר די אָרגאַניזאַציעס איז ער געווען פֿאַרמאַכט, אויסער אין זעלטענע פֿאַלן, ווי, למשל, ביים ראַטעווען קינדער דורך אויסבאַהאַלטן זיי אין מאָנאַסטירן, ביי באַקאַנטע פויערים וכדומה.

3) די אָנהענגערס פון גיין אין פאַרטיזאַנקע האָבן געטענהט, אַז נאָר אויף אַזאַ דרך וועט מען קענען אַרויסראַטעווען וואָס מער יידן פון געטאָ. זיי האָבן אַרגומענטירט, אַז אויף אַזאַ אופן וועט געלינגען צו שאַפן וואָס בעסערע פאַרבינדונגען מיט דער אויסן־וועלט און צו באַקומען די געהעריקע הילף און שטיצע.

אַלע דריי שיטות — די לעצטע צוויי האָבן געהאַט דאָס בשותפותדיקע אין זיך, וואָס זיי האָבן געהייסן פאַרלאָזן די געטאָ — האָבן, נאַטירלעך, זיך געראַנגלט מיט דער גורלדיקער פראַגע: ווען קען קומען דער מאָמענט פון ליקווידאַציע? ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז די יעניקע, וועלכע האָבן געבויט זייער זיכערקייט אויף דער „מאַלינע", האָבן דעם דאָזיקן מאָמענט אָפּגערוקט אויף אַ ווייטערדיקער דאַטע, און די יעניקע, וועלכע זיינען געווען פאַר פאַרלאָזן די געטאָ, האָבן געהאַלטן אַז מען מוז וואָס פריער אַנטלויפן, זיך ניט אַריינלאָזנדיק אין קיין ספעקולאַציעס וועגן ליקווידאַציע־טערמינען, וואָס מען וועט במילא קיינמאָל פּינקטלעך ניט קענען פאָרויסזאָגן.

אָבער נאָך אַלעמען איז אַלץ אָפּהענגיק אויף פון כאַראַקטער פון מענטשן. די זעלביקע, וועלכע האָבן זיך געהאַט אַנטשלאָסן צו גיין אין דער פאַרטיזאַנקע אָדער צו באַקאַנטע פויערים, האָבן ניט אַלעמאָל געפונען געניג מוט עס וואָס גיכער צו טאָן. אַ טייל פון מיינע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אויך געטראַכט וועגן אַנטלויפן פון געטאָ, האָבן אָבער דאָך ניט געקענט אַזוי פלוצלונג זיך פרייוויליק אָפּזאָגן פון דעם, וואָס די געטאָ האָט נאָך פאָרט געגעבן: צייטווייליקע זיכערקייט און אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאָס אַרויסגיין פון געטאָ האָט באַטייט גלייך ריזיקירן מיטן לעבן און זיין אויסגעשטעלט אויף די ערגסטע באַדינגונגען — האָבן אַנדערע געפּרוּווט, דורך פאַרשיידענע תירוצים, דאָס אָפּלייגן אויף אַ שפּעטערדיקן טערמין. מיינער אַ גוטער חבר, וואָס האָט געהאַט די בעסטע געלעגנהייטן צו פאַרלאָזן די געטאָ באַצייטנס, האָט אָבער דאָך ניט פאַרמאָגט גענוג אינערלעכן כוח זיך צו געזעגענען מיט די צייטווייליקע

לעבנס־באַקוועמלעכקייטן אין געטאָ (אויך אַזוינס איז געווען) — און בעת ער האָט דאָס געפּרואווט טאָן, איז שוין געווען צו שפּעט. אַ צווייטער, וואָס האָט אויך געטראַכט וועגן פאַרלאָזן די געטאָ, האָט זיך באַמיט צו פאַרשרייען זיין שוואַכמוטיקייט מיט דער איינרעדעניש, אַז מען וועט תמיד וויסן, ווען די דייטשן קלייבן זיך צו ליקווידירן די געטאָ. און אויך זיין סוף איז געווען אַ ביטערער.

איך האָב געהאַלטן, אַז פון געטאָ מוז מען אַוועקגיין בעסער מיט צען חדשים פריער, איידער מיט צען מינוט שפּעטער; בעסער שוין צו ריזיקירן, כדי שפּעטער אפשר צו האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען, איידער צו זיין דערווייל זיכער און שטעלן זיך אין געפאַר צו בלייבן דורך אַ פּלוצעמדיקן אָנפאַל אין דער טויט־פאַסטקע.

*
**

וועגן לעבן פון די יידן אין די היטלער־געטאָס איז שוין ניט ווייניק געשריבן געוואָרן. וועגן דער יידישער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין צווייטן וועלט־קריג זיינען שוין אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן פיל מאַטעריאַלן. זאָלן צו דער דאָזיקער שפע באַשרייבונגען צוקומען די פאָלגנדיקע טאָגבוך־נאָטיצן פון אַ יידישן געטאָ־פליט, געשריבן אין חזיר־שטאַלן פון פויערים, אין ווילדע קוסטעס און ליטווישע וועלדער. ס'איז ניטאָ אין זיי קיין קאַמף, ניטאָ קיין דראַמאַטישע האַנדלונגען, נאָר אַ שנור פון טאָג־טעגלעכע, פּשוטע איבערלעבענישן, אונטערן שאָטן פון דייטשן טיױול — און דאָס אַליין איז שוין איין גרויסע, שרעקלעכע דראַמע *).

*) די „בלעטלעך" זיינען פאַרצייכנט געוואָרן — צוליב מאַנגל אין פּאַפּיר — אויף אַ העפטל פון אַ ליטווישער פלייש־קראָם און צווישן די שורות פון אַ באַשריבן העברעאיש־יידיש לידער־ביכל (זע די פאַטאָסטאַטן אויף זייטן: 20, 82 און 136).

דער טאָגבוך איז אין אָנהייב געשריבן געוואָרן אין אַ שיפרירטער פאָרם — אויף דער קאָנווע פון די פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל אין 1937. אַלץ איז פאַרמאַסקירט: דאַטעס, פּערזאָנען, ערטער. אָבער גאָר גיך האָט זיך אויסגעוועפּט אונדזער תמימות, אַז אַזאַ פאַרשטעלטקייט וועט קלענער מאַכן די סכנה, אויב די נאָטיצן זאָלן אַריינפאַלן צו די דייטשן — און דעריבער זיינען שוין שפּעטער די געשעענישן, נעמען און דאַטעס פאַרשריבן געוואָרן פּינקטלעך.

איך האָב זיך באַמיט וואָס ווייניקער צו ענדערשן די נאָטיצן, וואָס זיינען ס'רוב פאַרצייכנט געוואָרן אויף דער הייסער מינוט, כדי עס זאָל בלייבן וואָס מער דער לעבעדיקער אָטעם פון אָקאָרשטיקער איבערלעבעניש. און צוליב אַ צווייטן נאָך וויכטיקערן מאָטיוו: אין ניין און ניינציק פּראָצענט האָט דער מחבר ניט געהאַט קיין שאַנסן איבערצולעבן דעם חורבן און דער טאָגבוך איז, אייגנטלעך, געווען אַ מין צוואה — און מעג מען דען משנה זיין אַ צוואה?

.1

אַרויס
פֿון די דראָטן

20סטער אָקטאָבער, 1943.

נאָך לאַנגע הכנות און עטלעכע דורכפאַלן איז אונדז היינט דאָך געלונגען סוף־כל־סוף זיך אַרויסצוקריגן פון סלאַבאָדקער געטאָ. דער פויער האָט דאָס מאָל פּינקטלעך געוואָרט מיט זיין פור אין אַ פאַרוואָרפענעם שטאָט־טייל פון קאָוונע.

ווער קען באַשרייבן די האַרץ־קלעמעניש פון אַ מענטשן, וואָס מאַכט אַ שפרונג לחיים או למות? פערציק קילאָמעטער דאַרפן מיר פאָרן ביזן אָרט פון אונדזער באַהעלטעניש אין קאַראַלגיריס, ביי ווילקי, — וויפל מאָל וועט לויערן דער טויט אויף אונדז?

דעם ערשטן טייל וועג פאָרן מיר נאָך מיט די געלע לאַטעס אויפן רוקן און אויפן האַרצן און עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט שטעלט אונדז יעדער אָפּ. ווען מיר נעמען שוין אַראָפּ די יידן־צייכנס, דאַכט זיך נאָך אונדז, אַז פון אַלע זייטן טייטלט מען מיט די פינגער: „יידן פאָרן“.

אויסער דעם געפיל פון טויטשרעק לאָזט ניט אָפּ דער געדאַנק, צו זיין שוין אויף אַן אָרט. אַריינקריכן אין אַ לאָך; זיך פאַרמויערן אין אַ וואַנט — באַר ניט זען שוין קיין מענטשן און זיך ניט ווייזן פאַר זיי.

מענטשן?

אָט זיינען מיר ערשט צוועלף קילאָמעטער פון קאָוונע, ביים גרויסן באַרג פון ראָודאָנדוואַריס *). ס׳איז שוין בין־השמשות, אָבער נאָך גאַנץ ליכטיקלעך. האָבן מיר ניט קיין טעות: זעען מיר ניט ביים באַרג־אַראָפּלאָז אַ גרופּע דייטשע סאָלדאַטן? ניין, ס׳איז ניט קיין טעות; דאָס זיינען פון דעם סאַמע „בעסטן מין“ — געשטאַפּאָ־לייט. זייער אויטאָ איז, משמעות, קאַליע געוואָרן. נעמען מיר זיך אָן מיטן לעצטן מוט פון אַ צום טויט פאַראורטיילטן און באַגריסן זיי פאַרבייפאָרנדיק מיט אַ הויכן, שטאָלצן „גוטן טאָג“ — און אַלץ גייט אַריבער בשלום.

וויפל האָט געשלאָגן אונדזער פּולס אין יענע רגעס?

---

*) יידן האָבן עס גערופן: רויטער הויף, דער פּינקטלעכער פאַרטייטש פון ליטווישן נאָמען.

וואָס פינצטערער עס ווערט אין דרויסן, אַלץ ליכטיקער ווערט אויפן האַרצן. די קינדער פון פאָלק, וואָס האָט געגעבן אור לגויים, זוכן איצט זייער שוץ אין חושך.

ניט תמיד גיט זיך עס איין. אָט ווערט דאָס חשכות דורכגעשניטן מיט אַ געשריי: „אוי, ראַטעוועט!" אַריבערפאָרנדיק אַ קליין בריקל האָט זיך דאָס פורל איבערגעקערט און מיין פרוי איז געבליבן ליגן אונטער אַ ראָד. קוים זי אַרויסגעשלעפּט מיט אַ יסורימדיקער האַנט. איז עס ניט צעבראָכן? אינמיטן באַפאַלט אונדז אַ טשאַטע הינט פון אַ פויערשער הייזקע. אונדזער פויער וואָרנט בייז: „ניט שרייען, אין דאָזיקן הויז קומען אָפּט דייטשן". דערשטיקט מען די שרעק, מע פאַרבייסט די ציינער און מע שוויגט ביז וואַנען מיר גייען דורך די נייע געפאַר־זאָנע.

מיר פאָרן שוין וואַסערע 10 שעה. בראָדזשען אָפּט אין די טיפע בלאָטעס פון אַ ליטווישן פאַרוואָרלאָזטן שליאַך אין אַ האַלב־געפראָרענער אָקטאָבער־נאַכט. יעדער טראָט איז אַ פּוד. דאָס פערד בלייבט אָפּט שטעקן, און ס'זעט זיך ניט קיין סוף. דער פויער האַלט אונדז אין איין טרייסטן: „נאָך איין קילאָמעטער" — אָבער אַזעלכע „איין" קילאָמעטער זיינען מיר שוין אַריבערגעפאָרן וואַסערע צען.

אין מיטן דערלאַנגט אונדז דער פויער אַ זאָג: „האָב איך ניט פאַרבלאָנדזשעט? ס'איז רעכט, אַז מען וועט דאָ דאַרפן בלייבן ביז אין דער פרי". עס ווערט אונדז ביטער אויפן האַרצן: דאָס האָט נאָך אויסגעפעלט. ער לאָזט אונדז אַליין און גייט נאָכזען, צי האָט ער ניט פאַרלאָרן דעם וועג.

יעדע מינוט פון וואַרטן אויף זיין צוריקקומען איז אַ יאָר. עס דערוועקן זיך ביי אונדז ערנסטע חשדים: אַ פויער, וועלכער וואוינט אין די דאָזיקע געגנטן וואַסערע פערציק יאָר, קען אויסגעבונדן יעדעס שטעגעלע, זאָל האָבן פּלוצלונג פאַרבלאָנדזשעט? זיינען מיר ניט אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע און איז דער פויער ניט געגאַנגען רופן די אָפּגערעדטע חברה צו מאַכן אַ סוף מיט אונדז?

ווען ער איז צוריקגעקומען אַליין, איז אונדז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. ער דערציילט, אַז מיר פאָרן ריכטיק און אין גיכן וועלן מיר זיין אויף אָן אָרט. גראָד וויל מיר האָבן אָקאָרשט געהאַט אַזעלכע שלעכטע געדאַנקען וועגן אים, איז ער איצט אין אונדזערע אויגן אויסגעוואַקסן נאָך שענער.

מיר פאָרן דורך זייער געשלענגלטע וועגלעך צווישן געדיכטע קוסטעס און ביימלעך. הונדערטער מעטערס פאָרן מיר אין טיפן וואַסער און ס'דאַכט זיך, אַז אָט־אָט ווערן מיר דערטרונקען. די ביימלעך זיינען זייער נידעריק און זייערע צווייגן שמאַרען דאָס פּנים. לויט דער בעסטער לאַנד־קאַרטע וואָלט מען דאָ, משמעות, קיין טאָלק ניט געקענט דערגיין. נאָר דער פויער פירט גוט. נאָך אַ פּאָר שעה שאָקלען זיך און טרייסלען, אַז די נשמה ווערט

אַרויסגעטאַרקעט, הערזעען מיר אַ קליין פּייערל. — „דאָס איז מיין הייזקע״ — זאָגט דער פויער צופרידן. עס צעזינגט זיך אין אונדז אַ פרייד, וואָס עס פילט מסתמא אַ מענטש, וואָס קריכט אַראָפּ בשלום פון תליה־בענקל.

עס באַגעגנט אונדז אַן אַלטע איינגעשרומפּענע פויערטע, פאַרדאַרט און פאַרקוואַרט. „איך האָב געמיינט, אַז מע האָט דיך שוין דערשאָסן״ — זאָגט זי צו איר מאַן. זי קושט האַרציק מיין פרוי און איר שוועסטער. „ביי מיר וועט איר זיין, ווי אייגענע קינדער״. די פרויען צעוויינען זיך. אויך איך האַלט קוים איין מיינע טרערן. איך בין פאַרקלעמט און ס׳האַרץ איז פאַר־שטיינערט פון אומגעוויינלעכן בילד אין איצטיקע צייטן: אַ ווילד־פרעמדע ליטווישע זקנה פאַלט קושן אַ פּאָר ייִדישקעס!

21סטער אָקטאָבער.

נאָך דער ערשטער „טבילה״־נאַכט אין שייער קוקן מיר זיך אויף צו מאָרגנס אַרום איבער אונדזער נייער דירה. די גאַנצע כאַטע, מיט אַ צערי־סענעם שטרוי־דאַך, באַשטייט פון איין צימער, וואו מען עסט און קאָכט, און מע שלאָפט. קיין פאָדלאָגע איז ניטאָ. אין מיטן — אַ פאַרוויקעטע לאָך מיט ליים וואָס איז נאָך ניט פאַרטריקנט. די ווענט שוואַרץ פון רויך. ניטאָ קיין טיש און קיין שטול. דאָס בעט איז צוזאַמענגעקלאַפּט פון פיר ברעטלעך, אַן אַ יילעך און אַן אַ קישן. דער אויוון פאַרנעמט אַ פערטל פון גאַנצן צימער. ווען ער ברענט, רויכערן אַלע זיינע שפּאַלטן. ביינאַכט ווערט דאָס צימער באַלויכטן דורך „קינעלעך״ — ספּעציעלע דין־געשפּאָלטענע שפּענדע־לעך — וואָס ווערן געצונדן איינס נאָכן אַנדערן. די וואַש־שיסל איז אַ מולטער וואָס ווערט געניצט אויף וואַשן ס׳פּנים, די פיס, וועש און אויף צו קנעטן ברויט. די עס־מכשירים זיינען: איין גאָפּל, איין מעסער, איין לעפל און אַ שיסעלע, צו וועלכן דער חזיר איז אויך אַ שותף. אין דאָזיקן רומל פּאַסן זיך גוט אַריין די פאַרדאַרטע שוואַרץ־ווייסע קאַץ און אַ הון מיט אַ בלאָען, נאַקעטן הינטן.

שטייגער־לעבן ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק. ווי לאַנג וועט אונדז אויסקומען דאָ צו זיין?

אונדזער נייער גואל איז שוין אַרום די זיבעציק, אָבער נאָך גענוג קרעפּ־טיק. ער מאַכט שוין דורך דעם דריטן קריג. אין יאַפּאַניש־רוסישן און אין דעם ערשטן וועלט־קריג איז ער אויסגעוווען אויף פיל פראָנטן. ער האָט פיר זין און 2 טעכטער חתונה געמאַכט — איצט ווילן זיי אָבער פון אים

ניט וויסן. ער האָט שוין אייניקלעך, אָבער ווייסט ניט, ווי זיי זעען אויס. „קינדער זיינען גוט נאָר קליינע" — זאָגט ער ביטער. ער איז פּאַרהאַרטעוועט, פונקט ווי דאָס שטיקל מאָגערע ערד אַרום זיין כאַטע. זיין הויפּט־שטיצע, דאָס פערד, איז אים געפאַלן מיט צוויי וואָכן צוריק, אָבער ער איז מונטער און אויף יעדער זאַך האָט ער אַ וויץ אין גראַמען. זיין פּיפּקע מיט דער „מאַכאָרקע" לאָזט ער זעלטן אַרויס פונעם מויל.

זיין איצטיק ווייב איז שוין ביי אים די צווייטע. זי מוז זיין אין די זעכציקער. להיפוך צו אים, איז זי שוואַך און ביינערדיק — אַ ווייב אַ „סקראַבאַלע" *). אַ גאַנצן טאָג איז זי פאַרהאָרעוועט: אין קליינעם גאָרטן, ביי דעם וועבשטול, ביים פלעכטן קערב.

דער וויכטיקסטער לעבעדיקער באַשאַף איז דאָ איצט געוואָרן לאַפּיוק — דער הונט, וואָס איז צוגעבונדן אין דרויסן ביים הויז. זיין יעדער ביל איז אַ סיגנאַל פאַר אונדז: זיך באַהאַלטן! אַנטלאָפן פון מענטש און שטאָט צו הונט און וואַלד — אַ שפּיגל־בילד פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

מיר, מיט זייף און ציין־פּולווער, און בוך, און פילפעדער — דאָ אין דער ווילדער כאַטע. צוויי וועלטן — וועמעס איז די בעסערע?

23סטער אָקטאָבער.

דאָס ביסל ברויט, וואָס מיר האָבן געבראַכט, איז אויסגעגאַנגען. דער אַלטער טאַדעאוש און די אַלטע באַרבאַראַ לויפן אַרום זוכן פאַר אונדז עפּעס עסן. דאָס קען אַרויסרופן אַ חשד: פון ווען אָן זוכט עס דאָס דאָזיקע פּאָרל ברויט? און פאַרוואָס שטעלן זיי דאָס לעבן אין קאָן פאַר אונדז, וועמען זיי זעען צום ערשטן מאָל?

טאַדעאוש זאָגט: „פאַרוואָס האָט איר ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד? ס'וואָלט אפשר געווען בעסער פאַר אייך. מיר געפעלט יענער ייד פון קיידאַן, וואָס האָט בעת אַן „אַקציע" דערהרגעט 2 פאַרטיזאַנער און אַ דריטן פאַרוואונדעט, כאָטש ער איז דערנאָך אַליין אומגעקומען. אַזוי איז גוט."

די אַלטע זאָגט: „אַזעלכע חיות, וואַרפן לעבעדיקע קינדער אין די גריבער. אויך אונדזערע זיינען אַזעלכע. אָבער מיר וועלן אייך אויסהיטן."

אין אָוונט. מיר זיינען אַלע אין כאַטע. פלוצעם צעבילט זיך שטאַרק דער הונט. אין פענצטער הערט זיך אַ פעסטער קלאַפּ. צוליב זיכערקייט־

*) אויף זאַמעטער לשון — זייער דין און אויסגעמאָגערט, אַ שברי־כלי.

וועגן פאַרלעשט מען תיכף דאָס פייער. „ווער איז ?" — פרעגט די אַלטע, און מיר שוידערן פון שרעק. „אנטאנאס" — פאַלט דער ענטפער. ס'איז דער פויער, וואָס האָט עס איינגעאָרדנט דאָ די גאַנצע באַהעלטעניש. דאָס פייער ווערט ווידער אָנגעצונדן. דער גאַסט נעמט אַראָפּ פון פּלייצע אַ זאַק מיט עסן פאַר אונדז. ער איז געקומען צופוס אין חושך און אין גרויסע זומפּן. ער האָט מורא געהאַט צו פאָרן פון זיין שטוב, וואָס געפינט זיך פיר קילאָמעטער פון דאַנען, כדי עס זאָלן ניט בלייבן קיין שפורן. ער איז אין גאַנצן אויסגעווייקט און פאַרבלאָטיקט. שווייס רינט איבערן פנים, וואָס איז צעשראָקן, אָבער אויך צופרידן: ער טוט דאָך אַ מצווה, איינשטעלנדיק זיין לעבן. ער וויל בשום אופן ניט נעמען קיין געלט פאַר די פּראָדוקטן.

נו, פאַר אים און אונדזערע „אַלטע" צונויף מיט די ליטווישע פאַרטיזאַנער !

24סטער אָקטאָבער.

ערשט דעם פערטן טאָג דאָ און ס'ווערט שוין נודנע — טאָ וואָס וועט שוין זיין שפּעטער ?

בייטאָג זיינען מיר אין שטאַל מיט אַ שלאָס פון אויסנווייניק. יעדער טריט מאַכט אויפציטערן די נשמה. יעדער שאָרך האַמערט אויפן האַרצן. מיר הערן שטימען פון ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע שפּילן זיך אַרום. פאַסטעכער פּיטערן בהמות. די גלעקלעך, וואָס זיי טראָגן אויפן האַלדז, פּילן אָן די לופט מיט אַ מונטערקייט. און מיר קוקן דורך די שפּאַלטן פון פערדשטאַל, טאָמער, אפשר, חלילה... און אין האַרצן נאָגט אַ ליד ביז משוגעת:

„קלינגען גלעקעלעך ערגעץ פון וויטן"...

דער וויטיק אין האַנט און דער קאָנטראַסט צווישן זון און פעלד אין דרויסן און חושך און עיפּוש פון אינעווייניק ווירקן שטאַרק אויף דער שטימונג פון מיין ווייב ראַיע: „לאָמיר פאָרן צוריק אין געטאָ. וואָס ס'וועט זיין מיט אַלעמען, וועט זיין מיט אונדז".

פאַרנאַכט איז די שטימונג געוואָרן אַ ביסל היימלעכער: דער אַלטער האָט געבראַכט פון שטעטל אַ קליין חזירל און עס אַריינגעפירט, באַטירלעך, אין אונדזער „אַכסניה". דער נייער „שכן" קוויטשעט אויף אַלע כלים, אַז עס צערייסט אַזש דעם קאָפּ. אָבער ער פאַרטרייבט אויך די בליי־שווערע שטילקייט פון שטאַל, און דאָס געפיל, אַז ס'געפינט זיך נאָך אַ לעבעדיקער אָטעם אין שטאַל, האָט דאָך עפּעס דערמוטיקנדיקס אין זיך.

דאָס וויכטיקסטע אין אונדזער אויסבאַהאַלטן זיך איז, אַז קיין פרעמד אויג זאָל אונדז ניט באַמערקן. אין מאָמענט, ווען אַ שכן זאָל זיך דערוויסן וועגן אונדז, איז אויס מיט אונדזער באַהעלטעניש. דער איינציקער, וואָס דאַרף אונדז אויסהיטן פון איבעראַשונגען, איז דער הונט. אָבער אַ הונט פאַרדרימלט אויך אַמאָל, ווי דאָס האָט פאַסירט היינט. דער געטרייער שומר האָט נאָך ניט באַוויזן אַ ביל צו טאָן, ווי אַ פרעמדער האָט שוין געהאַלטן די קליאַמקע פון דער שטוב־טיר. די אַלטע לויפט אָן אָטעם צו דער טיר, ווייל מיר געפינען זיך גראָד אין שטוב. אַ טויט־בלאַסע פאַרשטעלט זי דעם פרעמדן דעם איינגאַנג. מיר הערן די שטים פון אַ מאַן:

— וואו איז טאַדעאוש?

— אַוועקגעגאַנגען.

— וועל איך אַריינגיין וואַרטן אויף אים.

— מען קען ניט.

— פאַרוואָס?

—עס ליגט דאָ אַ קראַנקע פרוי.

— וועלכע פרוי?

— אַ פאַרבייגייענדיקע ציגיינערקע.

בעתן שמועס האָבן מיר שטילערהייט געפּרואווט זיך באַהאַלטן אין צימער גופא. איינער איז אַרונטערגעקראָכן אונטערן בעט, אַ צווייטער איז אַרויף אויפן אויוון, זיך פאַרדעקנדיק מיט אַ שמאַטע, און אַ דריטער איז אַריינגעקראָכן אין גרויסן באַק־אויוון.

איז דאָס אַ מעשהלע, וואָס די ליבע מאַמע פלעגט מיר אַמאָל דערציילן וועגן קינדערלעך, וואָס באַהאַלטן זיך פון בער, אָדער פון דער מכשפה, ווען זיי זיינען אַליין אין שטוב? — ניין, ס'איז ניט קיין מעשהלע, נאָר אַ שפּיל מיטן טויט. דאָס מאָל, צום גליק, מיט אַ גוטן סוף: דער פויער נעמט אָן דעם תירוץ און גייט אַוועק.

אָן אָוונט פון דערוואַרטן. היינט דאַרפן קומען די איבעריקע 5 יידן. מיר גייען שוין ניט שלאָפן אין שטאַל, נאָר בלייבן אין כאַטע. די שעהן זיינען, ווי יאָרן. מיר ווערן אַלץ אומרואיקער, ווייל זיי האָבן שוין לויטן חשבון געדאַרפט זיין. די אַלטע זאָגט: ווער ווייסט, וואָס ס'האָט מיט זיי פאַסירט, ס'איז דאָך שוין האַלבע נאַכט. ניט קענענדיק זיך דערוואַרטן, שפּאַרן מיר זיך צו אויף דער האַרטער באַנק. אָבער אומרו און פליי, גרויס ווי וואַנצן, לאָזן ניט קיין דרעמל טאָן. אויך די אַלטע קען ניט איינשלאָפן, זעצט זי זיך ביי דעם וועב־שטול. אירע אויסגעדאַרטע פינגער לויפן איינטאָניק איבער די פעדעם. וויפל איז דער זייגער? ווער ווייסט? וויפל יידן אין געטאָ זיינען עס געבליבן ביי זייערע זייגערס? יעדער שאָרך שפּיצט אָן די אויערן. אפשר, אפשר. פלוצעם הערט זיך בילן פון הונט. זיי? אַ קלאַפּ אין פענצטער מיטן

פּאַראַל. ווער קען דאָס באַשרייבן די שמחה? און ווען איז אַ חברשער קוש געווען אַזוי האַרציק־אויפטרייסלענדיק?

ליכט אין אַן אָרעמער פויערשער כאַטע אין אַזאַ שפּעטער שעה קאָן אַרויסרופן פּאַרדאַכט. מיר גייען דעריבער האַסטיק אַריין אין שטאַל, אי־בערלאָזנדיק די שמועסן אויף מאָרגן.

25סטער אָקטאָבער.

היימלעכע שטימונג. אַ קלייניקייט: נאָך 5 יידן צוגעקומען! זיצט מען און מע דערציילט זיך ווידער אַמאָל נייס פון געטאָ, פון חברים, פון דער וועלט. אונדזער אַלטער טאַדעאוש, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו אונדזער שמועס, האָט ערשט איצט באַמערקט, אַז אין זיין קליינער כאַטע זיינען מיט־אַמאָל אויסגעוואַקסן אַכט לעבעדיקע יידן — און ס׳איז אים ווי ענג געוואָרן אין מוח. האַקט ער איבער אונדזער שמועס און רופט זיך אָפּ:

— וואו וועל איך אייך אַלעמען לייגן?

איינער פון אונדז פרואווט אים גלייך פאַרלויפן דעם וועג:

— נו, וועט מען זוכן אַ צווייט אָרט און זיך צעטיילן.

אויף דעם ענטפערט דער אַלטער:

— יאָ, יאָ, ניטאָ אָבער אַזויפיל גוטע מענטשן, ניטאָ.

ער לאָזט אַראָפּ זיין קאָפּ, פאַרריכט דעם טאַבאַק אין זיין פייקע און נאָך אַ קליינער הפסקה זאָגט ער צו אונדז מיט אַ שמייכל, וואָס ווערט אָבער פאַרוואָלקנט אין גאַנצן דורך די שווערע זאָרג־קנייטשן פון זיין פנים:

— מיר וועלן שוין ווי־עס־איז מאַכן. איר זייט נאָך כמעט יונגע מענטשן אַלע. איר דאַרפט נאָך לעבן. איך טו עס ניט דערפאַר, וואָס איך וויל פאַרדינען געלט. איך בין שוין געננג אַלט — און דאָס געלט אין דער ערד וועל איך ניט מיטנעמען. איך וויל אָבער, אַז ס׳זאָל ניט פאַרגאָסן ווערן נאָך אומשולדיק בלוט. וואָלט איך געקענט, וואָלט איך געראַטעוועט נאָך יידן. קען איך עס ניט, וועל איך באַשיצן די, וועמען איך האָב יאָ געראַטעוועט. איך וויל אויך ווייזן, אַז ניט אַלע ליטווינער זיינען גלייך צו די ליטווישע פאַרטיזאַנער. איך בין גראָד געווען אין איירעגאָלע, ווען מען האָט געפירט די דאָרטיקע און אַרומיקע יידן צו דער שחיטה. בעת די יידן — איינגערעדטע אַז מען פירט זיי צו אַרבעט — זיינען צוגעפירט געוואָרן צו דער דוביסע*) און פלוצעם דערזען פאַר זיך די פאַרטיקע גריבער — האָבן זיי אַוועקגעוואָרפן

*) נאָמען פון אַ טייך.

זייערע פעקלעך און גענומען אַזוי יאָמערן און גוואַלדעווען, אַז די ערד האָט געקענט פּלאַצן. איך האָב אַ טרייב געטאָן דאָס פערד און זיך פאַרשטאָפּט די אויערן. אַזוי האָבן געטאָן פיל אַנדערע פויערים. יענס בילד שטייט מיר נאָך לעבעדיק פאַר די אויגן. איך וועל טאָן אַלץ, אַז דאָס זאָל זיך ניט איבערחזרן כאָטש מיט אייך.

מיר האָבן זיך איבערגעקוקט און אונדזערע אויגן האָבן געפרעגט:

— וויפל יידן וואָלטן געוועזן פעאיק אַזוינס צו טאָן?

26סטער אָקטאָבער.

דאָס אָרט איז דאָ ווי ספּעציעל באַשאַפן געוואָרן פאַר יידן, וואָס אַנטלויפן פון געטאָ: זומפּן און קוסטעס און וואַלד. געדיכטע וועלדער און שיטערע ישובים — די גרעסטע מעלה אין אונדזערע באַדינגונגען. דער נאָענטסטער שכן איז אַ צוויי הונדערט מעטער ווייט, פאַרשטעלט מיט ביימער און ביימלעך.

מען זעט דאָ כמעט ניט קיין מענטשן. דער איינציקער שטענדיקער פאַרבייגייער איז דאָ די פויערטע מיט די נאסצעס*) מילך, אָן וועלכע עס זיינען אָנגעהאַנגען צוויי קליינע פעסלעך. יעדן פרימאָרגן אַזייגער זיבן טראָגט זי אַוועק אַ טייל מילך פון איר ווירטשאַפט, און פון די אַרומיקע שכנים אירע צו אַ דערבייאיקער פאַכט, ווי דאָס איז דער באַפעל פון דער דייטשער מאַכט. איידער מיר זיינען געקומען אַהער, פלעגט זי זיך יעדעס מאָל דאָ אָפּשטעלן. די אַלטע אַליין פלעגט איר שוין גיין אַנטקעגן און זי אַריינבעטן אין שטוב אַריין. לעצטנס פאַררעדט די אַלטע איר די ציין און מאַכט שוין אַזוי, אַז די פויערטע זאָל בלייבן אין דרויסן. דאָס קען אָבער ווערן פאַרדעכטיק. זאָגט אונדז היינט די אַלטע, אַז מיר זאָלן מאָרגן אין דער פרי אויפרוימען ביזן לעצטן ברעקל, ווייל זי וויל די מילך־טרעגערקע אַריינפירן אין כאַטע־אַריין. אַדרבא, זאָל זי זען, אַז ביי איר איז נאָך אַלץ כשר, ווי געווען...

27סטער אָקטאָבער.

דאָס לעבן טוט זיך זיינס אַפילו אין באַדינגונגען, אין וועלכע דו הערסט יעדע מינוט איבער דיין קאָפּ דאָס גערויש פון די פליגלען פון טויט.

---

*) הילצערנע וואַסער-טראָגערס.

אַן איבעררייד קומט באַלד אויף ביים ערשטן פּרואוו צו שאַפן אַ געוויסן סדר אין אונדזער טאָג־טעגלעך לעבן. אַן עלטער פּאָר־פּאָלק אין אונדזער גרופּע פּירט זיך אויף מעשה־פּריצים: זיי שלאָפן אין שטוב, לויפן בייטאָג אַרום איבערן הויף אין פּידזשאַמעס וכדומה זאַכן, אין וועלכע ס׳שטעקט די געפאַר באַמערקט צו ווערן דורך בייזע אויגן — און דאָס קען גאָר אָפּט ברענגען צום גרעסטן אומגליק.

רעדט מען און מען רעדט, דאַכט זיך, וועגן אַזעלכע פּשוטע און פאַר־שטענדלעכע ענינים — און מען קען זיך ניט דעררעדן. אַפילו ווען מענטשן שטייען אויפן ראַנד פון תהום, הערט ניט אויף צווישן זיי דער בבל פון לשונות.

28סטער אָקטאָבער.

דער שרעקלעך־גרויזאַמער טאָג פון דער פאַר צוויי־יעריקער „גרויסער אַקציע". שרעקלעכע געפילן פון נקמה, האַס און טרויער. דאָ, אינעם שמוציקן שטאַל, פילט מען דאָס אפשר נאָך טיפער און שאַרפער.

אונדזער אַלטער, מיט וועלכן מיר פאַרפירן אַ שמועס וועגן דער „אַק־ציע" פון היינטיקן טאָג, וואַרפט אַריין אַ פּאָר ווערטער: „איך פאַרשטיי, ווען סאָלדאַטן קעמפן אויף פּאָזיציעס, אָבער נעמען און מאָרדן פרויען און קינדער — דאָס קענען נאָר פּחדנישע רוצחים". ער זויגט זיך איין לאַנג אין זיין פּיפקע און פאַרזינקט אין מחשבות — זיכער ניט קיין טיפע, אָבער אַן ספק מענטשלעכע.

אַ פּלוצעמדיקע קנאַלעריי רייסט איבער אונדזער שמועס. פון וואַנען אַ שיסעריי אין אַזאַ פאַרוואָרפענער געגנט? דער הונט הייבט אָן שטאַרק בילן. אַלעמענס פּנימער זיינען בלייך, ווי קאַלך. אַ טויט־שטילקייט. מיר דערמאָנען זיך, וואָס די אַלטע באַרבאַראַ האָט אונדז פריער דערציילט, אַז פּאָליציי זוכט אַרום אין אונדזער סביבה ציגיינערס און פּאַליאַקן. געפינען מיר זיך אין אַ „קעסל"?

די שרעק ענדיקט זיך דאָס מאָל מיט גאָרניט, אָבער ביי אַלעמען פאַר־שטאַרקט זיך דער באַשלוס, אַז מען דאַרף וואָס גיכער אָנהייבן אויסבויען אַ שטיקל „מאַלינע", כדי מען זאָל אונדז לכל־הפּחות ביים ערשטן אויגנבליק ניט קענען כאַפּן.

דער אַלטער ברענגט אַ ידיעה, אַז פון געטאָ האָט מען ווידער אַרויס־געפירט עטלעכע טויזנט יידן. גראָד דעם 28סטן אָקטאָבער! איז עס ריכטיק?

29סטער אָקטאָבער.

מיר פּרואוון בויען אַ „מאַלינע״ אין היי. מיר האָבן געבראַכט פון דעם דערבייאיקן וואַלד צווייגן און ביימער־שטאַמען. פון די צווייגן און היי האָבן מיר אויסגעפלאָכטן אַ וואַנט מיט אַ לאָך פון אונטן, וואָס ווערט פאַרדעקט מיט היי.

קיין גרויסע באַהעלטעניש איז עס זיכער ניט. אַ געוויס געפיל פון זיכערקייט גיט עס אָבער פאָרט. נאָך אַלעמען ווערט די נאַאיוויטעט פון דער קינדהייט קיין מאָל ניט פאַרשוואונדן, באַזונדערס טויכט זי אויף אין גורל־שווערע שעהן.

פון היינט אָן האָבן מיר איינגעפירט אַ שמירה: די דריי יונגע מענער זאָלן צו 4 שעה נאָכקוקן דורך די טיר־שפּאַלטן די באַוועגונג אַרום אונדז. די ער־שטע „עליה״ באַקום איך. אַלע ליגן אין שייער פאַרמאַלינעוועט און איך קוק דורך די שפּאַלטן. אין שכנות דרעשן מאַשינעס. אַרבעטערס זינגען פריילעכע לידער. אַ פּאָר טריט פון דאַנען — אַ פרייע וועלט, אַ שיינע וועלט און מיר, קינדער פון „אתה בחרתנו״־פאָלק, ליגן אין אַ לעבעדיקן קבר.

אָבער וואָס זע איך דאָ פּלוצעם: אַ מענטש מיט אַ פּאָרטפעל גייט אַריין אין דער הייזקע! אין דער געגנט איז דאָס אַזאַ אומגעוויינלעכער גאַסט, ווי אַן אויטאָ מיט פערציק יאָר צוריק אין אַ ליטוויש שטעטעלע.

גלייך נאָך זיין אַוועקגיין לויפט אַריין צו אונדז אין שטאַל די אַלטע און דערציילט, אַז איצט איז געווען ביי זיי דער „סעניאונאס״ (דאָרף־עלטסטער). ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל רעדן נאָר מיטן מאַן. הייסט עס: אַ גאָר וויכטיקער ענין. זאָל עס זיין וועגן אונדז? אַלע אברים וואַרפן פון שרעק.

ווען דער אַלטער איז געקומען, האָט ער זיך גלייך געלאָזט גיין אויפ־זוכן דעם חשובן גאַסט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָרף־עלטסטער האָט אים טאַקע געדאַרפט זייער נייטיק האָבן, ווייל ער נייטיקט זיך אין אַ... פּאַס אויף „סאַמאַגאָן״, (היימיש־געמאַכטע בראָנפן).

מיר הערן די מעשה און שמייכלען אונטער. וויפל אַזעלכע שמייכלען אָבער קען אַ מענטשלעך האַרץ אַריבערטראָגן?

30סטער אָקטאָבער.

מיין חבר קומט היינט צו מיר פון דער „שמירה״ מיט אַן „אוצר״: אַ ליד. ער האָט ניט געהאַט, וואָס צו טאָן, האָט ער פאַרפאַסט אַ שיר. איך

קוק אים שאַרף אָן: ער — און אַ ליד? אין געוויינלעכע צייטן איז ער תמיד געווען טרוקן, ווי אַ פּלאָקן.

איך לייען די ערשטע שורות. ווען איך זיץ ביים רעדאַקציע־טיש, וואָלט איך אַזאַ ליד גלייך געשיקט אין קויש אַריין. אָבער וויפל ייִדישע לי־דער זיינען דאָס פאַרפאַסט געוואָרן אין אַ ליטווישער חזיר־שטאַל? טאָ זאָל עס אפשר פאַרצייכנט ווערן, ווי אַ זכר־לחורבן.

אין ווינקל פאַרוואָרפן פון ליטע דעם לאַנד
אויף שמירה איך שטיי אָן ביקס אין דער האַנט.
אַ קיבוץ פון ייִדן, פון נפשות נאָר אַכט,
פון טויט פונעם ווילדן זיין זאָלן באַוואַכט.
שומרים נאָך צוויי זיי היטן געטרייע,
זעכציק איז ער און זי זיבעציק איז אַלט,
טרייער נאָך היט דער הונט אַט דער שטומער
און אויכעט דער גרויסער, פינצטערער וואַלד.
די אַלטע די ביידע, בלוט פון געדעמינען,
קובּיליונאַסעס *) רוצחים זיי האַסן מיט שוים,
פון וויטאויט דעם גרויסן ווייטער זיי שפינען
פון פריינדשאַפט צו ייִדן דעם מענטשלעכן טרוים.

***

*) קובּיליונאַס — דער ליטווישער גענעראַל, פּרעמיער־מיניסטער אין דער צייט פון דייטשער אָקופּאַציע, וואָס זיינע פּאָליציסטן האָבן זיך באַטייליקט אין די רציחות אויף ייִדן אין ליטע.


I-ji KAUNO
Mėsininkų Koop. Gam. Art.
„MĖSA"
Kaunas, Vilniaus g-vė 37.
Tel. 25879
Fabrikas
skyrius
Nr.
Skerdenų ar jų išpiaustymo (tranžiravimo)
Žinios Nr.
194 m. mėn. d.

Kokios skerdenos ir jų dalys supiaustytos	Kiekis vt.	Svoris kg	Pastaba

אַ בלעטל פון טאָג-בוך

.2

אין כאַטע
און שטאַל

1טער נאָוועמבער.

מיר האָבן זיך אַרומגעזען, אַז ביי עטלעכע פון אונדז פעלן זאַכן. היות אונדזערע באַשיצערס זיינען גראָד געווען אַוועקגעגאַנגען, האָבן מיר אַ זוך־געטאָן ביי זיי אין כאַטע. צו אונדזער גרויס פאַרוואונדערונג האָבן מיר דאָרטן געפונען די פאַרפאַלענע זאַכן, אַ בלייפעדער, טיכלעך אאַז״וו.

ווער קען פאַרשטיין די מענטשלעכע נשמה: ראַטעווען מענטשן מיט טויט־געפאַר פאַר זיך און דאָך זיך ניט אָפּשטעלן פון גנבענען אַ... נאָז־טיכל!

דער אַלטער טאַדעאוש, וועלכער קומט פון צייקישאַק, ברענגט אַ ידיעה, אַז מען האָט אַרויסגעפירט פון סלאָבאָדקער געטאָ ביי זיבן טויזנט יידן. ענלעכע קלאַנגען האָבן אונדז שוין דערגרייכט פריער. משמעות, אַז די שרעקלעכע ידיעה איז אַ ריכטיקע. אַ גאַלעריי פון באַקאַנטע און פריינד גייט דורך פאַר די אויגן — און ס׳ווערט ביטער אויפן האַרצן.

3טער נאָוועמבער.

דער ערשטער אומדירעקטער גרוס פון יידן: די פרוי פון דעם, וואָס האָט געגעבן די פערד, כדי אונדז צו ברענגען אַהער, דערציילט אונדז, אַז צוויי יידן פון געטאָ זיינען געווען ביי איר און זיך נאָכגעפרעגט אויף אונדז. זיי האָבן אויך געבראַכט אַ צעטעלע פון אונדזער טייערן אייזיק סרעבניצקי, איינעם פון די וויכטיקסטע טוערס אין געטאָ. אין צעטעלע ווערט דערציילט, אַז די לאַגע אין געטאָ ווערט שרעקלעכער פון טאָג צו טאָג און מע זאָל העלפן ראַטעווען אים און זיין פרוי סאָניע. די דאַטע, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן אויף אָפּצוגעבן אונדזער ענטפער, איז באַשטימט געוואָרן אויפן צווייטן נאָ־

וועמבער און מיר האָבן דערהאַלטן דאָס בריוועלע ערשט דעם דריטן! וואָס טוט מען? ווי ראַטעווועט מען אַזאַ טייערן חבר? ווי קומט מען צו אים?

די צוויי יידן האָט די פרוי, צוליב טעמים פון פּאָרזיכטיקייט, ניט אָפּגעשיקט צו אונדז, נאָר האָט זיי געגעבן אַן אַדרעס פון אַן אַנדער פּויער, וועמען זי באַטראַכט פאַר אַ גוטן מענטשן, וועלכער וועט זיי העלפן.

4טער נאָוועמבער.

אַנטאַנאַס, דער איינציקער קריסט, וועלכער ווייסט וועגן אונדזער אָרט און וועלכער האָט געגעבן זיינע פּערד אונדז צו ברענגען אַהער, איז היינט אין אָוונט געקומען צו אונדז. ער האָט געבראַכט אַ גרויסע פור מיט שפּייז — פליש, מעל, פעטס. דאָס וועט אונדז קלעקן אויף אַ זעקס־זיבן וואָכן. איין קלייניקייט!

היינט האָבן מיר דעם ערשטן געפערלעכן דורכפאַל. איינע פון אונדזערע פרויען איז די נאַכט קראַנק געוואָרן און זי איז דעריבער געבליבן אין שטוב שוין אויך בייטאָג צוזאַמען מיט אַ צווייטער פרוי, וועלכע זאָל אויף איר אויפּפּאַסן. אויף אייגענער אַחריות איז געהאַט אַריק אין שטוב אויך דער איינציקער בחור פון אונדזער חברה — מ.. פלוצעם האָט פאַרבייגעשלייכט פאַרן פענצטער אַ פרעמדער פאַרשוין. אונדזער הונט האָט דאָס מאָל פאַרשלאָפן, ווייל דער גרויסער ווינט האָט אָוועקגעטראָגן דעם עכאָ פון די פרעמדע טריט. די ווייבער האָבן באַוויזן אַרויפצוקריכן אויפן אויוון און זיך צו פאַר־דעקן. מ. האָט קיין אַנדער אויסוועג שוין ניט געהאַט, ווי זיך מאַכן שלאָפן אויף דער באַנק, און די אַלטע באַרבאַראַ איז גיך אַנטקעגנגעלאָפן דעם ניט־געבעטענעם אורח. דער גאַסט, גראָד אַ נאָענטער שכן, פרעגט:

— ווער איז דער?

— אַ פאַרבייגייער.

— אַן אונדזעריקער?

— יאָ.

— האָם — האָט דער אורח אַ ברום געגעבן און אַ וואָרף געטאָן זיינע בליקן אויף די גוטע שטיוול פונעם „שלאָפנדיקן”, וואָס זיינען אין די דאָזיקע מקומות נישט פון די זאַכן, וואָס מען זעט אָפט.

די גאַנצע מעשה רופט אַרויס גרויס שרעק. מיר מאַכן פּלענער צו אַנט־לויפן פון דאַנען. אָבער — וואוהין? און אויב ס'וועט ניט זיין קיין ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע, וועט מען דאָך בלית־ברירה סיי־ווי מוזן דאָ בלייבן.

7טער נאָוועמבער.

עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג נאָכן דורכפאַל און מען האָט זיך באַ־רואיקט.

היינט אַ גרויסע שמחה: דער אַלטער האָט געבראַכט אַ בריוול פון מ.׳ס ברודער, וועלכער לעבט אין קאָוונע אויף ליטווישע פּאַפּירן. אַ „לחיים״ פון „סאַמאַגאָן״ האָט באַשיינט די שמחה.

עס פאַלט היינט דער ערשטער שניי. ווייסע אומשולד איבערן גאַנצן אַרום. ערשטער שניי — וויפל פרייד האָט ער אַמאָל געבראַכט יידישע קינ־דער אין ליטווישע שטעטלעך! ערשטער שניי — וויפל טרויער און פּיין שניידט ער איצט אין האַרצן אַריין!

8טער נאָוועמבער.

חלומות פאַרנעמען איצט אַ גרויס אָרט. קיינער פון אונדז האָט פריער ניט געחלומט אַזויפיל, ווי איצט. אַלע חלומות דרייען זיך ס׳רוב אַרום געטאָ. מען חלומט וועגן אַנטלויפן פון געטאָ אָדער וועגן אומקערן זיך אַהין. מע לויפט, מע יאָגט, מע שיסט. ניט זעלטן מאַכט עמעצער אַ געוואַלד אין שלאָף. דעם „חלומות רעים ביעתוני״ פילן מיר איצט ווייטיקדיק אויף זיך.

9טער נאָוועמבער.

היינט קומט דער אַלטער טאַדעאוש אַרויס צו אונדז מיט אַ גאַנצער דרשה:

— אַנטאַנאַס (דער צווייטער פויער) האָט געהאַט פון איינעם פון אייך פיל טובות. ער האָט באַקומען 15 העקטאַר ערד און אַלע זיינע טייערע זאַכן זיינען איצט ביי אים. ער האָט איצט געוואָלט אים אָפּטאָן אַ טובה און ראַטעווען זיין לעבן, ריזיקירט ער מיט מיר, ניט מיט זיך. פאַר אייער קומען האָט אַנטאַנאַס מיר געזאָגט: „דו וועסט איצט אויפגעריכט ווערן. איך וועל

אַוועקשטעלן ביי דיר מיין קו אויף פּאַשע. פּ. וועט קומען צו דיר פון געטאָ מיט זיין פערד און וואָגן, וועלכע וועלן שוין בלייבן ביי דיר. מיינט ניט, אַז איך ריזיקיר מיין לעבן פאַר געלט. איך האָב שוין אָפּגעלעבט מיינע זי־בעציק יאָר — וואָס קען איך שוין דאָ געווינען און וואָס קען איך דאָ שוין אָנווערן? איך האָב ניט מורא פאַרן טויט — דאָס לעבן איז סיי־ווי ווייניק־וואָס ווערט. נאָר — מיט אַ פערדל איז עפּעס דאָך אַ לייכטערער לעבן און די לעצטע יאָרן ווילט זיך אויסלעבן אַ ביסל רואיקער.

דער אַלטער איז זיכער גערעכט, מיר האָבן שוין צווישן זיך וועגן דעם גערעדט פריער. די מורא איז נאָר צוליב פּאָלגנדיקע צוויי טעמים: אַ פערד וועט ביסלעכווייז אויפעסן דאָס היי, וואָס איז אונדזער איינציקע שוץ אין דער „מאַלינע“ און צווייטנס — די אַרומיקע שכנים זאָלן ניט ווערן פאַרדעכטיק, וואָס דער אַלטער איז עפּעס פלוצעם נתעשר געוואָרן?

12טער נאָוועמבער.

די קעלטן ווערן אַלץ גרעסער. ניט אַלע פון אונדז זיינען גוט צוגעגרייט צו זיי. מע האָט געוואָלט ראַטעווען דעם נפש — און פאַרטיק. אַנדערע פון אונדז האָבן אויך מער ניט געקענט טאָן. אָבער פּ., וועלכער האָט אין דער היגער געגנט געהאַט אַמאָל זיינע גיטער, איז געווען ביכולת און אויך פּראַקטיש געצוג זיך צוצוגרייטן אויפן ווינטער. זיי האָבן 6 וואַרעמע דעקעס — אָבער אָנבאָטן איינע פאַר עמעצן, ווען עמען עס פעלט אַ צודעק — חלילה! זיי האָבן גרויסע פעלצן — און האַלטן עס פאַר די מייז! פּ., וועלכן מיר רופן „דער פריץ“, האָט אַליין געזאָגט אַז נאָך דער באַפרייאונג וועט ער לאָזן אַלע זיינע זאַכן ביי אַנטאַנאַסן, און איצט קען ער ניט פועלן ביי זיך אָנצובאָטן אַ קאָלדרע פאַר יידן, וועלכע פרואוון ראַטעווען צוזאַמען מיט אים דאָס לעבן און ווערן פאַרפרוירן פון קעלט!

14טער נאָוועמבער.

אַ זעלבסטמאָרד אין דער סביבה: אַ פויער האָט ניט צוריקבאַקומען זיין אויסגעבאָרגט געלט, האָט ער גענומען און זיך אויפגעהאָנגען. דאָס גאַנצע דאָרף גייט אויף רעדלעך: סיי צוליב דער זעלטענער געשעעניש אין דער

געגנט, סיי צוליב דעם, וואָס דער גלח וויל ניט קומען „אים טאָן זיין רעכט" און מען האַלט שוין דעם בר־מינן פיר טעג.

דער אַלטער דערציילט די מעשה און געוואַלדעוועט: סטייטש, ניט באַ־גראָבן? אַ מענטש, ווי אַלע, און ער האָט רעכט אויף זיך.

די אַלטע האָט אָבער אַן אַנדער מיינונג:

— אויב ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן — זאָלן אים עסן די וואָראָנעס. אויב שוין יאָ געוואָלט זיך הענגען — גיי אין וואַלד און הענג זיך, זאָל משפחה נישט האָבן קיין חרפות און בזיונות.

שפּרינגט אויף דער אַלטער:

— האַלט ס'מויל! וואָס איז ער אַ רוצח, אַ גנב, אַ „ראָזבאָיניק"? ער האָט דאָך זיך דערהרגעט, אָפּגעשניטן זיין אייגן לעבן — וועמען גייט עס אָן?

די אַלטע הייבט אויף די אויגן צום הימל:

— אָבער די הייליקע שריפט...

ער רעדט ווייטער:

— עך, אויסטראַכטעניש. ס'איז נאָר אָפּצונאַרן און צו ציען געלט. קיינער איז אויפן הימל ניט געווען און ווייסט ניט די פּאַראַנדקעס דאָרטן... איך גיי אַמאָל צום גלח אויף ווידוי — און אויב איך וועל ניט וועלן, וועל איך קיין מאָל ניט גיין...

ער כראָקעט אויס אויפן „דיל", פּאַרגלאָצט זיינע וואָסערדיקע אויגן — און פּאַרטיק מיטן רעליגיעז־פילאָסאָפישן טראַקטאַט.

דאָס איז אונדזער באַשיצער. איז פּרימיטיווער אַטעאיזם אין אונדזער לאַגע בעסער פאַר פרומען קאַטאָליציזם?

17טער נאָוועמבער.

עטלעכע טעג רואיקע. קליינע שרעק — און דאָס גאָר. אַ פּאַרבייגייער, אַ ביל פון הונט — און שוין. אַ דאַנק דערפאַר.

מיר ליגן גאַנצע טעג אין שטאַל. אַ גרויסן טייל פון טאָג שלאָפט מען. אַ מיטל צו לאָזן וויניקער צייט אויף טראַכטן. צו מיר קומט ניט דער שלאָף־אויסלייזער בייטאָג. שטיי איך אַ גאַנצן טאָג און קוק דורך די שפּאַלטן פון דער שטאַל־טיר צו דער טיר פון דער כאַטקע.

אין דער קעלט און אין דער לאַנגווייל זיינען קליינע אָפּפרישונגען די פרישטיקס און מיטאָגס. די ערשטע שעהן פון טאָג שלעפּן זיך, ווי פון פעך,

אַ שעה — אַ יאָר. דערפֿאַר ווערט היימלעכער נאָך מיטאָג: עס דערנעענ־טערט זיך אַזייגער פֿיר־פֿינף, ווען עס ווערט פֿינצטער און מען קען זיך אַריינ־גנבענען אין שטוב אַריין און אויף אַ ווײַלע דערוואַרעמען די גלידער. אין די אויסגייענדיקע טאָג־שעהן קריכט שוין דער גאַנצער עולם אַרויס פֿון דער היי־נאָרע און פֿאַרכאַפּט „פּאָזיציעס" ביי די שפּאַלטן פֿון דער שטאַל־טיר. די שעהן פֿון בין־השמשות רופֿן מיר דעריבער „נעילה".

צוליב די פֿאַרשטאַרקטע קעלטן שלאָפֿן יעדע נאַכט צו 2־3 פּערזאָנען אין שטוב. פּאַסירט, אַז אַ זעלטענער אורח לאָזט זיך אַראָפּ שפּעט אין אָוונט אָדער גאָר אין דער פֿרי, ווען מען שלאָפֿט נאָך. אין דער צייט איז דער חוש־השמיעה פֿון אונדזער „שומר ישראל" זייער שאַרף און די שלאָפֿנדיקע באַוויזן נעלם צו ווערן אויפֿן אויוון אָדער אויפֿן בוידעם. מען מוז דאַן מיט־שלעפּן מיט זיך אַלע קליידער און שיך, ווייל די קלענסטע קלייניקייט אין אַזאַ כאַטע און אין אַזאַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל רופֿט אַרויס דעם גרעסטן פֿאַר־דאַכט.

איינער פֿון אַזעלכע אומגעוואוינטשענע באַזוכן האָט איין מאָל שיער ניט געבראַכט צו אַן אומגליק. דערהערנדיק אַ שטאַרק בילן פֿונעם הונט, האָט אַ פֿרוי, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער כאַטע, זיך גיך אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן אויוון און זיך פֿאַרדעקט מיט אַ מאַנטל איבערן קאָפּ (די אויוונס אין דאָרף ווערן געבויט אַזוי, אַז איין טייל זייערער זאָל קענען אויסגעניצט ווערן אויף צו שטעלן פֿאַרשיידענע כלים, ווי אויך צו שלאָפֿן דאָרטן). דער אויוון איז גראָד געווען זייער הייס, ווייל עס איז געווען נאָכן באַקן ברויט. און דער אורח זיצט, און דערציילט זיך מעשׂות. וואָלט ער געזעסן נאָך צען מינוט, וואָלט דאָס די פֿרוי ניט אויסגעהאַלטן. ווען זי איז אַראָפּ פֿון אויוון, איז זי געווען אין גאַנצן באַדעקט מיט שווייס און איז תיכף געפֿאַלן אין חלשות.

19טער נאָוועמבער.

רעגנס, שנייען, וואָס צעגייען. פֿאַרחושכטע טעג. וואַלד נאַקעט און אימהדיק. הונט האַרבעט זיך אין שטרוי. הינער טופּען אונטער אָפּדאַך. שאַרקעס, עפּעס גאָר ניט קיין געזעענע אין שטאָט, מיט לאַנגע, פֿיל־פֿאַר־ביקע עקן, זוכן פֿאַריאושט שוץ פֿון קעלט. אלולדיק אין חשוון — ליטווישער האַרבסט אויפֿן דאָרף.

קאַלעמוטנע. טרויעריק. נאָגנדיק. פּלוצעם קומט גרויסער שטורעם.

קען שייער ניט איינפּאַלן ? די באַלקנס זיינען אויף משקולת. די הויכע קוגעס*) שטרוי אין דרויסן שאָקלען זיך. אַפילו דער דאַך פון אונדזער כאַטע ווערט דורך אונדזער אַלטן אויף גיך באַפעסטיקט מיט שווערע קלעצער.

אין שייער איז שרעקלעך צו זיין. עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט ווערט מען באַגראָבן לעבעדיקערהייט. צו בין־השמשות, פריער פון אַלע מאָל, כאַפּן מיר זיך אַריין, איינציקוויז און אין דרייען געבויגן, אין „פּאַלאַץ". דער ווינט פייפט ווייטער. די ווילדע סטיכיע צעשפּילט זיך אויף אַלע כלים. אַ פּחד פאַלט אָן אויף יעדערן — טוליעט מען זיך אַלע צוזאַמען ביים גרויסן אויוון און אין דער פינצטער הייבט מען אָן צו ציען אַ ניגון, שטיל, גאָר שטיל, דער שטורעם זאָל, חלילה, ניט דערהערן און די קלאַנגען אַוועקטראָגן אין מקומות פון בלוטיקער טומאה.

פון איין ניגון ווערט געבאָרן אַ צווייטער, אַ דריטער — אַמאָליקע טייערע, האַרציקע ניגונים, וואָס דערמאָנען אַזוי פיל און ווייטיקן אַזוי ס׳האַרץ. עס שוועבן פאַרביי פאַר די אויגן בילדער פונעם אַמאָליקן יידישן שטעטל אין ליטע. טאַטע־מאַמע, פריינד און באַקאַנטע — געהרגעטע אויף פאַרטן און געשטאָרבענע אויף אייגענעם בעט — מאַרשירן לעבעדיק פאַרביי אין דמיון. ראָמאַנטישע יאָרן ווערן וואָר, און פולבלוטיק־יידיש לעבן פון אַמאָל זעט אויס עפּעס, ווי גאָלדענער חלום פון הונדערטער יאָרן צוריק.

אין דער דאָזיקער פאַרחלומטקייט ווערן נאָך ווייטיקדיקער די פאַרבענקטע שורות פונעם ליד, וואָס מע האָט מיט אַזוי פיל האַרץ און אומעט אַזוי אָפט געזונגען אין געטאָ :

„איך וויל נאָך איין מאָל זען מיין היים,
צי איז דאָרט אַלעס, ווי געווען :
אָט־דאָ דער טייך, אָט־דאָ דער בוים,
אָט־דאָ דער דאַך, וואָס האַלט זיך קוים —
איך וויל אַהיים !"

אַהיים... נאָך איין מאָל... נאָך איין מאָל...

איבערגעריסן דער ניגון. ניטאָ קיין כוח מער. עס שטראָמען טרערן — די העכערע מדרגה פון ניגון, און פון טרערן ווערט געבוירן אַ שטומע תפילה.

ווי לאַנג האָט געדויערט דער חלום פון „אַהיים" — אַ מינוט, צי אַן אייביקייט ?

דער ווינט פייפט מאָוימדיק — און ס׳דערמאָנט זיך ווייטער אַ מוצאי־

*) הויכע קופּעס היי אָדער שטרוי אין דרויסן אין דער פאָרם פון אַ פּי־ראַמידע.

שבתדיקער בין מנחה למעריב אין אַ ליטוויש בית־מדרש־שטיבל אָדער קלויז. אַרום טישן זיצן יידן און זינגען־זאָגן קאַפּיטלעך תהילים. קליינוואַרג זוכט אויף אַ ווינקל, וואו מע דערציילט זיך מעשיות וועגן שדים און רויבערס און וועלף און אַנדערע חיות רעות. קליינע חברה ציטערט אינגאַנצן, ס׳דאַכט זיך, שדים שלעפּן פיס אונטערן טיש, פון אַלע זייטע קוקן אַרויס טויזנ־טער בייזע אויגן — און דאָך איז אַזוי זיס צו זיצן דאָ און הערן, הערן אָן אַ סוף. ווילט זיך, אַז חושך זאָל זיך ציען און טרוקענער קלאַפּ אין שטענדער און וואַכיקער „והוא רחום״ זאָלן ניט אָפּקלינגען אינעם פאַר־כישופטן קינדער־וועלטל פון בין קודש לחול.

וואו זיינען זיי געבליבן אָט די אַלע ליבע, פּראָסטע יידן, וואָס איז גע־וואָרן פון די קלויזן און בתי־מדרשים? וואו זיינען אַהינגעקומען אָט די אַלע שלמהלעך און משהלעך — וואוהין איז דאָס אַלץ פאַרשוואונדן?

ניגונים יידישע פון אַמאָל, בילדער יידישע פון אַמאָל — אין אַ כאַטע אַ פּויערשער, אין אַ דאָרף אַ ליטווישן, אין אַן אָוונט אַ שטורעמדיקן — יידי־שער גורל, גורלדיקע יידישקייט!

<u>20סטער נאָוועמבער.</u>

היינט ווערט אַ חודש, ווי מיר זיינען דאָ. מע פאַרטראַכט זיך וועגן אונדזער שריט. אין געטאָ האָט נאָך יעדער דערוויייל זיין אייגן בעט און די דראָטן שיצן אים אויך דערוויייל — דאָ זיינען מיר יעדע רגע אויסגעשטעלט אויף טויט און מע לעבט אין די ערגסטע באַדינגונגען. די אַנטוויקלונג אין געטאָ אין משך פון לעצטן חודש שיינט אָבער דאָך צו באַרעכטיקן אונדזער שריט. די פראַגע, וואָס האָט ביזן טויט געמוטשעט יעדער יידן אין קאָוונער געטאָ, שטייט ווידער אין איר פולסטער האַרבקייט: „וועט קאָוונער געטאָ בלייבן אַן אויסנאָם?״ אויסער די געשוואָרענע אָפּטימיסטן, וואָס זייער צאָל איז גאָרניט געוועזן אַזוי קליין, האָט דער גרעסטער טייל יידן געהאַלטן, אַז די געטאָ אין סלאָבאָדקע וועט סוף־כל־סוף ליקווידירט ווערן. די שאַרפע חילוקי־דעות האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן אַרום דער פראַגע, ווען דאָס וועט געשען און ווי אַ רעזולטאַט פון דעם — ווען אָנצוהייבן צוגרייטן די מיטלען זיך צו ראַטעווען?

לעצטנס האָבן שוין כמעט אַלע געוואוסט און פאַרשטאַנען, אַז זעלבסט־שוץ איז זעלבסטמאָרד. די גורל־פראַגע פון זיך ראַטעווען איז באַשטאַנען אין פאָלגנדיקע צוויי ברירות:

1) זיין היינט זיכער (בלייבנדיק אין געטאָ) און ריזיקירן מאָרגן (האַרט ערב געפּאַר) ?

2) ריזיקירן היינט (מיטן אַנטלויפן), כדי צו זיין זיכערער מאָרגן ?

איך האָב אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג. היינט ווערט דרייסיק טעג, ווי איך האָב מיין באַשלוס פאַרווירקלעכט. אַ ביטערער „שלושים", פול בענקשאַפט נאָך חברים און פריינד, געבליבענע „באַשיצט" הינטער די דראָטן.

21סטער נאָוועמבער.

לכבוד אונדזער חודשדיקן „יובל" האָבן מיר היינט אַ שטיקל אורח — ביינאַכט... אין שלאָף דערלאַנגט עפּעס אַ פּאַל פון בוידעם (פון שטרוי) אויף אַ פּרוי אין שטאַל. זי שפּרינגט אויף, מע גיט אַ צינד אָן די באַטערייקע — אַ מויז...

אין גוטע צייטן וואָלטן די ווייבער אויפגעהויבן קולות אַוש ביזן הימל, אָבער איצט — שאַ...

מסתמא איז די דאָזיקע באַשעפעניש דאָ נישט די איינציקע...

22סטער נאָוועמבער.

אונדזער איינציקער לעבעדיקער „ניט־יידישער" שכן אין שייער איז — דער חזיריוק... אַזוי ווי מע קען דאָך ניט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת טראַכטן וועגן טויט — קוקט מען גאָר אָפט אויפן קליינעם חזיר. די עקלדיקסטע באַשעפעניש פאַר אַ יידן, וואָס אונדזער אַלטער האָט זיך איינגעשאַפט פאַר אונדזער געלט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק וואָקסט ברוך־השם פון טאָג. פון זיינע זיבן־אַכט קילאָ איז שוין געוואָרן באַלד אַ האַלבער צענטער, קיין עין־הרע... דער אַלטער האָט אונדז באַוויזן, ווי זיך צו „אַמוזירן" מיטן דבר־אַחר: מע נעמט אַ שטעקן און מע קראַצט אים — ווערט אים אַזוי גוט, אַז ער ציט זיך אויס, שטרעקט אויס די מאָרדע, פאַרמאַכט די אויגן פון גרויס הנאה, און אָכצעט עולם־הזהדיק... הערט מען אויף אים צו רייבן, קערט ער זיך אום אויף דער ניט־געקראַצטער זייט און קוקט מיט בעטנדיקע אויגן: „נאָך, נאָך..."

ווען ער איז זאַט, טאַנצט ער אויפֿן קורצן שטריקל הין און צוריק, מאַכט האָפּקעס און קייקלט זיך.

נאָר איין חסרון צו די אַלע מעלות: ער איז צו רירעוודיק מיט זיין חזירישן שניוק, ער קערט אום די שטאַל, אויסגראַבנדיק דאָס איינגעבעטע מיסט, און ווען עס הייבט אים אָן פּיקן אין מאָגן, קוויטשעט ער, ווי אַ גרויסער דבר־אחר.

צו פֿאַרטרייבן דעם חשק פֿון זיין חזירישער נאָז זיך צו גראָבן אין דער ערד, מאַכט היינט טאַדעאוש אויף אים אַ שטיקל אָפּעראַציע: ער שטעכט אים אַדורך די נאָז און הענגט אים דאָרט אָן אַ פֿאַרבויגענעם דראָט—אַ סגולה קעגן קנישען. צו אונדזער מזל גייט גראָד ניט גלאַטיק אַדורך די אָפּעראַציע: דער דראָט איז צו וויך און דער שניוק איז שוין צו האַרט. זאָגט דער אַלטער צו מיר:

— בערעליס, זעץ זיך אַרויף אויף אים און האַלט אים צו.

געטראָפֿן וועמען צו בעטן: אַ טעלזשער ייִד, וואָס אים האָט געעקלט אַפֿילו אַ קוק צו טאָן אויף אַ חזיר, זאָל זיך איצט אַרופֿזעצן אויף אים, צוהאַלטן זיין ברודיקן גוף, דערצו נאָך, ווען יענער מאַכט קולות ביזן הימל!

דער אַלטער באַמערקט מיין חשק, דערלאַנגט אַ ביטולדיקן מאַך מיט דער האַנט אויף אַ מענטשן, וועלכער האָט מורא פֿאַר אַ חזיר, גיט זיך אַ שטאַרקן זעץ אַרויף אויפֿן חזירשן רוקן, בויערט דורך די נאָז מיט אַן אָל און דאַן ציט ער אַדורך דעם דראָט. ליגט דער חזיר שוין רואיק און אונדז ווערט אויך רואיקער אין קאָפּ.

23סטער נאָוועמבער.

מיט אונדזער אָנקום האָט זיך דער האָלץ־פֿאַרברויך אין דער כאַטע שטאַרק פֿאַרגרעסערט. אַ גליק, וואָס די כאַטע געפֿינט זיך לעבן אַ וואַלד. אָבער טאַדעאוש קען דאָך ניט באַוויזן אַליין צו ברענגען אַזוי פֿיל האָלץ. האָבן מיר אָנגעהויבן גיין צוזאַמען מיט אים אין וואַלד. די זאַך איז ניט אַזוי פּשוט און מיר האָבן צען מאָל דורכגעקלערט: וואָס וועט זיין, אַז אַ פֿרעמדער וועט אונדז טרעפֿן? נאָר מע פֿאַרלאָזט זיך אויף אַ נס, ווייל וויפֿל ניסים האָט שוין ניט יעדער פֿון אונדזערע אַכט דורכגעמאַכט ביזן קומען אַהער?

זיינען מיר, הייסט עס, „חלוצים". מע טוט זיך אָן פּויערשע בגדים און ווי נאָר עס ווערט פֿינצטער גייט מען אַהין. דאָס האָלץ ליגט אַ קילאָמעטער

אָדער צוויי טיף אין וואַלד. דער וועג — בלאָטעס און זומפּן. קוים וואָס מע שלעפּט אַרויס אַ פוס דאַך נעמט יעדער דריי־פיר קלעצער, בינדט זיי מיט שטריק, נעמט זיי אויף די פּלייצעס און — הײדאַ! אין דער כאַטע האָבן מיר היינט אַרבעט איבערן קאָפּ — מיר זעגן און האַקן דאָס האָלץ. דער אַלטער פויער קען קוים צוקוקן, ווי מיר האַקן יעדעס שטיקל מיט ביידע הענט, נעמט ער עס אַ ווײלע אין זיינע ידים אַריין, און ביי זיינע עטלעכע און זיבעציק יאָר מאַכט ער עס דאָך פיל גיכער, ווי מיר יונגע.

היינט זיין זעג, זיינע העק, — וואו האָט מען דאָס געזען ביי יידן אַזלעכע שאַרפע מכשירים, אַז אַפילו איך בין אַ מייסטער מיט זיי...

ביים האַקן דאָס האָלץ זאָגט עמעצער:

— הכשרה...

רופט זיך אָפּ אַ צווייטער:

— ווער ווייסט וואָס פאַראַ הכשרה — צו ארץ ישראל אָדער צו אל ישראל.

וואַרפט צו אַ דריטער:

— נישט צו ארץ ישראל, נאָר צו — אַרצה...

אַז מע קען זיך נאָך וויצלען, איז עס אַ גוטער סימן. נאָך דאָ געגוג גייסטיקע כוחות צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די לויערנדיקע טויטן.

24סטער נאָוועמבער.

אַ גרויס אומגליק: אונדזער הינטל איז פאַרפאַלן געוואָרן. שרעקלעכע נערוועזיטעט און אומרו ניט נאָר ביי אונדז, נאָר אויך ביי אונדזערע באַ־האַלטערס. אונדזער גאַנצע באַוועגונג איז דאָך ביז אַהער געווען געשטיצט אויפן „שומר ישראל", ווי מיר האָבן מיט ליבשאַפט אָנגערופן אונדזער כלב: דאָס אַרויסגיין פון שטאַל, דאָס געפינען זיך אין שטוב, אַפילו דאָס ריידן צווישן זיך. אַ ביל פון הונט האָט באַטייט: היט זיך, באַהאַלט זיך, ווער שטום.

אַלע אונדזערע היינטיקע שמועסן דרייען זיך אַרום כלב: ס'איז אַ לעבנס־פראַגע.

זייענדיק לאַנג אָפּגעריסן פון דער וועלט, האָבן מיר היינט געהערט ראַדיאָ־נייס, וואָס אונדזער אַלטער האָט געבראַכט. דערצו נאָך אומדערוואַרטע נייס וועגן דייטשע מפּלות. דער אַלטער גיט נאָך צו, אַז היות די פראָנטן דער־נענטערן זיך, הייבן זיך ווידער אָן צו אָרגאַניזירן די אונטערערדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס.

די לאַגע פון די ליטווינער איז אָבער זייער אַ שווערע: פון דייטש ווילן זיי פּטור ווערן, אָבער דעם רוס ווילן זיי אויך ניט האָבן. אַז די ווירקלעכקייט איז אַ ביטערע, נערט מען זיך מיט פאַנטאַזיע. די ליטוויִנער הערן לעצטנס ניט אויף זיך צו קלאַמערן אָן דער לעגענדע, אַז שוועדן וועט בקרוב אַריין אין קריג און אַז זי וועט אָקופּירן ליטע. אין שטאָקהאָלם זאָל שוין זיצן אַ ליטווישע רעגירונג.

די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאַרשן די פּסיכאָלאָגיע פון די יידן אין די געטאָס, וועלכע האָבן אָפּט געגלייבט אין די ווילדסטע קלאַנגען, קענען עפּעס לערנען פון דער אמונה פון די ליטווינער אין דער באַלדיקער גאולה פאַר זיי מצד שוועדן.

די מעשה שוועדן ברענגט מיך אויפן געדאַנק די פראַגע: צי וואָלט מען אין געטאָ (און שפּעטער אין לאַגער) געקענט אַזוי לאַנג אויסהאַלטן אָן די פאַרשיידענע ווילדסטע פאַנטאַזיעס, ניסים־ונפלאותדיקע דערציילונגען און טויזנט־און־איין־נאַכט־מעשיות, וואָס האָבן געהאָגלט איבערן קאָפּ פון די יידן אין זייערע לעבעדיקע קברים?

דאַכט זיך, אַז דער ענטפער איז: ניין. אין יענער פאַרשטיקטער טויט־אַטמאָספער זיינען אָט די אַלע אומגלויבלעכסטע געשיכטעס געווען פון די הויפּט־סיבות, וואָס האָבן געשטאַרקט דעם מוט פון די פאַרצווייפלטע, גע־פעסטיקט דעם גלויבן ביי די אָפּטימיסטן און געווען אַן אמתער סם־החיים פאַר די תושבים פון די טויט־טאָלן.

אויך מיר דאָ, אין חזיר־שטאַל — און מסתמא נאָך הונדערטער אין ענלעכע באַדינגונגען — וואָלטן פיל שווערער געקענט אויסהאַלטן די פיל טויט־אָדער־לעבן־חדשים, ווען די ווילדסטע פאַנטאַזיעס וואָלטן ניט געקומען צו הילף. ווען מיר וואָלטן געדאַרפט לעבן נאָר מיט דער ווירקלעכקייט, וואָלט מען עס נישט אויסגעהאַלטן אַפילו אַ קורצע צייט.

אָן פאַנטאַזיעס און חלומות און לעגענדעס איז נאָך אַ סך שווערער פאַר אַ יידן צו אָטעמען אין די לאַגערן, אין די געטאָס, אין די באַהעלטע־נישן.

25סטער נאָוועמבער.

— צי קען מען זיין זיכער, אַז מיר וועלן דאָס דאָ אויסהאַלטן ביז דער באַפרייאונג? — די דאָזיקע שאלה האָט היינט געשטעלט איינער פון דער חברה.

בשייכות מיט אָט דער פראַגע באַרירן מיר פלענער פאַר דער צוקונפט. מיר זיינען אַלע מסכים מיט דער מיינונג פון איין חבר, אַז ס'קען אַמאָל

ווערן גאָר געפערלעך, וואָס מיר קענען דאָ נאָך אַבסאָלוט ניט די אַרומיקע געגנט. מיר אָריענטירן זיך דאָ ניט אין קיין ריכטונג און האָבן ניט קיין פאַרבינדונג מיט קיין שכן, וואָס קען זיך אַמאָל גראָד אַרויסווייזן צו זיין פאַרטרויליך. מיר ריידן אויך וועגן זוכן אַ וועג צו די ליטווישע פּאַרטיזאַנער. נאָר אין דעם פאַל איז נאָך גרעסער די סכנה: עס זיינען פאַראַן סיי קאָמו־ניסטישע, סיי נאַציאָנאַליסטישע ליטווישע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציעס, ביידע באַקעמפן זיך און ביידע זיינען פול מיט פּראָוואָקאַטאָרס. אַפילו זייערע צענטראַל־קאָמיטעטן ליידן דערפון און ניט איינמאָל זיינען זיי שוין דורכ־געפאַלן. אַ קלאַנג האָט זיך געטראָגן, אַז אַפילו די אונטערערדישע ליטווישע פּאַרטיזאַנער־צייטונג „אי לייסווע" זאָל ווערן אַרויסגעלאָזן טאַקע פון... גע־שטאַפּאָ אַליין.

די געפאַר פון ליגן פאַרנורעט מיט דער נאָז נאָר דאָ אין שטאַל — כאָטש דאָס האָט אויך גרויסע מעלות—האָט זיך טאַקע גאָר גיך באַשטעטיקט. אַ שכנטע איז גראָד אָנגעקומען (דער הונט איז ניטאָ!), ווען די אַלטע איז געשטאַנען און געוואַשן דאָס געפעס פון נאָכמיטיק. דאָרפס־פּויערטעס וויסן ניט פון קיין חכמות און שטעלן גלייך קשיות:

— פון וואַנען האָסטו אַזוי פיל געשיר? ווער האָט פּלוצעם מען געהערן יענע שטיול? וועמען געהערט אָט יענער פאַרטפעל?

און טאַמער איז דאָס נאָך ווייניק, פרעגט זי צום סוף נאָך אַן אומ־שולדיקע פראַגע:

— ווער רעדט עפּעס דאָרטן אין שטאַל, וואָס איך האָב געהערט איצט פאַרבייגייענדיק?

איז די נייגעריקע שכנטע איבערגעצייגט געוואָרן פונעם ענטפער, אַז, משמעות, ריידן דאָס ציגיינערס? און די איבעריקע פראַגעס?

עטלעכע פראַגעס פון אַ צופעליקער פּויערטע — און מיר דערפילן, ווי דער באָדן ברענט אונטער די פיס.

26סטער נאָוועמבער.

מיר האָבן היינט אַ חשובן גאַסט — די פרוי פון אַנטאַנאַס. זי דער־ציילט, אַז עטלעכע קילאָמעטער פון דאַנען באַהאַלטן זיך אויס נאָך צוויי יידן. דאָס זיינען די יעניקע, וועלכע זיינען מיט עטלעכע וואָכן צוריק געוועזן ביי איר און אָפּגעגעבן אַ גערוס פון אונדזערע באַקאַנטע. זי גיט זיי נאָך אַלץ נישט איבער, וואו מיר געפינען זיך.

די פרוי סטאַסע גיט אויך איבער, אַז זי האָט צוגעזאָגט איינעם פון די יידן אַריבערצוברענגען צו אים זיין כלה, וואָס אַרבעט אין אַ שטאָט־ברי־

גאַדע. יענער האָט איר צוגעזאָגט פאַר דעם פינף גאָלדענע פינפערלעך. די אַלטע פון אונדזער גרופּע, די אַמאָליקע יידישע פריצטע דאָ, האָט תיכף זי אָפּגערעדט פון דעם. זי האָט אײַנגעטענהט מיט סטאָסען, אַז די גאַנצע זאַך איז ניט זיכער, אַז מען קען שווער צוקומען צו די יידן אין דער דערמאָנטער בריגאַדע, אַז דער בחור קען איר בכלל ניט באַצאָלן פאַר דער ריזיקע, אויב עס זאָל איר אַפילו געלינגען דעם ענין דורכצופירן, — בקיצור, צוליב עפּעס אַ סיבה, וואָס איז אונדז נישט געווען קלאָר, האָט אַ יידישע פרוי געשטערט צו ראַטעווען אַ יידן!

ווי אַזוי זאָל מען קוקן, נאָך אַלעמען, אויף אונדזער פויערל און זײַן פרזי, וועלכע ווייסן געגוי, וואָס זיי וועלן באַקומען, ווען מען זאָל זיי כאַפּן ? !

אַ שמחה, אַ גדולה: דאָס הינטל האָט זיך אָפּגעזוכט. לכבוד דעם האָט מען עס אַרײַנגעפירט אין דער כאַטע אַריין. אַלע פאַדען אַרום דעם, ווי אַרום אַ חתן אין כלהס שטוב.

טאַדעאוש קלערט אונדז אויף, אַז איצט איז די „הינטישע צייט" און אַז די הינטישע „כלות" ווערן פאַרפירט פון זייערע „קאַוואַליערן" אויף מערערע טעג.

ווען האָט אַ ייד אין שטאָט געוואוסט צו שאַצן אַזוי הויך דעם ווערט פון אַ הונט, ווי מיר דאָ איצט ?

.27סטער נאָוועמבער

אַ שטיקל נייס אין אונדזער שטאָל־באַלעבאַטישקייט: אַ באַנק. פאַר אונדז איז עס אַ גאָר וויכטיק שטיק מעבל. מען פלעגט בלייבן אָן פיס, שטייענדיק אַ גאַנצן טאָג אין שטאָל. אויך עסן וועט זײַן באַקוועמער און אַ ביסל ריינער: מיר פלעגן עסן אויף דער שויס, אויף דער ערד, אין דער קאָרעטע, וואָס צווישן חזיר און . . .

הכלל, מיר וועלן זיך דאָ מיט דער צייט אַזוי אײַנאָרדענען, אַז מיר וועלן גאָר קיין חשק ניט האָבן אַוועקצוגיין פון דאַנען...

.28סטער נאָוועמבער

טאַדעאוש קומט הײַנט פון זײַן נסיעה אויפן מאַרקטאָג אין צייקישאַק. ער באַווייזט נאָך ניט צו עפענען גוט די טיר פון שטאָל, ווי ער זאָגט צו אונדז:

— היי, חברה, איר האָט הייס געוועזר?

מיר קוקן אים אָן האַלב־פאַרדעכטיק, האַלב־פאַרוואונדערט. ביז איצט האָט ער אונדז קיין מאָל ניט געשטעלט אַזאַ פראַגע. וואָס עפּעס היינט?

דער פאַרהאַרעוועטער פויער לאָזט אונדז ווערן נייגעריק. ער פאַר־קעט זיך ביים אויסשפּאַנען דאָס גליענע פערד. דערנאָך הייבט ער אויף די אויגן צו אונדז און רופט זיך אָפּ:

— איר, פּעצקעליאיי (לא יוצלחס). היינטיקע צייטן דאַרף מען קענען שיסן, פאַרשטאַנען? און הערט אַ מעשה? אויפן צוריקוועגס פון צייקישאַק האָב איך אַרויפגענומען אַן אונדזעריקן אויף דער פור, האָט ער מיר דערציילט, אַז ניט ווייט פון שטעטל האָט אָט־וואָס פּאַסירט: דריי אייעריקע זיינען געווען אויסבאַהאַלטן ביי אַן אונדזעריקן, אַ פּאַרטיזאַן. איבער אַ יאָר צייט אַזוי. איז אים איבערדריסיק געוואָרן די גאַנצע זאַך. וואָס האָט ער געטאָן? — אַוועק צו דער פּאָליציי און זי געבראַכט צום אָרט. אייעריקע האָבן געהאַט „שפּייערס", האָבן זיי געעפנט אַ פייער און זיינען אַנטרונען געוואָרן. דער כוליגאַנישער פּאַרטיזאַן האָט מורא געהאַט צו קומען אין זיין הויז אַריין צוליב נקמה. דריי וואָכן האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער פרעמדע דער־פער און זיך געוואַלגערט אויף פרעמדע געלעגערס. די דריי אַנטלאָפענע יידן האָבן אים אָבער גוט געהיט, און ווען ער איז איין נאַכט געקומען שלאָפן צו זיך אַהיים, זיינען זיי אַריין צו אים, אים דערשאָסן און אונטערגעצונדן דאָס גאַנצע הויז.

דער אַלטער שווייגט אַ ווילע, קוקט אָן אונדזערע פּנימער און דאַן זאָגט ער מיט אַ שעלמישן שמייכל:

— אָט דאָס פאַרשטיי איך, דאָס.

29סטער נאָוועמבער.

ערשטע רעזולטאַטן פון איבער אַ חודש אָן אַ באָד און פון שלאָפן כמעט יעדע נאַכט אין שטרוי אַנגעטאָנענערהייט. אין שטרוי פלאָדיען זיך פליי. זיי זיינען גרויסע און ס'איז פּשוט ניט איינצוליגן פון זיי. יעדער ביס הייבט פון אָרט. ביחוד זיינען די דאָזיקע פּאַסקודנע חיהלעך בייז ערב אַן ענדע־רונג אין וועטער. אַ באַזונדערע „שוואַכקייט" האָבן זיי אויך צו נייע וועש. די ערשטע נאַכט מיט נייע וועש איז אוממעגלעך איינצושלאָפן פון די פליי.

די דריטע מכה פון פרעהן לאָזט זיך שוין אויך גוט פילן. אויך זיי, די כינים, וואַקסן דאָ מאָדנע גרויס און ווער ווייסט, וואָס עס וועט זיין שפּע־טער, און ווי מען וועט קענען אויסהאַלטן פון זיי, אויב די באַדינגונגען וועלן דאָ אויך ווייטער אַזוי אָנהאַלטן.

ב.

געפּאַרן
און קאָשמאַרן

30סטער נאָוועמבער.

טאַדעאוש האָט מיט מזל שוין איינגעהאַנדלט זיך אַ פערד פאַר אונדזערע עלף הונדערט מאַרק. אַ פיין פערד. ער איז היינט געקומען צו רייטן אויף אים, ווי אַ שטאָלצער פּריץ. זיין פּנים שיינט פון שמחה. די לעצטע פּאָר יאָר זיינען אים אָפּגעפּגרט צוויי פערד, איינס נאָכן אַנדערן. שוין איבער אַ יאָר, ווי ער איז אָן אַ פערד — און אַ נייער סוס איז געווען זיין אידעאַל.

מיר פרייען זיך מיט זיין שמחה. כאָטש מיר האָבן מורא, אַז דאָס פערד זאָל ניט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכטן ביי שכנים, וועלכע הייבן גלייך אָן דערציילן די פאַרשיידנסטע זאַכן, וואָס קענען ווערן געפערלעך.

שרעקלעך איז צו לעבן ווי גנבים, אויף וועמען עס ברענט תמיד דאָס היטל און וועמען עס דאַכט זיך, אַז שטענדיק יאָגט מען זיי.

דער אַלטער האָט מיטגעבראַכט אַ נייעם הונט. ער האָט אים געטראָפן בלאָנדזשענדיק אויפן וועג און מיט שטיקלעך ברויט האָט ער אים פאַרנאַרט צו זיך אַהיים. באמת אַ שיינער הונט, גרויס, ווי אַ וואָלף און ביי גוטער „דערציאונג" קען ער ווערן אַ טייערער שומר פאַר אונדז.

1טער דעצעמבער.

דער אַלטער מאַכט אַלע נייטיקע הכנות אין שטאַל פאַרן פערד. אַזעלכע הכנות צו מאַכן איז דאָ גענוג, ווייל די גאַנצע שטאַל, אונדזער וואוינאָרט, שטייט אויף הינערשע פיסלעך, און ווען אַ פערד זאָל מיט כוח אַ צי טאָן זיין אָנגעבונדענע קייט, קען פון גאַנצן בנין ווערן אַ חורבן. איי, מיר זיינען דאָך אויף איינעם זעלביקן אָרט און דאָס אומגליק קען פּאַסירן אויך מיט אונדז? — איז ערשטנס, זיינען מיר דאָך ניט קיין... פערד, פאַר וועלכן ער האָט באַצאָלט אַ קאַפּיטאַל פון עלף הונדערט מאַרק, און, צווייטנס, האָט איר ביי אים אַ טענה.

מיר זיינען אָבער אויף יעדן פאַל צופרידן פון דעם, וואָס ער פאַר־

פעסטיקט איצט מערער די שטאַל, אונטערשפּאַרנדיק זי פון אַלע זייטן מיט גרויסע קלעצער — און זאָל עס זיין בזכות פון דעם פערד — ווי אויך פון דעם, וואָס איצט האָט דער אַלטער אַרויסגענומען פון שטאַל דעם קוויטשענדיקן דבר־אחר.

מיטן אַריינפירן דאָס פערד אין שטאַל איז אַנטשטאַנען פאַר אונדז אַ נייע פּראָבלעם: איצט וועלן זיכער קומען שכנים באַקוקן דאָס פערד, און אונדזער אַנוועזנקייט אין „סאַלאָן" (ס'הייסט — אין ערשטן טייל פון שייער־שטאַל), און אויך דאָס האַלטן דאָרטן אונדזערע פאַרשיידענע קוישן מיט פּראָדוקטן קען ווערן געפערלעך.

4טער דעצעמבער.

אונדזער מורא פאַר געסט פערד־אַנקוקערס האָט זיך גאָר גיך באַשטעטיקט. די נאַכט איז גראָד געווען אַ קאַלטע און זעקס פון אונדז האָבן זיך גלייך מיט טאָגליכט אַריינגעכאַפּט אין שטוב אַנוואַרעמען. גאַנץ פרי האָט זיך אָבער באַוויזן אַ שכן, וועלכער איז געקומען גראַטולירן די קניה פון פערד. מיר האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן אויף דעם האַלב־צעבראָכענעם לייטער אין הויז און זיך גיך אַרויפגעכאַפּט אויפן בוידעם. דער שטרוי־באַדעקטער דאַך איז מער אָפן, ווי פאַרמאַכט, דער ווינט בלאָזט פון אַלע זייטן און מיט קיין אבר טאָר מען זיך ניט אַ ריר טאָן, ווייל יעדע באַוועגונג קען זיך תיכף לאָזן הערן אונטן, וואו „אונדזער" אורח זיצט, און קען אַרויסרופן ניט־געוואונטשענע חשדים. מיר טרייסטן זיך, אַז דער וויזיט וועט זיין אַ קורצער, אָנשטאָט דעם — אַ שטאַרק בילן פון די הינט: אַ נייער גאַסט. די הענט הייבן אָן פרירן, די פיס נאָך מער, מיר זיינען שוין אַלע בלוי פון קעלט. אָבער מע מוז שטיין „סמירנאָ". אונדזער טרייסט, אַז מיר וועלן אפשר גיך פּטור ווערן פוןביידע געסט, ווערט צערונען, ווען מיר הערן, ווי עס לאָזן זיך גאָר אַריין, איינער נאָכן אַנדערן, נייע צוויי אורחים. די גאַנצע קאָמפּאַניע גייט אין שטאַל אַריין באַקוקן דאָס פערד און — ווידער אין דער כאַטע אַריין.

די ווייבער פילן שוין ניט די פיס, עס קלאַפּט זיי אַ צאָן אָן אַ צאָן. פיר שעה אין קעלט אָן באַוועגונג! קוים דערלעבט די מינוט פון זייער אַוועקגיין. האַלב־פאַרפראָרענע כאַפּט מען זיך צו צום וואַרעמען אויוון.

דער אַלטער דערציילט אונדז, אַז איינער פון די אורחים האָט מיטגענומען מיט זיך אונדזער ערשט הינטל. ער זאָגט אונדז, אַז ס'קען ווערן אויפפאַלנדיק וואָס ער, אַזאַ אָרעמער פויער, האָט זיך פלוצעם איינגעשאַפט

גאַנצע צוויי הינט. ער איז גערעכט. מיר האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט צום קליינעם לאַפּיוק, וועלכער האָט אונדז פון ניט איין אומגליק שוין אַרויסגע־האָלפן, אַז ס׳פאַרדריקט אונטערן האַרצן. ווינטשן מיר אים אַלע דאָס בעסטע אין זיין הינטישן — אפשר בעסער פון מענטשישן — לעבן.

7טער דעצעמבער.

„היום תשעה וארבעים יום שהם שבעה שבועות בעומר״. נאָך דער גע־ווײנלעכער ספירה פון אזמעטיקע טעג — פלעגט קומען דער יום־טוב פון מתן־תורה, דער פריילעכער, מיט גרינס־אָנגעפּילטער שבועות. וואָס קומט נאָך אונדזערע ניין און פערציק ביטערע טעג זיין אין דער פרעמד ביי גוט־האַרציקע, אָבער דאָך ווילד־פרעמדע פּויערים? דער אומעט פון ספירה־ציילער ווערט קלענער, ווען ביי יעדן אויסגעלאָשענעם טאָג דערמאָנט ער זיך אָן דעם גיך־אויפשיינענדיקן יום־טוב. אָבער ציילן ספירה אין אין־סוף אַריין, ניט זעענדיק קיין ברעג און קיין טאָלק און ניט זייענדיק זיכער, אַז דו׳ וועסט געניסן פון דער פרייד פון דעם אָנקומענדיקן יום־טוב, — טאָפּלט־שווער און טאָפּלט־ביטער איז אַזאַ ספירה־ציילן!

און נאָך אַלעמען — ווערט דאָך פריילעכער אויפן האַרצן, ווען דער טאָג גייט אַוועק אין תהום פון פאַרגעסנקייט און די פאַרבליבענע צייט צו דער גאולה — אויב מיר זאָלן זי דערלעבן — ווערט דורך דעם קירצער. ציילן מיר טאַקע דאָ ספירה, פרייען זיך מיט יעדן אָפּלויפנדיקן טאָג — און טעג ווערן וואָכן און וואָכן ווערן שוין אויך חדשים.

יאָ, ערשט אינעם דאָזיקן פיינפולן אָרט באַגרייף איך בעסער דעם טיפן זין פון ספירה, וואָס אין די קינדערשע יאָרן פלעגט מען אַזוי האַסטיק דורכזיפן דורך די ציינער און אַזוי אָפט ניט איין טאָג דורכשמוגלען. יידישע מנהגים, ווי ליבער זיי ווערן גראָד אין שעהן פון אויפטרייסלענדיקע אי־בערלעבענישן, אין צייטן פון ממעמקים־פולע ווידויים.

8טער דעצעמבער.

אַן אורח האָט היינט דערציילט אונדזער אַלטן אַזאַ געשיכטע: אַרום סרעדניק זיינען צוויי ווייס־געקליידטע מענער באַפאַלן אַ פרוי מיט אַ קינד. דאָס קינד איז אַנטלאָפן און דאָס דערציילט די פּויערים. ראַסיינער פּאָליציי

האָט אַרומגערינגלט דאָס אָרט און אין וואַלד־הייל געפונען 3 באַוואָפנטע יידן און די פאַרכאַפּטע פרוי, וועלכע האָט נאָך געלעבט. די פּויערים דערציילן, אַז געראַטעוועטע יידן גייען אַרום אין די וועלדער, כדי צו באַפאַלן קריסטן און זיך אָפּרעכענען פאַר בלוט פון זייערע טייערע און נאָענטע.

אַזעלכע מעשיות, וואָס שיינען ניט צו האָבן קיין גרונט, קענען ווערן געפערלעך סיי פאַר דער געטאָ, סיי פאַר די יעניקע יידן, וואָס ליגן אין דערפער און אין וועלדער. זיי ווערן, משמעות, ספּעציעל פאַרשפּרייט דורכן אָרטיקן דייטשן פּראָפּאַגאַנדע־אַמט אין קאָוונע.

9טער דעצעמבער.

מיר האָבן היינט געמאַכט אַ ריזיקאַלישן שריט: צוויי פון אונדז זיינען ביינאַכט אַרויס צו אַנטאַנאַסן, ניט דערציילנדיק וועגן דעם אונדזער אַלטן. זיי דאַרפן פּרואוון געפינען לכל־הפחות נאָך אַ באַהעלטעניש און זען זיך צו אָריענטירן אַ ביסל אין די דאָזיקע ווילדע וועגן.

אונדזער האַרציקסטע תּפילת־הדרך פאַר זיי!

אונדזערע באַשיצערס זיינען זייער אויפגעבראַכט, הלמאי מע האָט גע־מאַכט אַזאַ געפערלעכן שריט, ניט אָנפרעגנדיק פריער זייער מיינונג. „מיר היטן אייך אויף שריט און טריט — טענהן זיי — און דאַ לאָזט איר זיך אין אַ וועג, וואָס אַלטע דאַרפס־תּושבים אַפילו פאַרבלאָנדזשען ביינאַכט אויף אים, און איר שטעלט אין סכנה סיי זיך, סיי אונדז".

ווען די צוויי זיינען צוריקגעקומען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַלטע זיינען באמת געווען גערעכט. אַהין איז אַלץ געגאַנגען גוט, נאָר גייענדיק צו־ריק האָבן זיי פאַרלאָרן דעם וועג. שעהן האָבן זיי זיך געדרייט און אַלץ אַרויסגעקומען אויפן זעלביקן אָרט, אַזוי ווי שדים וואָלטן זיי פאַרפירט. זיי האָבן קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט, ווי אין מיטן נאַכט אָנקלאַפּן אין פענצטער פון פּויערים און זיך נאָכפרעגן אויפן וועג. דאָס איז איינע פון די געפערלעכסטע זאַכן אין אַזעלכע פאַרוואָרפענע געגנטן, ווייל דערנאָך רעדט פון דעם דאָס גאַנצע דאָרף. אין איין אָרט האָט מען זיי (דאָס מאָל צום אומגליק) אַזוי פריינדלעך אויפגענומען, אַז מען האָט זיך ניט באַנוגנט נאָר מיט אַן ענטפער דורכן פענצטער, נאָר מען האָט אויך געעפנט די טיר און זיי געבעטן אַריינגיין אין שטוב. סיי זייער אויסזען, סיי זייער ליטווישער אַקצענט האָבן אַוועקגענומען יעדן זין פון ענטפערן „ניין" אויף דער פראַגע פון דעם מכניס־אורח: „איר זייט יידן?"

דער דאַזיקער שרעקלעכער דורכפאַל, וואָס קען פאַרחתמענען אונדזער לעבן, האָט די אַכט יידן פאַרוואַנדלט אין טויטע מענטשן און ס'איז שוין גאָרניט איינגעגאַנגען צו הערן די פּרטים פון זייערע וואַנדערונגען. זייערע נייס, אַז פון 4טן דעם חודש און ווייטער פירט מען יעדן טאָג מאַסן יידן פון געטאָ אין די קאַזערניר־לאַגערן פון שאַנץ, האָט אין גאַנצן אונדז צע־בראָכן.

10טער דעצעמבער.

די האַרץ־קלאַפּעניש צוליב דער „קאָלאָמבוס־רייזע" פון די צוויי איז ניט געווען אָן אַ גרונט. גלייך אויף צומאָרגנס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ שכנטע און דערציילט אַ מעשה מיט צוויי, וואָס האָבן די נאַכט אָנגעפרעגט ביי איר אויפן וועג. זיי זיינען ניט קיין אונדזעריקע — זאָגט די ניט־געבעטענע נייס־ברענגערקע — אָבער זיכער אויך ניט קיין פרעמדע, ווייל פון וואַנען קענען זיי די נעמען פון עטלעכע פויערים, וועלכע זיי האָבן אָנגערופן?

נאָך מיטאָג איז געקומען אַ צווייטער און איבערגעחזרט די גאַנצע גע־שיכטע. דאָס באַטייט, אַז די גאַנצע געגנט רעדט שוין פון דער גרויסער „געשעעניש".

איבער אונדזער אַלעמענס קאָפּ הענגט אַ שטימונג פון ערב אַ שרעק־לעכער קאַטאַסטראָפע.

אַז צרות הייבן זיך אָן צו שיטן, גייען זיי שוין פאַרוויז. איינער פון די צוויי גייערס איז פון שרעקלעכער איבערלעבעניש און פון קריכן אין די זומפּן יענע נאַכט גוט קראַנק געוואָרן. ער האָט ביי 40 גראַד היץ. ניטאָ קיין אַנדער עצה, ווי אים צו לאָזן אין שטוב אין בעט אין מיטן העלן טאָג. מען פאַרלאָזט זיך אויף אַ נס, אַז קיינער וועט איצט ניט קומען אויף קיין באַזוך.

איינער פון די צוויי גייערס פאַרטרויט מיר היינט אַ סוד, אַז אין שטוב פון אַנטאַנאַס האָבן זיי יענע נאַכט געטראָפן — צוויי יידן. זיי ווילן די זאַך ניט מגלה זיין, כדי אונדזער געוועזענער יידישער פריץ, וועמענס גאַנ־צער קאַפּיטאַל ליגט ביי יענעם ליטווינער, זאָל זיך ניט אויפרעגן און פאַר־קאָכן אַ גאַנצע קאַשע: אים האָט אַנטאַנאַס ניט צוגענומען צו זיך אין שטוב, נאָר „פרעמדע" יידן יאָ! יענע באַצאָלן אָבער גאָר פעט, און אַ שווערע מטבע, משמעות, וועגט מערער, ווי אַמאָליקע באַקאַנטשאַפט פון אַ יידן.

די צוויי יידן האָבן פיל געלט און לעבן ברייט. מען עסט הינער, גענדז, אינדיקעס, און אָן אַ ליטער „סאַמאַגאָן" (אייגן־געמאַכטער בראָנפן)

הייבט זיך קיין מאָלצייט ניט אָן. אין דעם פריערדיקן אָרט — דערציילן די צווייַ אַליין — זיינען שוין פשוט קיין הינער ניט געווען צוליב זייער פאַרברויך. דער טיפּישער „אכל ושתה, כי מחר נמות" (עס און טרינק, ווייל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן).

גראָד יידן פון אַט דעם מין איז לייכטער דורכצוטראָגן די יאָרן פון מגפה און אומקום.

13טער דעצעמבער.

איך קוק דורך דעם שפּאַלט פון דער שטאַל־טיר. מיינע אויערן ווערן אָנגעשטרענגט: שרעקלעכע געשרייען דערגרייכן צו מיר, אַזעלכע אוממענטש־לעכע געוואַלדן, וואָס איך האָב נאָך אין מיין לעבן ניט געהערט. איך שפּיץ אָן מיין חוש־השמיעה: די קולות קומען פון אונדזער כאַטע, יאָ, נאָר פון דאָרטן. איך רוף צו די איבעריקע — זיי באַשטעטיקן דאָס זעלביקע. וואָס איז? ער שלאָגט זי? באַשולדיקט זי אפשר אין אַלע צרות? אָדער אפשר האָבן מיר ניט באַמערקט, ווי פרעמדע האָבן זיך דאָרטן אַריינגעכאַפּט און זיי שלאָגן דאָס אונדזערע באַלעבאַטים? אָדער... פּלוצעם לויפט אַרויס די אַלטע באַרבאַראַ: צעפלאַמט, צעטראָגן.

— וואָס?

— גאָרניט.

— גאָרניט?

זי קוקט אונדז אָן, ווי משוגעים, פאַרשטייט ניט אונדזער צעשראָקענע פראַגע.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין אונדזער נערוון־געשפּאַנטקייט האָט דאָס אומגעווייינלעכע וואָיען פון ווינט אין וואַלדיקן אַרום אויפגעשפּילט אין אונדזערע אויערן, ווי קולות פון מענטשן.

14טער דעצעמבער.

דער שרעקלעכסטער טאָג. אַ שכנטע איז מיטאָג־צייט געקומען אָנ־זאָגן, אַז לויט עקשנותדיקע קלאַנגען געפינען זיך ביי אונדזערע באַלעבאַטים יידן און אַז עס גרייט זיך אַ מעלדונג וועגן דעם צו דער פּאָליציי. נאָך איר אָוועקגיין גיט אונדז איבער דער אַלטער די „בשורה" און זאָגט, אַז מיר

מזון צייטווייליק געפינען אַ ניי אָרט, ביז וואַנען די קלאַנגען וועלן זיך איינשטילן. די ווייבער ברעכן אויס אין ספּאַזמאַטישע געוויינען, די מענער פילן זיך איינגאַנצן פאַרלאָרן. דערצו איז עס נאָך אויסגעפאַלן אין אַ צייט, ווען מיר האָבן שוין צוויי קראַנקע (נאָך אַ פרוי אויף אַן אַנגיבע).

מיר באַשליסן צו שיקן אַ שליח צו אַנטאַנאַסן, אַז יענער זאָל אונדז נעמען צייטווייליק צו זיך. מיר פּאַקן גיך צונויף אונדזער ביסל בעבעכעס און זיצנדיק אויף די זעק וואַרטן מיר אויף דער שנעלער הילף. שרעק פון טויט קוקט אַרויס פון אַלעמענס אויגן.

נאָך פאַרצווייפלטער זיינען מיר געוואָרן, ווען דער שליח איז געקומען מיטן אָנזאָג, אַז אַנטאַנאַס וויל איצט ניט ריזיקירן מיטן ברענגען אונדז צו אים און אויסבאַהאַלטן אונדז. דאָס ביסל מוט, וואָס האָט נאָך געטליעט ביי איינ־יקע פון אונדז, איז אויך פאַרשוואונדן.

אַכט יידן זיינען געזעסן אויף זייער געפּעק פאַרמשפּטע צום טויט און האָבן ניט געהאַט דעם מינדסטן אויסוועג פון דער לאַגע: פאַר־בלייבן דאָ קען מען ניט, וואוהין צו גיין ווייסט מען ניט.

אונדזערע באַשיצערס האָבן געזען אונדזערע פּנימער און ס׳האָט זיי זיכער פאַרשאַפט עגמת־נפש. נאָך אַ לאַנגן שווייגן, וואָס האָט געדריקט, ווי בליי, רופט זיך פּלוצעם אָפּ טאַדעאוש:

— קינדער, ניט געזאָרגט. אפשר איז דער טייוול גאָרניט אַזוי שוואַרץ ווי מען מאָלט אים. מיר וועלן אָפּוואַרטן נאָך עטלעכע טעג, ביז דאַן פאַר־בלייבט נאָך דאָ.

איין פרוי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און צוגעלאָפן אַ קוש טאָן דעם אַלטן. מיר אַלע זיינען אַרויס אין אַ געוויין — אַן אויסלאָד פון דעם געוואַלדיקן טויט־אָנשטרענג אין משך פונעם גאַנצן טאָג.

אויף די ניט־אויסגעפּאַקטע פּעק שפּאַרט מען זיך צו צום שלאָף. אַזאַ שלאָף אויף אַלע שונאי ישראל!

17טער דעצעמבער.

די קלאַנגען וועגן דעם, אַז ביים אַלטן געפינען זיך יידן, האָבן זיך אַ ביסל איינגעשטילט. אָבער די מורא איז נאָך געװנוג גרויס. יעדער פון אונדז טראַכט, אַז דאָס בעסטע איז דאָך זיך אַריבערצוקלייבן אין אַ צווייט אָרט, כאָטש צייטווייליק. אָבער גראָד אין די קריטישע טעג קומט אַרויס צום בולטסטן דער אַנטאַגאָניזם צווישן אונדז גופא. אַכט מענטשן, יעדער

מיט אַן אַנדער כאַראַקטער, מיט אַן אַנדער דערציאונג, און מיט אַן אַנדער צוגאַנג צו פּראַגעס. דאָס, וואָס די אַכט געפינען זיך דאָ צוזאַמען, איז דאָך נאָר אַ צופאַל, די כאַראַקטער־אונטערשיידן זיינען דערמיט ניט פאַרווישט געוואָרן. צו די גייסטיקע אונטערשיידן זיינען איצט נאָך צוגעקומען פאַר־שיידנאַרטיקע ממשותדיקע אינטערעסן: מע זוכט וועגן זיך צו ראַטעווען פון טויט און דאָס מאָל פירן זיי גראָד ניט פאַר אַלע אַכט אין איין און דער זעלביקער ריכטונג. אַנדערע זיינען באַמיטלטער, אַנדערע — באַקאַנט מיט דער געגנט, אַנדערע האָבן ביידע מעלות ניט. אין שיין פון טויט ווערן כאַראַקטער־פאַרשיידנקייטן נאָך שאַרפער. אין רעזולטאַט — אַ דריקנדיקע אָנגעצויגנקייט.

18טער דעצעמבער.

אויב מיר האָבן קיין טעות ניט, איז היינט דער ערשטער טאָג חנוכה. דער קינדערש־ליכטיקער יום־טוב, וויפל פריילעכע טעג ער דערמאָנט! ס'איז גרויס דער פאַרלאַנג אויך דאָ, אין פינצטערער איינזאַמקייט — דאָ נאָך מער! — אָנצוצינדן איינס נאָך איינס די פריילעכע חנוכה־ליכטלעך, אַראָפּצונעמען די פאָרהאַנגען פון די קליינע כאַטע־פענצטער און לאָזן פינקלען די שיין פון ליכטלעך אויפן פוסטן אַרום פון וואַלד און פעלד. ס'ווילט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט ציען חנוכה־ניגונים, לייכט־באַפליגלטע, עכט־חדוהדיקע, און פאַרוואָס טאַקע ניט אויך דעם „הנרות הללו" און „מעוז צור ישועתי"?

אָ, איר קליינע ליכטעלעך, דורך טאַטעס האַנט אָנגעצונדענע, און מיט מאַמע־אויגן באַוואונדערטע — וויפל האָבן מיר קינדער, „בימים ההם", געזינ־דיקט קעגן אייך, וויפל מאָל האָבן מיר אייך פאַרשעמט און אייער וואַרעם ליכט ניט געפילט?!

29סטער דעצעמבער.

שטילע, רואיקע טעג פון דרויסן — טומלדיקע, געפערלעכע טעג פון אינעווייניק. צוליב געלט־שוועריקייטן פון ניט קענען דערווייל „רעאַליזירן די זאַכן" *) האָבן מיר ניט געקענט באַצאָלן אונדזער רייכסטן מיטגליד, דעם

*) רעאַליזירן אַ בגד, אַ זייגער וכדומה, האָט אין געטאָ געמיינט — פאַרקויפן עס, מאַכן עס צו געלט אָדער בייטן אויף פּראָדוקטן.

געוועזענעם פּריץ, דאָס געלט, וואָס ער האָט אויסגעלייגט פאַר איינגעקויפ־טע פּראָדוקטן. ווי אַ סאַנקציע האָט ער דעריבער באַפוילן זיין אַמאָליקן דינער אַנטאַנאַס ניט צו ברענגען פאַר אונדז די פּראָדוקטן, וועלכע ער האָט איינגעקויפט, נאָר זיי האַלטן ביי זיך. עס איז שוין איבער אַ וואָך, ווי מיר לעבן מיט טרוקן ברויט און קאַרטאָפל, וואָס האַלטן זיך שוין אויך ביים ענ־דיקן. פאַר זיך האָט דער געוועזענער יידישער פּריץ און זיין ווייב זיך געלאָזן ברענגען פעטס און פלייש און עס געפרעגלט פאַר אונדזערע אויגן, בעת מיר זיינען געזעסן מיט הונגעריקע מאָגנס.

די אַלטע זאָגט אונדז שטיל און פאַרביטערט: „אַן ארעסטאַנט אין טורמע טיילט זיך אויך מיט זיין חבר". דער אַלטער איז אַגרעסיווער: „ווען פעטס ליגט אונטער אייער נאָז, פאַרוואָס זאָלט איר הונגערן?"

צוליב געלט האָט דער געוועזענער יידישער פּריץ זיך היינט אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט מיט גרויס רציחה זיך געוואָרפן שלאָגן. זיינע געוואַלדן האָבן זיך געקענט הערן ביים שכן, אַ פאַר הונדערט מעטער פון אונדז, וואָס האָט אונדז אַלעמען געקענט שטעלן אין דער גרעסטער גע־פאַר. די וואָרענישן וועגן דער סכנה האָבן אים ניט איינגעשטילט. זיינע געשרייען זיינען, משמעות, געווען אַ גוט־דורכגעטראַכטע סטראַטעגיע פון אַנשרעקן אונדז, כדי אַרויסצוקריגן זיין חוב.

אין זיינע געשרייען האָט דער דאָזיקער... — וואָס פאַר אַ נאָמען גיט מען אים? — געוואַלדעוועט מיט די פויסטן אין מיין פּנים: „איך בין אַן אַנדער מענטש. אויב מע וועט מיר דאָס געלט ניט באַצאָלן גלייך, קען איך און מיין ווייב אַוועקגיין צום שכן. פון איך אָבער וועט שוין דאָ קיינער אַפילו די נאַכט ניט קענען פאַרבלייבן.

אַן אָפענע דראָאונג מיט מסירה!

און צו אונדזער אַלטער באַרבאַראַ האָט ער געזאָגט: „איך האָב קיין מורא ניט. איך קען דאָ יעדן זונטיק צונויפרופן די שכנים און טריב־קען מיט זיי דאָס אמתע „האַלבע פלעשל" (זאָמעטער אויסדרוק פאַר אַ דריטל ליטער בראָנפן), און אויב מע וועט דאַרפן—וועל איך מיט מיין געלט קענען אָפּקויפן אויך די פּאָליציי".

דער דאָזיקער ייד, אַן אַנטלאָפענער פון היטלערן, אָבער ווייט נאָך ניט קיין געראַטעוועטער, איז ניט געוואָרן משוגע — ער איז געווען ביי זיין פולן, קלאָרן שכל...

וויי צו די אויערן, וואָס הערן עס, וויי צו די אויגן, וואָס זעען עס!

2טער יאַנואַר, 1945.

אַ ביסן ברויט איז גאָלד — דאַרף מען שפּאָרן, שניידן דין, זען, עס זאָל, חלילה, אַ ברעקל אויף דער ערד ניט אַראָפּפאַלן, און דער עיקר — טיילן גלייכע חלקים. ווען עס ענדיקט זיך ברויט, הייבט זיך אָן קריג — ביי טאַטע־מאַמע אַזוי, אַפּשיטא שוין ביי אַכט פרעמדע מענטשן. קומט טאַקע היינט צו אַ סקאַנדאַל. איין פרוי האָט געזאָגט דער צווייטער, וואָס היינט איז איר ריי אין קיך, אַז זי גיט איר מאָן מערער ברויט. יענע פאַלט אַריין אין אַ היסטעריקע:

— וואָס, מע קוקט מיר נאָך דאָס שטיקל ברויט? איך בין אַזוי שוואַך, קוים וואָס איך האַלט זיך אויף די פיס.

און דער מאַן שפּרינגט אויף:

— אַ סוף! מער וועט עס ניט גיין. מיר עסן ניט מער ניט קיין ברויט, ניט קיין קאַרטאָפל. גאָרניט!

אַ פיינע זאַך: אַ הונגער שטרייק אין שטאָל. עס העלפט ניט קיין בעטן: עסט, עסט! מאַן און פרוי רוקן זיך אָפּ אָן אַ זייט, שושקען זיך אָן אויפהער. פאַרנאַכט, מע גרייט זיך אַריינצוגיין אין כאַטע —ביידע זיינען נישטאָ: זיי האָבן זיך שטיל אַרויסגערוקט און אַוועק. וואָס טוט מען? ווער ווייסט, וואָס מענטשן קענען אָפּטאָן אין צושטאַנד פון כעס און פאַרצווייפלונג?

מיר זוכן זיי אַרום אין אַלע זייטן. עטלעכע הונדערט מעטער פון שטאָל האָבן מיר זיי געפונען אין אַ קוסט. מיט צרות זיי קוים געבראַכט צוריק. זיי ווייטער: ניט עסן. גייט שוין דער אַלטער צו צום מאַן און בעט אים עסן. יענער: ניין, ניין — און וויל אַנטלויפן אין ווילדן געוויין. דער אַלטער ווערט שטאַרק אויפגעבראַכט, כאַפּט אים פעסט אָן פאַר דער האַנט און קריצט דורך די ציינער:

— איך האָב געדולד צו יעדן פון אייך, איר צו מיר ניט? זיי אַ מאַן, ניט קיין פאַסטעך.

ביי די ווערטער וויל טאַדעאוש אים אַרונטערלאָזן אַ פּאַטש, אָבער מיר האַלטן אים איין.

קען הונגער מיט טויט־שרעק ניט אַרונטערברענגען אַ מענטשן פון זינען?

7טער יאַנואַר, 1945.

די ערשטע וואָך פון נייעם יאָר האָט אונדז קיין באַזונדערע נייס ניט געבראַכט. אונדזערע יידישע פּריצים הונגערן אונדז נאָך אַלץ אויס. די קאַרטאָפל ענדיקן זיך שוין אויך. מיר זעען אַלע זעקס אויס שוואַרץ, ווי די ערד. דער אַלטער האָט שוין ניט געקענט צוזען אונדזער צער, האָט ער היינט זיך אויפגעהויבן און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, אַוועק צו אַנטאַנאַסן. ער האָט אים דאָרטן געמאַכט אַ סקאַנדאַל און געדראָט מיטן ערגסטן, אויב ער וועט תיכף ניט אַרויסגעבן אַ טייל פון די פאַרהאַלטענע פּראָדוקטן. דאָס האָט געהאָלפן. און דער אַלטער, באַלד אַכציק־יעריקער, ליטווישער פויער האָט גענומען אויף זיינע פּלייצעס אַ זאַק מיט פופציק־זעכציק קילאָ פּראָדוקטן, געשלעפּט זיך צופוס דורך בלאָטעס און זומפּן, כדי ניט צו לאָזן אויסגיין זעקס יידן פון הונגער.

וואָס איז ווערט אַזאַ אָרעמער גוי קעגן אַזאַ ייד אַ פּריץ?

10טער יאַנואַר.

עס הייבן זיך שוין אָן די גרויסע פּרעסט. דאָס זיין אין שטאַל ווערט אַלץ שווערער. דעם גרעסטן טייל פון טאָג מוז מען ליגן אונטער דער קאָלדרע. באַזונדערס ליידן אַלע פון קעלט אין די פיס. די שמאָלע שטאָטישע שיך שיצן שוואַך פון פראָסט און קיין וואָליקעס איז קיינעם ניט איינגעפאַלן מיטצונעמען.

ווי וועט מען אויסהאַלטן דעם גאַנצן ווינטער?

15טער יאַנואַר.

טאַדעאוש קומט היינט אַ שיכורער. זיין וייב שפּילט אים אָפּ אַ חתונה. ער נעמט זי שלאָגן מיט רציחה און מיר ראַטעווען זי קוים אַרויס פון זיינע הענט.

אַזוי זעען אויס די „צווייי טויבן"? משמעות, אַז מיטן אַרויסטראָגן אַן אורטייל אויף אַ מענטשן דאַרף מען זיין גאָר אָפּגעהיט, ווער רעדט נאָך

ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ ליטווישן פויער. „כדי צו קענען אַ מענטשן, דאַרף מען מיט אים אַ פוד זאַלץ אויפעסן" — דאָס פאָלק ווייסט, וואָס עס רעדט. דער ליטווישער פויער איז באַשאַנקען מיט אַ פּרימיטיווער כיטרע־קייט, וואָס אים איז געלונגען צו באַהאַלטן אונטער אַ מאַסקע פון תמימות. דעריבער האָבן מיר זיך תחילת אָפּגעגעבן אין אָפּשאַצן די באַציאונגען צווישן אַלטן און זיין ווייב. קען זיין, אַז צוליב דער דאָזיקער מאַסקע האָבן יידן אין משך פון אַפילו יאָרהונדערטער צוזאַמענלעבן ניט געקענט באַגרייפן די פּסיכאָלאָגיע פון זייערע ליטווישע שכנים און דעריבער איז זייער רציחה־אויסברוך לגבי די יידן נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן געווען פאַר אונדז אַזאַ פינצטערע רעטעניש.

פאַר אונדז בכל אופן איז עס אַ נייע צרה: דער צעשטערטער שלום־בית ביי די אַלטע פאַרגרעסערט נאָך מער די געפאַר.

17טער יאַנואַר.

היינט ווידער אַן איבעררייד צווישן די אַלטע, ווידער האָט דער אַלטער זיך געוואָרפן זי שלאָגן. מיר זיינען צערודערט, אָבער מיר שטייען דאָס מאָל אַן אַ זייט: מען קען זיך ניט תמיד אַריינמישן אין אַזעלכע ענינים. מאַן־ווייב־קאָנפליקטן — ווער קען דאָ אַריינריידן? דאָ באַשטימט נישט גערעכטיקייט, נאָר — בלוט. בלוט מיט זיינע זיג־זאַג־געענג, מיט זיינע ווילדע דרכים און אויסברוכן.

די אַלטע האָט אונדז שוין ניט איין מאָל דערציילט, אַז טאַדעאוש קריכט צו דער שוועסטער פון זיין שכן אַנוליס און יענע וואַרט שוין אויף איר, דער אַלטערס, טויט. ווען זי פאָרט אַמאָל אַוועק, זאָגט זי, קומט די אַנדערע פרוי דאָ אין כאַטע אַריין. פאַרזאַמט זיך דער אַלטער צו קומען אין אָוונט, צישעט די אַלטע: אַנוליס, אַנזליס... זעכציק יאָר אַלט און אייפער־זיכטיק, ווי אַן אַכצן־יעריק מיידל. לעבט שטענדיק אין שרעק פאַר ווערן פאַרראַטן און אַרויסגעוואָרפן. איצט קומען צו די קלעפּ און די חרפה פאַר אונדז. קען זי שוין מער ניט אויסהאַלטן, הייבט זי זיך אויף און זאָגט:

— געננג פאַר מיר, איך גיי אַוועק צו די קינדער. דאָס שטיקל טרוקענע ברויט וועלן זיי מיר אויך געבן.

אַן אומגליק, אָן איר קען מען דאָ אַ מינוט ניט זיין. פועלן מיר מיט צרות ביי טאַדעאושן, ער זאָל זי שוינען און איבערבעטן. איר דערקלערן מיר

אין דער שטיל, אַז דורך איר אַוועקגיין שטעלט זי אונדז אַלעמען אין דער גרעסטער סכנה — און זי פאָלגט אונדזער עצה צו בלייבן.

— איך בלייב נאָר צוליב אייך — זאָגט זי — ווען איך וועל דאָ נישט זיין, זוער וועט אייך היטן?

איינגעשטילט די פּרוי אין איר — אויף ווי לאַנג?

18טער יאַנואַר.

ווען מען האָט געזאָגט די הגדה, האָט מען ניט אַזוי שטאַרק פאַרשטאַנען די דריטע מכה פון די מיצרים, ווי מיר איצט, ווען מיר זיינען אַליין אירע קרבנות. ניט געקוקט אויף אַלע פאַרהיט־מיטלען איז אונדז דאָך ניט געלונגען זיך אויסצוהיטן פון דער דאָזיקער פּלאָג. זיך וויניק וואַשן, שלאָפן אין די קליידער, אָפט וואָכנלאַנג, ליגן אויף היי טאָג און נאַכט — דאָס אַלץ מוז ברענגען צו אַן אָנפאַל פון כינים. די מכה האָט שוין אָנגענומען אַזאַ פאַרנעם, אַז מען האָט שוין פאַרלוירן די חרפּה ניט נאָר פון קראַצן זיך אָפן, נאָר אַפילו פון זיך לאָזן אויף "יאַגד" פאַר יענעם אין די אויגן.

מע ווערט פאַרנודיעט פון די לייז בייטאָג און ביינאַכט.

20סטער יאַנואַר.

אַ "הימלעכער" יובילײ: שוין דאָ דריי מאָנאַטן אין שטאַל.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ וואָרט, וואָס ס'האָט מיר געזאָגט הרב סניעג, אַ מינוט פאַר מיין פאַרלאָזן די געטאָ, אַזוי ווי ער וואָלט געוואוסט, וואוהין איך קלייב זיך. פאַראַן אַ פּסוק, האָט ער געזאָגט: "קוה אל ד׳, חזק ואמץ לבך, וקוה אל ד׳." וואָס עפּעס "קוה" און נאָך אַמאָל "קוה"? דער פּשט איז: צוערשט הייסט מען דיך האָפן צו גאָט; אויב דאָס איז נאָך וויניק, דאַן "חזק" — שטאַרק זיך אַליין; אויב דאָס קלעקט נאָך אויך ניט, דאַן "ואמץ לבך" — אַרבעט נאָך מער איבער זיך, כדי צו האָפן, און אויב דאָס אַלץ איז נאָך אויך ניט גענוג, איז ווידער — "וקוה אל ד׳."

בטחון פון אַ פרומען יידן. ווי ריכטיק ס'איז דער "אשרי המאמין". אין די ערגסטע צייטן האָט ער אַן אַדרעס און קען אויסגיסן זיין ביטער האַרץ.

אין געטאָ, פאַר "אַקציעס", צי נאָך "אַקציעס", האָסטו זיי געזען, אַז די

מאמינים, לויפנדיק מיט די פאַרשטעקטע טליתים אונטער דער פאָלע, אין די געהיימע „מנינים“, כדי זיך אויסצואוויינען פאַר גאָט, בעטן, שרייען, פאָדערן, פרעגן. ניט איין מאָל האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ געפיל פון קנאה צו אָט די גלייביקע. ניט איינמאָל האָט זיך אַליין געוואָלט אַריינכאַפּן אין יענע „מנינים“ און אָפּזאָגן אַ תפילה, כאָטש איין תפילה, ווי אין די קינדערשע יאָרן, מיטן האַרציקן, סקאַרבאָווען ניגון, נאָר ס'האָט געפעלט קוראַזש אויף דעם. אויף קריכן דורך די דראָטן און ריזיקירן מיטן לעבן איז געווען מוט, קוקן יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן אַריין איז געווען מוט, — נאָר אַריינכאַפּן זיך אין „מנין“ אָפּצוזאָגן אַ תפילה — אויף דעם איז ניט געווען קיין מוט. פלעגט מען אַרומגיין מיט אַ שווערניש אויפן האַרצן און מיט ניט קיין אויסגעוויינטע טרערן.

גוט איז דעם מאמין, וואָס גלייבט אין אַלץ און רעכטפאַרטיקט אַלץ. גוט איז אויך דעם פּוסט־און־פּאַסטניק, וואָס נייטיקט זיך ניט אין קיין גלויבן: ער האָט ניט קיין שאלות און דאַרף ניט קיין תשובות. שווער איז אָבער דעם, וואָס געפינט זיך אין מיטן, וואָס גלייבט ניט אין גאָט און פאַרנעמט זיך דאָך מיט געטלעכע שאלות, וואָס טראַכט וועגן זין פון זיין לעבן און פון לעבן פון זיין פאָלק.

אין נאָרמאַלע צייטן ווערט עס אַלץ פאַרטומלט און פאַרטושט דורכן רויש פון לעבן, פון אייגענע פריידן און ליידן. אָבער אין ביטערע צייטן, — דאַן קומט די שווערע לאַסט פון ספיקות און אמונהלאָזיקייט און דריקט אויף דער נשמה. דער מאמין געפינט אַ זכות אויף אַלע מעשים פון רבונו־של־עולם, אַפילו ווען ער פאַרשטייט זיי ניט מיטן שכל־הישר, „גאָט און זיין משפט איז גערעכט“. אָבער דאָס האַרץ פון אַ ניט־גלויביקן ווערט צעריסן, ווען זיין מוח געפינט ניט קיין ענטפער אויף די מאַטערנדיקע שאלות.

איך נעם אָפּט אין שטאַל אַרויס מיין איינציק מיטגעבראַכט ספרל — אַ מחזורל. איך לייען אַנדערש מאָל אַ תפילה, זאָג זי מיט אַ ניגון אַפילו, אָבער עס קומט ניט קיין דערלייכטערונג. איך און מיינס גלייכן קענען זאָגן אַ תפילה, קענען אויסזינגען אַ תפילה — אָבער זיך אַראָפּריידן פון האַרצן דורך אַ תפילה, זיך אויסריידן פאַר גאָט דורך אַ תפילה — דאָס קען נאָר אַ מאמין.

די פאַרשיידענע מאָדערנע באַוועגונגען, וואָס האָבן אונדז געשאָנקען אַזוי פיל דערהייבענע און טיפע אידייען, האָבן בעיקר באַרייכערט דעם מוח און ווייניקער אָנגערירט דאָס האַרץ. די געפיל־וועלט פון אַ גלייביקן איז רייכער פון דער געפיל־וועלט פון אַ ניט־גלייביקן. אין לעבן, און באַזונדערס אין שווערע מאָמענטן, נייטיקט זיך דער מענטש ניט נאָר אין אַ קריסטאַליזירטן געדאַנק, נאָר אויך אין אַ קריסטאַליזירט געפיל. דער מאָדער־

נער וועלט איז עד־היום נאָך ניט געלונגען צו שאַפן פאַרן מענטשן אַזאַ שלמותדיקן לעבנס־אופן, ווי דאָס האָט געשאַפן די רעליגיע. סאָציאַלע אי־דייען, ליטעראַטור, מוזיק, טאַנץ — דאָס אַלץ האָט זיך נאָך ניט צוזאַמענ־געגאָסן אין איין האַרמאָנישן לעבנס־שטייגער, וואָס זאָל אויספילן דעם גאַנצן „איך״. זיי זיינען נאָך ניט געוואָרן אויסגעגאָסן אין איין גאַנצער גייסטיקער איינהייט. ביי יידן איז דאָס, אפשר, נאָך שאַרפער, ווי ביי ניט־יידן. די יידישע גימנאַזיע איז נאָך ניט דער „חדר״ און דער אוניווערסיטעט איז אַוודאי ניט דער בית־מדרש. די לעצטע זיינען געווען אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט און האָבן געשאַפן אַ שלמותדיקע לעבנס־סיסטעם. די ערשטע זיינען נאָר לערן־אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען ווייט פון אויספאָרמירן שלמותדיקע יידן, און דערמיט איז צו דערקלערן די דערשיינונג, וואָס טראַדיציאָנעל־דערצוי־גענע יידישע תלמידים לעבן מערער מיט זייער קינדהייט און דער קינדער־שער אַרום איז מערער איינגעקריצט אין זייער נשמה, ווי דאָס איז דער פאַל ביי יידישע גימנאַזיסטן און אוניווערסיטעט־סטודענטן.

אַ קהלת־שטימונג פון אַ מאמין ענדיקט זיך תמיד מיט אַ „סוף דבר: את אלהים ירא ואת מצותיו שמר, כי זה כל האדם״, און אַפילו אַן איוב בלייבט ביי דער דאָזיקער נחמה (דאָ איז ניט וויכטיק, צי ס'איז אמת די השערה פון דער ביבל־קריטיק, אַז דער דאָזיקער פסוק איז שפּעטער „צוגעטשעפּעט״ געוואָרן). אַ קהלת־שטימונג פון אַ ניט־מאמין בלייבט אָבער הענגען אויף דער נשמה, ווי בליי, וואָס דריקט און פּרעסט. דריי יאָר געטאָ און דריי חדשים שטאָל ברענגען ניט זעלטן צו טראַכטן וועגן אַזעלכע ענינים.

27סטער יאַנואַר.

צום ערשטן מאָל אין אונדזער באַהעלטעניש האָבן מיר היינט גערעדט מיט אַ פרעמדן פויער. בעת דער הונט האָט אָנגעהויבן בילן און מיר האָבן דורך די שפּאַלטן דערזען, ווי עס דערנענטערט זיך צו דער כאַטע אַ מענטש מיט אַ פאַרטפעל אונטערן אָרעם, איז אונדז דאָס האַרץ איינגעפאַלן. נאָר די שרעק האָט זיך דאָס מאָל באַצאָלט: דער פויער איז געקומען מיט אַ בריוו פון אַ ברודער פון איינעם פון אונדזער גרופּע. סיי פון בריוו, סיי פון די רייד פון ליטווין איז געווען צו זען, אַז די ידיעות וועגן דער ליקווידאַציע פון דער גאַנצער געטאָ זיינען ניט געווען ריכטיק. נאָר דער ערשטער ראַיאָן איז אָוועקגענומען געוואָרן. בדרך כלל לעבט זיך נאָך די געטאָ „נאָרמאַל״, און צו ניי־יאָר (צום ניט־יידישן!) זיינען נאָך פאַרגעקומען אין געטאָ געניג „וועטשערינקעס״.

אין בריוו געפינט זיך די טרויעריקע ידיעה, אַז ד״ר חיים־נחמן שאַפּיראָ איז אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן פאָרט. דער „רויטער קרייץ״ פון אַמעריקע האָט אים געוואָלט אַ טובה טאָן און אַרויסגעפאָדערט קיין אַמעריקע. אַזעלכע אינטערווענצן מצד אויסלאַנד האָבן תמיד געבראַכט פאַר די אַרויסגערופענע דעם טויט.

ד״ר ח. נ. שאַפּיראָ, דער זון פון קאָוונער רב און יידיש־העברעאישער ליטעראַטור־קריטיקער, איז אין געטאָ געווען זייער אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. לויט זיין הויפּט־איניציאַטיוו איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין געטאָ אַ ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „אשל״, וואָס האָט ביי די געגעבענע באַדינגונגען געפירט אַ גאַנץ לעבעדיקע טעטיקייט. ריין פאָרמעל, פאַרן ברייטן עולם און פאַר דער מאַכט האָט עס געהייסן, אַז דער ציל פון „אשל״ איז אָפּצוהיטן די גערטנער פון געטאָ. די מיטגלידער זיינע האָבן אַפילו געהאַט אַ ספּעציעלע אוניפאָרם: אַ ווייס, שפּיציק היטעלע. אָבער אונטערן דאָזיקן דעק־מאַנטל האָט זיך געפירט לעבעדיקע אַרבעט: פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטן וועגן ציוניסטישע פראַגעס, געזאַנג. אַרום „אשל״ און דורך אים האָבן זיך שפּעטער אויסגעקריסטאַליזירט די אַלטע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

ד״ר ח. נ. שאַפּיראָ איז געווען דער רוח־החיים פון אָט דער אָרגאַניזאַציע.

דער בריוו איז דער ערשטער אויטענטישער באַריכט וועגן דער לאַגע אין געטאָ אין דעם איצטיקן מאָמענט. מיר שטעלן זיך יעדער די פראַגע: האָבן מיר זיך ניט צוגעאיילט מיט אונדזער אַנטלויפן פון געטאָ? זיינען טאַקע ניט גערעכט געווען די יעניקע חברים, וועלכע האָבן געטענהט, אַז ס׳איז נאָך דאָ צייט און אַז מע קען נאָך וואַרטן?

28סטער יאַנואַר.

אונדזער „פריץ״ רופט זיך היינט אָן צו מיר:

— איך האָב זיך אָפּגענאַרט מיט אייך. געמיינט, אַז איר האָט געגנוג „צענערלעך״ (גאָלדענע צען־רובל־שטיק פון די צאַרישע צייטן), אָבער, ווי איך זע, איז גאַנץ ווייט דערפון, איך האָב געקענט פאַרדינען פיל געלט פאַרן „אָרט״, ווען איך זאָג עס אַנדערע יידן אין געטאָ.

איך פרעג אים תמעוואַטע:

— ווען איר אַנטלויפט פון טויט, זוכט איר אויך רווחים?

און ער ענטפערט רואיק:

— כל־זמן מע לעבט, דאַרף מען מאַכן געשעפט.

טאַדעאוש „האַלט פון מיר". ער זעט, אַז איך זיץ אָפּט און שרייב, און דאָס מאַכט אויף אים אַן איינדרוק. ער האָט מיר עטלעכע מאָל אַרויס־געגעבן זיין „סמיכה", אַז איך בין אַ „גראַמאַטנער". דעריבער פאַרטרויט ער זיך פאַר מיר אָפּט, ווי דאָס געשעט אויך היינט. ער גיט מיר איבער, אַז דער אַמאַליקער יידישער פּריץ האָט אים היינט אַזוי געזאָגט:

— איך האָב אין געטאָ אַ פריינד, אַ דאָקטאָר, האָט ער אַ ים מיט געלט. ברענג אים דאָ אַהער. דו וועסט האָבן מעות און מיר — בעלער יעדן מאָנ־טיק און דאָנערשטיק. זיי (געמיינט אונדז) זיינען דאָך אַ חברה קבצנים, לאַכודרעס און קאַטערינשטשיקעס — טרייב זיי אַרויס!

טאַדעאוש גיט צו:

— איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט. איך האָב אים נאָר אָנגעקוקט און מיינע אויגן האָבן אים מסתמא געזאָגט, וואָס איך טראַכט.

אונדזער „פּריץ" איז היינט זייער אַקטיוו. פאַרנאַכט האָט ער ווידער אַ שמועס מיט מיר, דאָס מאָל דאַרף עס זיין אַ סוד:

דאָס אָרט ווערט דאָ געפערלעכער מיט יעדער מינוט. די אַלטע האָט אים געזאָגט: אַ שכנטע האָט גערעדט קלאָרע דיבורים, אַז ביי זיי באַהאַלטן זיך יידן. וואָס טוט מען?

ער פרעגט עס מיט גרויס שרעק און ברעכט די הענט. איך טרוי אים אָבער ניט, בין חושד, אַז ער וויל דאָ טרייבן דיפּלאָמאַטיע מיט אונדז, וויל אונדז איינשרעקן, אַז מיר זאָלן אָפּציען פון דאַנען. פרעג איך שפּעטער די אַלטע, אויב דאָס אַלץ איז אמת.

— אַ ליגן — זאָגט באַרבאַראַ. — ער האָט זי טאַקע געבעטן, אַז זי זאָל עס אונדז זאָגן, אָבער זי האָט זיך פון דעם אָפּגעטרייסלט.

30סטער יאַנואַר.

אונדזער משפחה האָט זיך היינט פאַרקלענערט. דער פויער, וועלכער איז דאָ מיט עטלעכע טעג צוריק געווען מיטן בריוו, האָט אָפּגענומען איינעם פון אונדז, כדי אים אויסצובאַהאַלטן ביי זיך. וועגן דעם האָבן זיי געהאַט אָפּגערעדט שוין בעתן דערמאָנטן באַזוך, און נאָר איך אַליין האָב געוואוסט פון דעם.

יעדערער פון אונדז איז באַהערשט געוואָרן פון קעגנגעזעצטע געפילן:

פון איין זייט — וואָס קלענער די משפחה, אַלץ זיכערער, ווייל מיט יעדן טאָג ווייזט זיך אַרויס ווי געפערלעך עס איז צו זיין זאַלבע־אַכט אין איין באַהעלטעניש; פון דער אַנדערער זייט — נאָגט אַ געפיל פון קנאה: איינער אַליין זיין אויסבאַהאַלטן איז פיל־פיל זיכערער.

7טער פעברואַר.

די פּראָדוקטן, וואָס אונדזער אַלטער האָט מיט אַ חודש צוריק מיט געוואַלד אַרויסגעקראָגן פון אַנטאַנאַסן, האָבן זיך שוין געענדיקט מיט אַ וואָך צוריק. איצט האָבן מיר אַפילו קיין שטיקל ברויט אויך ניט. מיר שפּייזן זיך נאָר מיט קאַרטאָפלדיקער וואַסער־זופּ, און אויך דאָס איז ניטאָ יעדן טאָג די פולע „נאָרמע". די אַמאָליקע יידישע פּריצים עסן פאַר אונדזערע אויגן פלייש און אַלדאָס גוטס — און מיר זיצן און חלומען וועגן אַ שטיקל טרוקן ברויט. פון „פּריץ" איז היינט אַראָפּגעפאַלן אין מיסט פון שטאַל אַ שטיקל ברויט באַשמירט מיט פעטס. איך האָב עס אַ גאַנצן טאָג „געהיט", און ווען איך בין געבליבן אַליין אין שטאַל, האָב איך עס גיך אַריינגעכאַפּט אין מויל אַריין. די שאַנד פאַר זיך אַליין האָט אָבער אַזוי געברענט טיף אין האַרצן, אַז ס'איז ניט געווען קיין כוח נאָך דער דאָזיקער „גנבה" איינ־צוהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן אַ שפּאַר געטאָן. האָבן די טרערן אַ שטראָם־געטאָן צוליב דער הונגער־חרפה און הונגער־נויט, אָדער צוליב דער גע־פאַלנקייט פון מענטש, וואָס קען אין אַ טויטן־לאַגער אויסהונגערן אייגענע ברידער צוליב אַ פאָר הונדערט מאַרק?

ווער קען די וועגן פון מענטשלעכע טרערן און פון מענטשלעכער פרייד?

10טער פעברואַר.

די פרעסט, וועלכע זיינען לעצטנס געווען לייכטער, האָבן זיך ווידער פאַרשטאַרקט. די כוחות זיינען שוין גוט אָפּגעשוואַכט. די האָפענונג, אז גאָר בקרוב וועלן זיך באַווייזן די ערשטע וואַרעמע זון־שטראַלן, איז צערונען. וואָס וועלן מיר טאָן, אויב עס זאָל זיך שטעלן אַ לאַנגער, שטאַרקער ווינ־טער?

.4

אין די קוסטעס

24סטער פעברואַר.

די אַלץ שטאַרקערע פרעסט האָבן זיך קאָמפּענסירט מיט דעם, וואָס לעצטנס האָבן מיר ניט געהאַט קיין איין איינציקן דורכפאַל. דאָס האָט גע־געבן כוחות דורכצוטראָגן די קעלטן פון אַ ליטווישן דאָרף אין אַ שטאַל. די אַלע קעלטן און די אַלע געשעענישן, וואָס האָבן פאַסירט מיט אונדז די פיר חדשים, זיינען אָבער גאָרנישט קעגן דעם, וואָס אונדז האָט היינט געטראָפן.

עס איז געווען גוט טונקל, ווען אונדזער „קאָמאַנדע" האָט זיך געגרייט דורכצוגנבענען שטילערהייט דאָס שטיקל פרייע פעלד צווישן שטאַל און שטוב, כדי אָנצואוואַרעמען די פאַרפרוירענע גלידער. פלוצלונג לויפט אַריין צו אונדז דער אַלטער טאַדעאוש, ניט טויט, ניט לעבעדיק, און שרייט אויס:

— לויפט אין די קוסטעס! אַנטאַנאַס איז שוין אַרעסטירט. לויפט!

אַ באָמבע האָט שווערער ניט געקענט טרעפן. אַזוי אומדערוואַרט! עס ציטערן ביי אַלעמען די הענט און די פיס. אַ טייל האָבן פאַרלוירן דאָס לשון. מע וויל גיין — און ס'הייבן זיך ניט די פיס. מע וויל ריידן — און ס'רירט זיך ניט די צונג. ווען איינער פרואווט שוין יאָ אַ פרעג־טאָן עפּעס פרטים, האָט דער אַלטער נאָר איין ענטפער:

— לויפט! אין גיכן וועלן זיי זיין דאָ!

מיר כאַפּן צונויף דאָס ביסל שמאַטעס אין שטאַל — אין שטוב לאָזט מען שוין ניט אַריין — און לויפן וואוהין די אויגן טראָגן. דער אַלטער ווייזט אונדז יאָ עפּעס אַ ריכטונג צו די קוסטעס, אָבער מיר האָבן דאָך דאָ נאָך כמעט קיין מאָל די נאָז ניט אַרויסגעשטעקט און ווי וועלן מיר טרעפן אַ וועג אין ווילדע קוסטעס?

נאָר ווער קען שטעלן קשיות, ווען געשטאַפּאָ איז שוין פיר קילאָמע־טער פון דאַנען און זיכער איז איר ציל צו כאַפּן טאַקע אונדז.

מיר באַשליסן צו ריזיקירן און זיך ניט צו דערווייטערן דערווייל פון שטוב. ווען מיר זיינען שוין אין די קוסטעס, לייגן מיר דאָרטן אָפּ אונדז־זערע פעקלעך און וואַרטן (וויפל געזונט האָט דאָס צוגענומען פון אונדז־זער לעבן?), וואָס וועט געשען אין דער כאַטע. מיר טראַכטן, אַז אויב

געשטאָפּאָ זאָל אַפילו דאָ קומען איצט, וועט זי ניט וואַגן צו גיין אין די קוסטעס ביינאַכט, און מיר וועלן דאַן צייט האָבן צו אַנטלויפן.

ווען עס גייען אַוועק עטלעכע שעה און קיין טומל אַרום הערט זיך ניט, ווערט אונדזער ערשטע צערודערונג אַ ביסל קלענער. מיר באַשליסן צו שיקן צוויי מענטשן צו דער כאַטע צוצונעמען אונדזערע זאַכן, ווי אויך נעמען ביי די אַלטע כאַטש אַ לעבל ברויט.

די אַלטע, אַליין אויך דערשראָקן אויף טויט, גיבן עס אַרויס אין איי־לעניש, ווייל זיי אַליין קלייבן זיך צו אַנטלויפן פון כאַטע. זיי האָבן אַרויפ־געלייגט אַ שלאָס אויף דער טיר און דאָס פערד האָט דער אַלטער אָפּגעפירט טיף אין די קוסטעס, וואוהין ער מיט זיין ווייב האָבן זיך אַריבערגעקליבן.

דער יידישער „פריץ" מיט זיין ווייב טיילן זיך אָפּ פון אונדז. זיי קענען דאָ גוט אַלע פויערים און גלעלט האָבן זיי אויך גענוג, כדי צו קריגן אַ גייע באַהעלטעניש. וואָס פאַר אַ געפילן מיר זאָלן ניט האָבן צו זיי פאַר זייער פאַסקודנער האַנדלונג, ווערט דאָס אָבער איצט, אין אַזאַ גורלדיקער שעה, פאַרגעסן. אין שיין פון טויט דערהייבן זיך מענטשן. מע געזעגנט זיך. מע וויינט. מע כליפּעט. מע קושט זיך. ווען עס הילכן אָפּ די לעצטע טריט פון די צוויי אַוועקגייענדיקע אין דער שטילקייט פון וואַלד און נאַכט — פרעסט אַ נאָגנדיקער ווייטיק דאָס האַרץ, און די פינף פאַרבליבענע בלייבן אַ געוויסע צייט, ווי פאַרשטיינערט.

מיר באַשליסן צו וואַרטן אויפן פריען פרימאָרגן. דערווייל לייגן מיר אויס אונדזערע זעק און פּעק און מאַכן פון זיי זיץ־ערטער. אַלע אברים פרירן. מע פילט קוים די הענט און פיס. פון צייט־צו־צייט רייבט מען זיך די הענט, די אויערן און די נאָז מיט שניי, כדי זיך צו פאַרהיטן פון פאַרפרירן אַ גליד.

ווען דער פרימאָרגן גרויט שוין אַדורך די פאַרשנייטע צווייגן, הייבן מיר זיך אָן גרייטן אין וועג אַריין. כדי מע זאָל אונדז ניט דערקענען שוין פון דער ווייטנס מוזן מיר פטור ווערן פון דעם בולטסטן סימן (אויסער די געלע לאַטעס) פון אַ היטלער־יידן: פון דעם רוק־זאַק אויף די פּלייצעס. מיר לאָזן דעריבער איבער אַלע אונדזערע פּעקלעך אין די קוסטעס, און מאַכן זיך אַ סימן פונעם אָרט. מיר נעמען מיט דאָס סאַמע נויטווענדיקסטע.

קען אַ מענטש אַזאַ ביינאַכטיקן טויטן־מאַרש אין ווילדן וואַלד פאַרגעסן ווען־עס־איז אין זיין לעבן ?

אין אַזאַ מאַרש שטאַרבט מען צען מאָל פון — שרעק. די געדרייטע און געשלענגלטע וועגן פון די קוסטעס, אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף, שטרענגען

אָן די נערוון, שפּיצן זיי צו ביזן העכסטן גראַד. אַ ייד אין וואַלד, דערצו נאָך אַן אַנטלאָפענער פון געטאָ און אַ געיאַגטער פון דער געשטאַפּאָ! יעדער שאָרך, יעדער ניט־געראָטענער טראָט, יעדע קלענסטע באַוועגונג — אַלץ שרעקט און וואַרפט אָן אַן אימה.

אַ נייע וועלט, אַ פרעמדע וועלט, אַ ווילדע וועלט. די געוויינען און געהוילן פון די חיות און פייגלען — ווער האָט זיי ווען־עס־איז געהערט ביי־נאַכט אין וואַלד?

— שאַ! שאַ!

— וואָס?

עפּעס אַ ווייסע חיה, משמעות אַ שטירנע (וואַלד־ציג) איז פאַרבייגע־שפּרונגען עטלעכע מעטער פון אונדז און אונדז איבערגעשראָקן אויף טויט.

און ווידער:

— שאַ, מע גייט!

עמעצן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער הערט טריט — און מיר האָבן זיך געוואָרפן גיך אויף דער ערד, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם.

און אַזוי כסדר.

ווי לאַנג דויערט שוין אָט דער תוכחה־גאַנג? אונדז איז שוין געגנוג הייס פון דאָזיקן וועג אין ליטווישן ווינטער־פרימאָרגן. שוויס רינט, ווי וואַסער. די גלידער זיינען צעבראָכן פון שלעפּן די פּעק.

קוים־קוים דערגאַנגען צו אַן אָרט אין די קוסטעס, פון וועלכן עס זעט זיך דאָס הויז פון פויער, וואוהין עס האָבן בשעתו פאַרבלאָנדזשעט אונדזערע צוויי חברים אין דער שלימזלדיקער נאַכט פון צענטן דעצעמבער. ס'קומט באמת אַ פּריז דעם חבר, וועלכער האָט דורך אַזעלכע ווילדע וועגן דאָך ווידער אויסגעפונען דעם וועג צום דאָזיקן אָרט.

מיר זיינען „רואה ואינו נראה". מיר שטייען באַהאַלטן הינטער די קוסטעס און דורך צוויגן קוקן מיר נאָך דעם חבר, וועלכער גייט פאַר־האַנדלען וועגן אַריינלאָזן אין שייער אונדזערע פינף „פּאַסאַזשירן"? ווען מיר האָבן קוים דערלעבט צו זען אונדזער חבר צוריק און צו הערן די פריי־דיקע בשורה: „מע קען" — האָבן מיר זיך אַלע צעכליפּעט פון פרייד.

ווען מיר קומען צו זיך, זאָגט אונדז אונדזער „דעלעגאַט", אַז דער פויער האָט דערלויבט דערוויל נאָר אויף איייניקע טעג. ווער האָט אָבער אַצינד גרעסערע פאַרלאַנגען? מע וויל נאָר איין זאַך: אויסרוען. ביי איי־ניקע פון אונדז זיינען די נערוון געשפּאַנט ביז גאָר אַ געפערלעכער מדרגה.

25סטער פֿעברואַר

ווידער אַ ניי לעבן. מיר מאַכן „אַקאַפּעס” אינעם היי פֿון דעם זייער גרויסן שייער. די נייע באַלעבאַטים גיבן אונדז עפּעס וואַרעמס, און די פֿאַרפֿראָרענע גלידער הייבן אָן צו צעגיין. נאָך אַ קליינעם דרעמל פּרוּווט מען זיך איינאָרדענען. דער נייער באַלעבאָס איז אַוועקגעפֿאָרן מיט איינעם פֿון אונדז צום אָרט, וואו מיר האָבן נעכטן געלאָזן פֿאַרבאַהאַלטן די פּעק אונדזערע. דאָס איז דאָך אונדזער גאַנצער קאַפּיטאַל: די זאַכן צו בייטן אויף פּראָדוקטן.

דער קורצער פֿעברואַר־טאָג גייט גיך אַריבער. עס פֿאַלט צו דער אָוונט. די שטימונג פֿאַרבעסערט זיך און די האָפֿענונג אונדזערע צו בלייבן דאָ פֿאַרגרעסערט זיך. פּלוצעם לויפֿט אַריין צו אונדז דער נייער באַלעבאָס און זאָגט אונדז מיט אַ פֿאַרשטיקטן קול:

— עס גרייטן זיך רעוויזיעס אין דער גאַנצער געגנט. איך האָב מורא. גייט שוין אַרויס!

אין אַ מינוט אַרום, נאָך אַ דריקנדיק שווייגן, גיט ער צו:

— איך האָב פֿריער אַ ווײַלע איינגעדרעמלט, האָב איך געהאַט אַ שרעק־לעכן חלום: זיבן גלחים, אַלע אין שוואַרצן, מיט גרויסע שוואַרצע צלמים אויפֿן האַרצן, גייען צו מיר און טײַטלען מיט די פֿינגער. דאָס איז אַ שלעכ־טער סימן, יעזוס זאָל זיך דערבאַרעמען. איך האָב אַליין געזען אין בוך פֿון חלומות, אַז דאָס איז אַ גרויס אומגליק, אַ גרויס אומגליק... איר הערט? הינט בילן. פֿרעמדע געקומען צום שכן. מסתמא פּאָליציי.

אויף טויט דערשראָקענע בעטן מיר זיך:

— לאָז אונדז דאָ כאָטש די נאַכט איבערנעכטיקן!

די ווײַבער ווינען און קושן אים די הענט.

אויסגעפּועלט, אָבער מיט אַ תּנאַי, אַז ווי נאָר ס'וועט אָנהייבן טאָגן, זאָלן מיר אַוועק פֿון דאַנען.

אַזוי איז צערונען אונדזער נייע האָפֿענונג. ווידער אָן אויסקוק, ווי־דער פֿאַר אַ פֿינצטערן תּהום.

26סטער פֿעברואַר.

נייער טאָג מיט נייעם קלאָג.

מיט דער ערשטער פֿרימאָרגן־שיין נעמט מען צונויף אַלע בעבעכעס, מע פֿאַרוואַרפֿט זיי אויף די פּלייצעס און מע קריכט דורך, האַלב־געבויגענע, דאָס

שטיקל הויף צווישן שייער און קוסטעס. ס'איז נאָך געגוג פרי, אָבער די שוץ פון דער פינצטערער נאַכט איז שוין פאַרט ניטאָ און מע מוז דאָ, אין פרעמדע קוסטעס, זיך אַ ביסל פאַרמאַסקירן און אָפּוואַרטן ביזן אָנקום פון פאַרנאַכט, כדי מיר זאָלן זיך ווייטער קענען רירן אין וועג אַריין.

אויסגעמאַטערטע, ניט דערשלאָפֿענע און ניט דערעסענע, אָן אַ פונק האָפֿענונג און אָן אַ פּלאַן אין מוח — זעצן מיר זיך צו אויף אונדזערע פעקלעך אין די שניי־באַדעקטע קוסטעס. פלוצעם אַ שרעק: מיין פרוי פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט, כאַפּט זיך אָן מיר אָן, שעפּטשענדיק: „מיר איז ניט גוט". אירע אויגן באַקומען אַ מאָדנעם, אומהיימלעכן גלאַנץ, וואָס רופט אַרויס די שרעקלעכסטע געדאַנקען וועגן איר פּסיכישן צושטאַנד. איינער פון אונדז ריזיקירט מיט זיך און מיט אונדז אַלעמען און לויפט אַריין צום פּויער אין שטוב און ברענגט פון דאָרטן אַ פריש איי און אַ פלעשל מילך. דאָס דערכאַפּט איר פאַרחלשט האַרץ און שטילט דעם הונגער, וואָס האָט, משמעות, געהאַט ביי איר אַרויסגערופן קאָפּ־שווינדל. די אויגן האָבן ביסלעכוויִיז געקראָגן זייער נאָרמאַלן קוק, און מיין פרוי איז געקומען צו זיך נאָך עטלעכע אויפטרייסלענדיקע שעהן.

ביי אונדזערע נייע באַלעבאַטים האָבן מיר זיך אויף אַ זייטיקן אופן דערוואוסט (זיי האָבן דאָך, חלילה, ניט געטאָרט וויסן, וואו מיר האָבן זיך געפונען!), אַז ניט ביי טאַדעאושן, ניט אין אַנדערע ערטער אין דער דאָזיקער געגנט איז געשטאַפּאָ געווען די לעצטע פיר און צוואַנציק שעה. ניט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג, באַשליסן מיר צו גיין אין דער ריכטונג פון אונדזער פריערדיקער כאַטע. ווי נאָר ס'ווערט טונקל, לאָזט זיך די גאַנצע „קאָלאָנע" אַרויס אויפן מאַרש. דער וועג איז אַדורך בשלום און אָן בלאָנקענישן. ווען מיר דערנעענטערן זיך צו „אונדזערע" קוסטעס, כאַפּט אַרום אַזאַ וואַרעם געפיל, אַ געפיל פון היימישקייט.

היים!

ווי טייער און ליב עס קלינגט איצט דאָס דאָזיקע איינציקע וואָרט. די צעבראָכענע כאַטע, דער שייער, דאָס פערד, טאַדעאוש און באַרבאַראַ, דער הונט — דאָס אַלץ ווערט אונדז אַזוי ליב, און די קלעמעניש און נאָגעניש ווערן אַ ביסל לייכטער.

פלוצעם — טריט! ווער?

אַ טויט־אימה באַפאַלט אונדז. מיר קוקן איינער אויפן צווייטן, ניט ריידנדיק קיין וואָרט. מע האָרבעט זיך, מע וויל ווערן וואָס קלענער, ניט־זעעוודיק.

די טריט דערנעענטערן זיך און אונדזער שפּאַנונג וואַקסט. וועלן די נערוון ניט פּלאַצן?

לויטן ברעכן פון די צווייגן פילן מיר, אַז אָט־אָט קריכט מען אַרויף

אויף אונדזער קאָפּ. מיר באַוויַיזן זיך שוין אָבער ניט קיין ריר צו טאָן, ווי עס טאַנצט אויף אונדז אַרויף — אונדזער הונט!

ער איז אַרויפגעפאַלן מיט אַזאַ שמחה, די אויגן זיינע, דאַכט זיך, גלאַנצן פון פרייד, ער לאַסטשעט זיך צו יעדערן, קושט יעדערן, לויפט אַפּ עט־לעכע מעטער און קומט ווידער, קייקלט זיך אין שניי, מאַכט קונצן. משוגע!

דאָס דאָזיקע בילד רירט ביז טרערן: די איינציקע לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס טרייבט אונדז ניט, וואָס האָט ניט מורא פאַר אונדז, וואָס פרייט זיך מיט אונדז מיטן גאַנצן האַרצן. געזונט זאָלסטו זיין, טייער הינטל, פאַר דיין געטרייקייט און פאַר דער טרייסט, וואָס דו גיסט אונדז, געיאָגטע און געפּלאָגטע!

לויט די טריט פון הונט זיינען געקומען אויך דער אַלטער און די אַלטע. זיי דערציילן, אַז געשטאַפּאָ איז נאָך ניט געווען ביי זיי. זיי זיינען אָפּטי־מיסטישער און דערמוטיקן אונדז. די אַלטע ברענגט אויף גיך אַ טאָפּ מיט הייסער קרויט־זופּ און מיר דערקוויקן זיך דאָס האַרץ.

ווען מיר קענען ווען עס איז פאַר דעם אַלעם נאָך אָפּצאָלן אָדער וועט עס בלייבן, חלילה, נאָר אַ „חסד של אמת"?

הערנדיק פון אונדזערע אַלטע, אַז זיי וועלן אפשר אָוועקפאָרן פון דאַנען, און טאַקע שוין די נאַכט, אויף עטלעכע וואָכן, האָבן נאָך צוויי פון אונדזער חברה באַשלאָסן זיך אָפּצוטראָגן און צו פּרואוון מזל אין אַן אַנדער אָרט. מיר בלייבן שוין נאָר דריי — מיין פרוי, איר שוועסטער און איך — און דאָס פאַרשאַרפט נאָך אונדזער אומעט. מיין פרוי הייבט זיך אָן צו פּלאָגן פון פאַרשיידענע האַלוצינאַציעס. זי כאַפּט מיך אָן פאַר דער האַנט און זאָגט:

— זעסט, די קוסטעס גייען, לויפן; די ביימער זיינען לעבעדיקע מתים — איך האָב מורא, געוואַלד! און דאָרטן, זע, שטייט אַ מענטש, ניט אמת? לאָמיר אַנטלויפן, איך האָב מורא, לאָמיר אַנטלויפן!

דער פראָסט שטייגט, מע קען שוין פשוט ניט אויסהאַלטן פון קעלט, און מיר באַשליסן אויף אַלע פיר זיך צוצושאַרן צו דער כאַטע. די אַלטע האָבן געהאַלטן וואָרט: אויף דער טיר הענגט אַ שלאָס. כאַפּן מיר זיך אַריין אין שטאַל. דאָס פערד איז ניטאָ — אַ באַוויַיז, אַז אונדזערע באַשיצערס זיינען טאַקע אַוועק, מורא האָבנדיק פאַר אַ פּלוצעמדיקן איבערפאַל פון דער געשטאַפּאָ. מיר האָבן אָבער ניט קיין אַנדער אויסוועג: אין אַזאַ ליט־ווישער פעברואַר־נאַכט קען מען אָפּפרירן אַלע אברים, און פאַרמאַטערטע וואַרפן מיר זיך אויפן היי. אין קורצן שלאָף ווערט מען אויסגעמוטשעט פון שרעקלעכע קאָשמאַרן: געשטאַפּאָ און געשטאַפּאָ און געשטאַפּאָ.

מיט נאַכט־ליכט קלייבן מיר זיך ווידער אין די קוסטעס אַריין.

27סטער פעברואַר.

ערשטער „נאָרמאַלער" טאָג אין די קוסטעס. קיין נייע מקומות זוכן מיר שוין ניט און דאָ בלייבט אונדזער שטענדיקע „דירה". מיר קלייבן זיך אויס אַ געדיכט אָרט, געפינען אַ נאָדל־בוים, וואָס איז העכער און גיט מער שוץ, צוליב זיינע געדיכטע גרינע צווייגן, און מיר פאַרלייגן דאָ אונדזערע פעק. מיר ריידן גאָרניט. מיר זיינען אויך שפּאָרעוודיק מיט אונדזערע באַוועגונגען.

יעדער ביל פון הונט, וואָס הילכט שטאַרק אָפּ צווישן די ביימער, מאַכט קאַלט אַלע אברים. פריער פלעגט דאָס בילן פון הונט אַרויפברענגען אויפן געדאַנק: „אַ פּרעמדער", איצטער איז דער ערשטער רעיון: „געשטאַפּאָ". וואָס לענגער עס דויערט דאָס בילן פון הונט, אַלץ לענגער ציען זיך פאַר אונדז די דאָזיקע אויסמאַטערנדיקע מינוטן. ווען דאָס בילן הערט אויף, אָטעמען מיר לייכטער אָפּ, ווי באַלאַגערטע אין אַ שטאָט, ווען די באָמבאַרדירונג הערט אויף אַ ווייל.

דער פראָסט פון סוף־פעברואַר איז היינט זייער גרויס. די זון שיינט, אָבער וואַרעמט גאָר ניט. באַזונדערס לייַדן די פיס. די פרויען דעקן זיך איין די פיס מיט מאַנטלען און סתם שמאַטעס און זיצן אַזוי אָפּ לאַנגע שעהן.

דער ערשטער „נאָרמאַלער" טאָג אין די קוסטעס איז אַריבער בשלום. מיט טונקל רוקן מיר זיך שטיל צו צו דער כאַטע. שטיל — דאָס איז גאָר ניט אַזוי לייכט. פון פראָסט סקריפּעט יעדער טראָט און נאָך מער מאַכן אַ רעש די צווייגן, וועלכע מע מוז יעדעס מאָל פונאַנדערשאַרן מיט די הענט, ווייל קיין אויסגעטראָטענע שטעגלעך זיינען דאָ ניטאָ.

די קוסטעס זיינען פאַר אונדז אַ נייע וועלט — מיט זייערעביימלעך, פייגל, חיות. די קוסטעס זיינען, ווי אַ לאַבירינט — בלאָנדזשע און בלאָנדזשע. גייסט אָפּ פינף טריט — און דו געפינסט שוין שווער דעם וועג צוריק.

ווען מיר קריכן שוין בשלום דורך דאָס שטיקל פרייע פעלד און דער־שאַרן זיך, ווי גנבים, צו דער טיר פון דער כאַטע, געפינען מיר זי ווידער פאַרשלאָסן, און מיר גייען ווידער אַריין אין שטאַל אויף אַ „נאַכטלעגער".

28סטער פעברואַר.

אַ גרויסע שמחה: דער אַלטער האָט אונדז אויפגעזוכט אין די קוסטעס און געבראַכט הייס עסן. ער האָט אונדז אויך דערלויבט צו קומען צו אים

הײנטיקע נאַכט, כדי זיך צו דערװאָרעמען די גלידער. ניט אָפּט אין לעבן פאַרשאַפט אַן אײנלאַדונג אַזאַ גרויסע פרייד!

די אַלטע גיט אונדז הײנט איבער צום ערשטן מאָל פּרטים װעגן אומגליק פון 24סטן פעברואַר. אין װילקיער פּאָסט איז פאַרהאַלטן געװאָרן אַ בריװ, אַדרעסירט צו „בערעליס קאַגאַנאַס" (מײן נאָמען אין ליטװיש) בײ אַנטאַנאַס. דער בריװ איז גיך אַריבערגעשיקט געװאָרן צו געשטאַפּאָ אין קאָװנע, און יענע האָבן דאָס געמאַכט דעם איבערפאַל.

מיר קוקן זיך אָן פאַרװאונדערט:

װער האָט אַזאַ בריװ געקענט שיקן? חברים פון געטאָ? סתם מוסרים? אָבער װי אַזױ, אַז מיר אַלײן האָבן ניט געװאוסט דעם אַדרעס פון אַנטאַנאַסן?

אַ מאָדנע רעטעניש, װאָס מיר קענען נאָך דערװײל זיך ניט אויפ־קלערן.

אין שטוב דערצײלט אונדז די אַלטע, אַז דעם ערשטן טאָג נאָכן אַרעסט פון אַנטאַנאַס איז דער אַלטער געװען שװאַרץ, װי קױל. ער איז געװען אַזױ דערשלאָגן, אַז ער האָט געהאַט פאַרלאָרן דאָס גײסטיקע גלײכ־געװיכט און זיך געװאָלט הענגען אין די קוסטעס. זי האָט אים קוים אָפּ־געראַטעװעט.

װי געשמאַק ס'איז איצט די װאַרעמקײט פון שטוב. אַלע גלידער צעגײען. פון אויסגעשעפּטקײט און װאַרעמקײט פאַלט גיך אָן דער שלאָף.

אַ שטאַרק בילן פון הונט װעקט אונדז אויף. אָט קלאַפּט מען שױן אין טיר. װער? ס'זײנען צוריקגעקומען צװײ פון אונדזער קאָמפּאַניע. קײ־נער נעמט ניט צו. מע איז גרײט צו לאָזן איבערנעכטיקן, געבן עסן, אָבער פאַרבלײבן אויף לענגער דערלויבט קײן פויער ניט.

װערט װידער אונדזער משפּחה גרעסער, אָבער דאָס מאָל ניט פרײ־לעכער.

1טער מערץ.

ערשט הײנט כאַפּט מען זיך, אַז אין געלאַף פון טויט האָט מען פאַרגעסן עפּעס פאַרן לעבן: דאָס שטיק פלײש, װאָס איז געהאַנגען אויפן בוידעם. מע זוכט, מע נישטערט, אָבער מע געפינט ניט. פאַרדאַכטן, אויפרעגונג און באַשולדיקונגען, אָבער ס'העלפט ניט. אַ שטיק פלײש אין אונדזער לאַגע איז אַ שטיק לעבן — שװײגט מען ניט, פאַרשט מען, ביז עס קלערט זיך אויף, אַז ס'איז „אַרײנגעפאַלן" אין דער טאָרבע פון אײנעם פון אונדזער חברה. אין דער מהומה, װען געשטאַפּאָ איז געװען אויפן האָלדז און צען־פופצן מינוטן

זיינען געווען די מחיצה צווישן לעבן און טויט, האָט איינער פון אונדז דאָך ניט פאַרלאָרן זיינע נערוון. אויף אַ קונציקן אופן האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן בוידעם און צוגענומען פאַר זיך דאָס שטיק פלייש, וואָס האָט גע־הערט צו אַלעמען.

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז צוזאַמען מיטן פלייש איז נעלם געוואָרן נאָך עפּעס: מיין ראַזיר־אַפּאַראַט מיט אַלע רעזערוו־מעסערלעך. וואָס זאָל איך איצט טאָן? יעדע קלייניקייט איז דאָ פאַרבונדן מיט טויט־געפאַר: ניט זיין ראַזירט מיינט דאָ — גיכער דערקענט ווערן מיט דיין יידישן אויסזען. ביי אַ צווייטן וועל איך מסתמא קיין ראַזיר־מעסער ניט קענען לייען, וויילווי ס׳ווייזט אויס, וועט אונדזער גרופּע אין גיכן זיך ווידער צעטיילן, און איך וועל מוזן לאָזן וואַקסן אַ ווילדע באָרד. אַ נייע זאָרג און אַ נייע סכנה.

צוזאַמען מיטן כעס קומט אויך באַוואונדערונג: ווי קען אַ מענטש, וועמען זיין לעבן הענגט אויף אַ האָר, טראַכטן וועגן פלייש און ראַזיר־מעסער? און איך באַשליס: אָט דער מענטש האָט די גרעסטע שאַנסן פון אונדז אַלע־מען זיך צו ראַטעווען.

ווער האָט אין געטאָ זיך געראַטעוועט ביז איצט? די יעניקע, וועלכע האָבן זיך ניט פאַרלאָרן אין די סכנהדיקסטע מינוטן און וועלכע האָבן פאַר־מאָגט בטחון. אייגנטלעך איז עס איין זאַך: דער, וואָס האָט געהאַט בטחון, האָט זיך ניט פאַרלוירן. דער, וואָס איז געגאַנגען צו אַן „אַקציע" מיט אַ שטיק ברויט אין קעשענע, האָט גיכער אויסגעהאַלטן. די, וואָס האָבן זיך מייאש געווען, האָבן וועגן ברויט שוין ניט געטראַכט: דאַרף דען דער טויט — ברויט? און טאָמער האָט געטראָפן, אַז דער טויט איז צייטווייליק אָפּגעשטופּט געוואָרן, האָבן די פאַרצווייפלטע נישט געהאַט מיט וואָס זייער חיות אויפצו־האַלטן.

אַ נס אין געטאָ האָט פּאַסירט נאָר מיט דעם, וואָס האָט געגלויבט אין אַ נס.

אַזוי וועט אויך ווייטער זיין.

2טער מערץ.

היינט זיצן מיר שוין פינף אין די קוסטעס. די ווייבער זיצן איינגעטו־ליעט די פיס אין קליידער. מע ציילט די שעהן פון טאָג און מע לעכצט נאָך דער נאַכט.

מענטשן — פלעדערמייז!

מע זיצט ווידער ביים אויוון און מע פרייט זיך, וואָס מע האָט דורכגע־

שטופט נאָך אַ טאָג. פּלוצעם — אַ קלאַפּ אין פענצטער מיט אַן אָפּגערעדטן פּאַראָל: די צווײ „פּריצים״ זײנען אויך דאָ צוריק. ניט צו דערקענען זײ, װי זײ האָבן זיך געענדערט אין די פּאָר טעג: צעבראָכענע, שמוציקע, ער באַוואַקסן. אויס סנאָביזם, אויס אָנשטעל, אויס — חיה!

די משפּחה איז װידער געװאָרן גרעסער. קענטיק, אַז די באַלעבאַטים זײנען ניט צופרידן. נאָך דעם װי זײ האָבן שוין „פאַרזוכט״ צו האַלטן נאָך דרײ ייִדן, װילן זײ ניט קײן זיבן.

װאָס טוט מען? דערװײל לײגט מען זיך שלאָפן און די מחשבות לײגט מען אָפּ אויף מאָרגן.

3טער מערץ.

ליגן זאָלבע זיבן אויסבאַהאַלטן אין קוסטעס איז זײער אַ שװערער ענין: די באַװעגונג איז צו גרויס, באַזונדערס װען מע דאַרף זיך צוזאַמען מיט אַזאַ פּאַרשוין װי אונדזער „פּריץ״. דער לעצטער האָט זיך דורך דער נאַכט אויסגעציכטערט פון די צרות, איז געװאָרן „נאָרמאַל״ און װידער אָנ־געהויבן שומעװען: חוב, געלט, גאָלד. ער קען ניט רוען, װען אים דאַכט זיך, אַז אַ צװײטער האָט נאָך אַ שטיקל גאָלד, װאָס יענער האַלט װי אַ ראַטונעק אין אַ טויט־שעה. אַ היטלער־ייִד שטײט בײם ראַנד פון לעבן — און רעדט װעגן אַ חוב פון אַ פּאָר הונדערט מאַרק.

— אויב איר האָט ניט קײן געלט פּאַרן חוב, טוט אויס פון זיך אַ מאַנטל װי אַ משכון!

ער שרײט, געװאַלדעװעט, כאַפּט זיך שלאָגן. עס װערט אַ גרויסער סקאַנדאַל — דאָ, אין די קוסטעס, װאו אַלץ קלינגט אַזוי װײט אַפּ און װאו דאָס קלענסטע גערויש קען אונדז אַלעמען אומברענגען.

װאָס זאָל מען טאָן? דערשטיקן אײן ייִדישן פּראַצענטניק און ראַטעװען זעקס ייִדן, אָדער אים נאָכגעבן? מײן װײב טוט אויס פון זיך דאָס צװײטע, נאָך נײַע װאָלענע קלײד און װאַרפט עס אים אין פּנים אַרײן — אין מיטן ברענענדיקן פּראָסט אין װאַלד!

צוליב אַזאַ אײנעם קען חרוב װערן אַ שטאָט און צוליב אַ פּאָר אַזעלכע קען פאַרטיליקט װערן אַ פאָלק!

4טער מערץ.

גלייך נאָכן סקאַנדאַל אין די קוסטעס האָבן די „פּריצים״ זיך אָפּגע־טראָגן. דעם זעלביקן טאָג האָבן אונדז פאַרלאָזן נאָך צוויי, און מיר זיינען ווידער געבליבן דריי אָרעמע נפשות. אונדזער סדר־היום איז: טאָג — אין קוסט, נאַכט — אין שטאַל. נאָר אַ נייע צרה: דאָס לעצטע ברויט איז אונדז אויסגעגאַנגען און מיר הונגערן שוין דעם דריטן טאָג. מיר האָבן אַפילו קיין טרונק וואַסער ניט, ווייל די באַלעבאַטים זיינען שוין עט־לעכע טעג נישטאָ.

ניט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג אַנטשליסן מיר זיך אויף זייער אַ געפערלעכן שריט: אַרויסשיקן דער פרויס שוועסטער, וואָס האָט ניט קיין טיפיש־יידישן אויסזען און רעדט ליטוויש מיט אַ גוטן אַקצענט, אין דער געגנט, כדי אויסצובייטן זאַכן אויף פּראָדוקטן און זיך צוגרייטן עסן אויף עטלעכע וואָכן.

מיט וואָס פאַר אַ האַרץ מיר האָבן אַרויסבאַגלייט אונדזער שליח, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. די „עקסקורסיע״ האָט זיך אָבער גוט איינגעגעבן און אין אָוונט האָבן מיר זיך געוואָרפן, ווי היישעריקן, אויפן ברויט, שפּעק און נאָך מער אויפן פלעשל שמאַנט, וואָס דערפרישט און שטאַרקט.

ווען מיר קלייבן זיך שוין אין וועג צום שייער, דערהערן מיר פּלוצלונג טריט הינטער אונדז און דערהערן תיכף אַ שטים: „פּאַנולי, קור בעגאַט?״ (הארעלע, וואוהין לויפט איר?). אין די קוסטעס קען מען ניט באַמערקן קיין מענטשן פון דער ווייטנס, און דער פאַרשוין איז אַרויסגעשפּרונגען פּשוט אַ צען מעטער הינטער אונדז. עס האָט ניט קיין זין צו לויפן. מיר קערן זיך אום און דערזעען פאַר זיך אַ תמעוואַט פּנים פון אַ פּויער. איז עס אַ צופעליקער צוזאַמענטרעף, אָדער אַ נאָכגעשפּיאָנירטער? ער זאָגט אונדז שמייכלענדיק, אַז ער האָט גלייך דערקענט, ווער מיר זיינען. מיר ענטפערן גלייך, אַז מיר אַרבעטן דאָ אין אַ יידישער וואַלד־בריגאַדע און דער דייטש האָט אונדז דערלויבט צו גיין בייטן זאַכן.

פאַרן אַוועקגיין געזעגנט ער זיך האַרציק און טרייסט אונדז, אַז ס׳וועט נאָך אַמאָל ווערן בעסער.

האָט ער עס געמיינט אויפריכטיק אָדער איז עס געווען די ברכה פון אַ שפּיאָן?

12טער מערץ.

עטלעכע טעג זיינען מיר געווען אומרואיק צוליב דער אומגעוויינלע־כער באַגעגעניש אין די קוסטעס, אָבער ווען עס האָבן זיך ניט באַוויזן קיין סימנים, וואָס זאָלן אָנזאָגן שלעכטס, האָבן מיר עס פאַרגעסן.

גראָד נאָך יענער געשעעניש זיינען אָנגעקומען טעג רואיקע און שטילע. אין אַזאַ טאָג־בוך קלינגען גאַנץ מאָדנע אַזעלכע ווערטער. אָבער אויסער די שטענדיקע, געוויינלעך אויסערגעוויינלעכע איבערלעבענישן זיינען קיין באַזונדערע געשעענישן זיך ניט פאַרלאָפן. גלעקל־קלינגעריי פון בהמות פרי און פאַרנאַכט, דאָס רופן פון פאַסטעכער, אַ פאַרליבט דאָרפיש לידל פון אַ פאַסטעטשקע, צוויטשעריי פון פייגלען, בילעריי פון הינט — דאָס אַלץ.

16טער מערץ.

שוין אין מיטן מערץ — און נאָך אַלץ גרויסע קעלטן. אַ מזל! און דאָס עסן — אויף היטלערן געזאָגט געוואָרן! אָבער ניט צו העלפן. מע שטייט ווידער, טאָג־איין טאָג־אויס, אין די קוסטעס, בלוי פון קעלט און מע ציילט די שעהן פון טאָג. אַ נייער סאָרט „ספירה“. מע שמועסט אַ ביסל, בסוד־סודות, דער ווינט זאָל, חלילה, דעם קלאַנג ניט פאַרטראָגן. מע פאַר־זינקט אין מחשבות וועגן אַ ליכטיקער צוקונפט, וואָס מע פאַנטאַזירט אַליין אויס. מען איז אין געדאַנק מקרב דעם קץ, און מיט דעם לעבט מען. אַז דאָס ווערט איבערדריסיק, קנייטשט מען פון דאָס ניי די דייטשע אָדער ליטווישע ציימונג, וואָס מיר האָבן זי באַקומען מיט וואָכן צוריק. מע מאַכט השערות וועגן די פאַרשיידענע ענדערונגען, וועלכע זיינען אין צווישן פאַר־געקומען, און אַלץ לטובה, נאַטירלעך, ווייל דאָס פאַרביטערטע און פאַרבלו־טיקטע האַרץ דאַרף האָבן פאַר זיך אַ ביסל סם־חיים.

אין אַ לאַגע פון שטענדיקער טויט־געפאַר מאַכט מען די פאַרשיידנסטע קונצן און קאָמבינאַציעס, אַבי אויף וואָס אַ לענגערער צייט צו אַנטלויפן פון טויט כאָטש אין געדאַנק. אין דמיון בויט מען זיך אויס די נייע וועלט. אַ ווײַלע פאַרגעסט מען אָן טויט — שטייענדיק אין רעגן און שניי אין ליטווישן קוסט, מורא האָבנדיק פאַר יעדן ווידערקלאַנג, פאַר יעדן עכאָ פון וואַלד.

ס׳איז אָבער אַ רעצעפּט, וואָס ווירקט ניט אויף לאַנג. גיך ווערן צערונען די קינסטלעך־אויפגעבויטע שלעסער־חלומות און דער מלאך־המוות באַווייזט זיך הונדערט מאָל אַ טאָג, און זייגט אויס דאָס ביסל מאַרך פון די ביינער.

יעדער שאָרך, יעדער בראָך פון אַ צווייג, יעדער ביל פון אַ הונט, יעדער געריוש פון אַ פאַרבייפאָרנדיקער פור — אַלץ געבוירט תיכף דעם געדאַנק: מע יאָגט, מע כאַפּט, מע פירט — טויט . . .

טויט. היינט האָבן מיר עס נאָך שטאַרקער איבערגעלעבט. מיר זיצן פאַרטיפטע אין מחשבות, יעדער אין זיין ווינקל, ווי מיר דערהערן טריט ניט ווייט פון אונדז. מיר דערקענען שוין גוט די טריט פון אונדזערע אַלטע — דאָס זיינען טריט פון פרעמדע. מיר טופען זיך איין. הערצער, ווי זייגערס. ביי אַנדערע ציטערן הענט און פיס. די טריט דערנעענטערן זיך. אָט שיילט זיך אויס פון צווישן די פאַרשנייטע ביימלעך אַ פיגור — אַ מאַנס־פאַרשוין אין אַ לעדערנעם רעקל. עס פאַרכאַפּט דער אָטעם: איין קער נאָר צו אונדזער זייט און ער מוז אונדז דערזען. נאָר זעט אַ נס: ער דרייט זיך ניט אויס מיטן פנים צו אונדז און ער ווערט ביסלעכווייז פאַרשוואונדן אין די קוסטעס.

טויט און טויט און טויט.
מזרח — ער, מערב — ער, צפון — ער, דרום — ער.
ווי אַנטלויפט מען פון אים?

18טער מערץ.

אונדזערע ביידע יידישע „פריצים" האָבן זיך ווידער אַרונטערגעלאָזן. מע לאָזט זיי אין קיין אָרט ניט פאַרבלייבן לענגער, עס העלפט ניט קיין באַ־קאַנטשאַפט. די פּויערים אַרום זיינען איצט געוואָרן נאָך מער אָנגעשראָקן ווי ביז אַהער. אונדזער אַלטער נעמט זיי צו ניט מיט קיין גרויסן חשק.

אונדזערע ניט־שטאַרק־אָנגעלייגטע געסט ברענגען אונדז אַ טייערע בשורה: אַנטאַנאַס, אונדזער ברויט־צושטעלער, וואָס זיין אַרעסט פון 24סטן פעברואַר האָט עס געבראַכט צו אונדזער אַנטלויפן אין די קוסטעס, האַלט שוין ביים באַפרייט ווערן. פון יענעם טאָג זיינען מיר אַלע געווען באַהערשט נאָר פון איין שרעק: ער זאָל אונדז ניט אַרויסגעבן. מיר האָבן גוט געוואוסט די מיטלען, מיט וועלכע געשטאַפּאָ קען צווינגען אַ מענטשן, ער זאָל „ריידן". דער אַלטער האָט אונדז ניט איין מאָל געזאָגט אין נאָמען פון אַנטאַנאַסעס ווייב, אַז געשטאַפּאָ האָט אים געזאָגט: „דו דערצייל נאָר, וואו די יידן באַ־

האַלטן זיך דאָרטן, און דו וועדסט תיכף באַפרייט". מע האָט אַנטאַנאַסן גע־פייניקט מיט פאַרשיידענע עינויים — און ער האָט די פּאָר יידן ניט אַרויס־געגעבן!

אַנטאַנאַס — איינער פון די חסידי אומות העולם.

18טער מערץ.

אונדזערע באַלעבאַטים זיינען היינט אַפּגעפאָרן אין שטאָט און אונדז איבערגעלאָזן דעם שליסל פון דער כאַטע. מיר באַשליסן היינט נאָך שפּעטער אַריינצוגיין אין דער כאַטע, ווייל טאָמער קומט נאָך ווער אין אָוונט, וועט דאָך ניט זיין ווער עס זאָל קענען אויפנעמען דעם אורח. מעשה־שטן רייסט זיך היינטיקן אָוונט אַרויס דער חזיר פון זיין שטאַל און מיר יאָגן זיך נאָך אים, כדי אים אָפּצוראַטעווען פון די חיות אָדער פון אַ גנב. ווען מיר פירן שוין דעם דבר־אחר צו זיין מקום־מנוחה, דערזע איך פּלוצעם אויף וואָסערע אַכט־צען מעטער פון זיך אַ סילועט פון אַ מענטשן. איך נעם צונויף אַלע מיי־נע כוחות, כדי זיך צוריקצוציען. די צוויטע, אַ פּרוי, איז אָבער אַריין אין שטאַל מיטן חזיר. מיר ליגן איצט אין דריי גרופּעס. קיינער ווייסט ניט פון צווייטן. קיינער קען זיך ניט רירן, ווייל די פאָדערשטע גרופּע גיט ניט דעם אָפּגערעדטן סיגנאַל. גוטע דריי שעה זיינען מיר אַזוי געלעגן אָן אַ פּיפּס. דערנאָך האָבן מיר זיך אויפגעהויבן, לזיטן הוסט אין חזיר־שטאַל, און שטום־שטום זיך אַריינגעכאַפּט אין דער כאַטע. דאָ האָבן מיר קיין וואָרט ניט גערעדט, קיין ליכט ניט אָנגעצונדן.

ווער האָט עס געקענט זיין דער מענטש? אַ גנב, אַ שפּיאָן אָדער אַ צופעליקער פאַרבייגייער? אויב אָבער סתם אַ פרעמדער, פאַרוואָס האָט ער ניט געבעטן, לויט דער פויערשער טבע, עסן, אָדער מע זאָל אים וויזן דעם וועג אַאַז"וו? און אפשר ליגט ער נאָך אין פערדן־שטאַל? — דער דאָזיקער געדאַנק האָט אַזוי צוגעשפּיצט אונדזערע שוין אַזוי אויך געניג גע־שפּאַנטע נערוון, אַז מיר האָבן מורא געהאַט, מיר וועלן אַראָפּ פון זינען.

על־פּי שכל דאַרף מען תיכף אַנטלויפן פון דאַנען. אָבער וואוהין? — גיט מען זיך ווייטער איבער אין די הענט פון בלינדן גורל און, ווי טרינקענ־דיקע אויף שטיקלעך האָלץ, לאָזט מען זיך טראָגן אויף די כוואַליעס מיטן בטחון, אַז מען וועט אָנקומען צו אַ ברעג.

19טער מערץ.

מע האָט געזינדיקט מיט די קעלטן: דאַן האָט מען נאָך געקענט זיך אָוועקזעצן אויף דער „קעלמע" (ביימער־שטאַם) און די ווייבער האָט מען געקענט פאַרוויקלען די פיס מיט שמאַטעס. איצט צעלאָזט זיך שוין דער שניי און עס מערן זיך די זומפּן. מע בראָדזשעט דורך וואַסער און בלאָטע אין די שטעטלשע שיך און מע ווערט אויסגעווייקט. ביינאַכט הענגען מיר אויס אויפן איוון קליידער, זאָקן, שיך, כדי אויף מאָרגן נאָס צו ווערן פון דאָס ניי.

שוין דריי וואָכן נישט געהאַט קיין טראָפּן וואַסער אויפן קערפּער. די כינים אַרבעטן מעשים. מע ווערט פאַרנודיעט. אַלע האַלטן זיך אין איין קראַצן, אָן בושה, מע נוצט אויף דעם ניט נאָר די פינגער, נאָר אויך „קי־נעלעך".

ווער עס טראָגט דאָס אַליין ניט אַריבער אויף זיין אייגענעם לייב, קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ מכה דאָס זיינען כינים. מיר זיינען פשוט באַ־שאָטן מיט זיי. ס'איז ניט נאָר אַ ווייבערשער זאָג, אַז זיי זויגן אויס דאָס בלוט. מע קען אַ מינוט ניט שטיין רואיק — עס הייבט אין דער לופטן. באַזונדערס פול מיט זיי זיינען אַלע ערטער אין די מלבושים, וואָס האָבן לעכ־לעך אָדער קנייטשן — אין די זאָקן און אין די נעט פון די הויזן. די איינ־ציקע עצה וואָלט געווען — אָנטאָן נייע זאַכן — איז וואו נעמט מען זיי? עס וואָלט געווען אויך אַ וועג אויסצובריען די קליידער אין הייסן וואַסער — אָבער קענען מיר דען בלייבן נאַקעטע אין די קוסטעס אָדער אין שטאַל, ווייל אין עטלעכע שעה וועט זיך עס ניט אויסטריקענען?

ווי לאַנג וועלן מיר קענען אַריבערטראָגן די דאָזיקע פּלאָג?

20סטער מערץ.

עס שאַריעט שוין אויף טאָג. מיר כאַפּן אויף גיך אַריין אַ טעפּל הייסע טיי און מיר קלייבן זיך אין די קוסטעס אַריין. נאָר גאָט, וואָס פאַראַ וועט־טער! עס שנייט און עס דרייט און עס פייפט. מיט אַלע כוחות דאַרף מען זיך אָנשטרענגען, כדי ניט אומגעוואָרפן צו ווערן פון דער זאַווערוכע. ווי האַלט מען אויס אין די קוסטעס אַזאַ טאָג? דער אַלטער, וועלכער האָט אונדז אַרויסגעלאָזן דורך דער טיר, האָט, משמעות, אויפגעכאַפּט אונדזערע געדאַנ־

קען, און נאָכן לאָזן אונדז אָפּגיין עטלעכע שריט פון דער כאַטע, איז ער אונדז נאָכגעלאָפן און געשריען: „צום טיוול, גייט היינט אַריין אין שטאַל!" מיר האָבן זיך ניט געריכט אויף אַזאַ בשורה, און די ווייבער האָבן זיך צעוויינט פון שמחה.

די שטאַל זעט איצט אויס אין אונדזערע אויגן, ווי אַ פּאַלאַץ. נאָכן אָפּזיין וואָכן און וואָכן אין די פאַרשנייטע קוסטעס ווערט דאָ מיט אַמאָל אַלץ ליב און טייער: דאָס פערד, דאָס היי, די האַלב־איינגעפאַלענע ווענט.

ווי וואַרעם דאָ איז! מע ציט זיך אויס אויפן היי, פּונקט ווי אויפן בעסטן בעט.

די מעשה מיט דער ציג, וואָס דער רבי האָט געהייסן אַריינגעמען אין הויז, איז אַ טיפּע פּסיכאָלאָגישע פאָלקס־שאַפונג.

26סטער מערץ.

נאָך עטלעכע רואיקע טעג האָבן אונדז דערגרייכט שרעקלעכע נייס פון געטאָ. פויערים גיבן איבער, אַז פון געטאָ האָט מען אַרויסגעפירט אַלע קליינע קינדער. אַ מוטער האָט מיט אַ האַק דערהרגעט אַ ליטווישן פּאָלי־ציסט, וואָס האָט געוואָלט נעמען איר קינד. מע האָט זי תיכף דערשאָסן.

איז דאָס מעגלעך, אַז די טייערינקע, ליבינקע שוואַלבן פון געטאָ פירט מען צו די פינצטערע גריבער? איך שטעל די פראַגע, כאָטש איך ווייס גאַנץ גוט, ווי נאַריש דאָס איז.

צוזאַמען מיט אָט די שרעקלעכע ידיעות באַקומען מיר היינט אַ צייטונג, וואָס דערציילט אונדז וועגן גרויסע סאָוועטישע דורכבברוכן אויפן דרום־פראָנט, ווי אויך ביי לענינגראַד און פּסקאָוו, וואָס איז פאַר אונדז נאָך וויכ־טיקער.

וועט די געטאָ שוין ניט דערלעבן די שעה פון גאולה?

4טער אַפּריל.

אויך אין די גרעסטע צרות שטייט ניט די צייט אויף אַן אָרט. די טעג, כאָטש שווער, ווי בליי, רוקן זיך דאָך און די נעכט, מיט זייערע שרעקלעכע קאָשמאַרן, באַוועגן זיך אויך אין זייער אַן־סופיקן גאַנג.

שוין אָנהייב אַפּריל. מיטן עסן ווערט אַלץ ערגער. אַמאָל קריגט מען נאָך אַ ביסל קאַרטאָפל און אַמאָל דאָס אויך ניט; ברויט איז אַ טאָג דאָ,

אַ טאָג — ניט. סימנים פון פיזישער אָפּגעשוואַכטקייט ביי אַלעמען. אַנדערע פון אונדז ליידן צוליב דעם אויף שטאַרקן קאָפּ־שווינדל.

דאָס פערד איז איצט אויף אַ „דיעטע", האָט דער אַלטער היינט גע־בראַכט פאַר אים קרוטשקע. ווען ער איז אַרויס, האָבן מיר זיך צוגעכאַפּט צו דער קאַרעטע, אַרויסגעגנבעט פון פערדס פּאַרציע אַ פּאָר קרוטשקעס, עס געשאָבן מיט אַ מעסער און זיך מחיה געווען. הונגער!

זינט דער גרויסער זאַווערוכע זיינען מיר שוין ווידער יעדן טאָג אין שטאַל. היינט האָט צום ערשטן מאָל אַריינגעשיינט צו אונדז אַן אמתע פרי־לינג־זון. פון דומפּיקן היי רייסן מיר זיך אַלע צו די שפּאַלטן, דורך וועלכע עס דרינגען אַריין די ערשטע, ליכטיקע, דערפרישנדיקע שטראַלן. דורך די שפּאַלטן כאַפּן מיר אַ קוק אויפן שמאָלן פּאַס דרויסן — ווי שיין גאָטס וועלטל איז!

און מיר? —

לויט אונדזער חשבון דאַרף היינט זיין דער ערשטער טאָג פּסח. ווער נאָך קען אַזוי גוט פאַרשטיין און איבערלעבן יציאת־מצרים, ווי אַן אַנטלאָ־פענער געטאָ־ייד אין אַ פערדן־שטאַל?

עס דערמאָנען זיך די ליכטיקע הגדה־ווערטער: „כשם שהוציאָנו ד' אלהינו ממצרים, כן יוציאנו מעבדות לחרות, משעבוד לגאולה, מאפלה לאור גדול".

ווען, טאַטע־פאָטער, ווען???

8טער אַפּריל.

די קאַרטאָפל ענדיקן זיך שוין. ברויט איז שוין אינגאַנצן ניטאָ. מיר אַנטשליסן זיך ווידער אויפן ריזיקאַלישסטן שריט: אַליין אַרויסגיין אין אומ־געגנט, כדי צו קריגן אַ ביסל פּראָדוקטן פאַר אויסגעביטענע זאַכן. קלאָר, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות ניט נאָר פאַרן אַרויסגייענדיקן, נאָר פאַר דער גאַנצער גרופּע. אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ.

אַ גאַנצע נאַכט איז מען שוין ניט געשלאָפן. מע האָט געמאַכט הכנות, צוגעגרייט טיכלעך, קליידלעך, שטיקלעך שטאָף וכדומה. נאָך מיט לבנה־ליכט האָט זיך אַרויסגעלאָזן אויפן געפערלעכן וועג אונדזער מיידל, וואָס רעדט אַ גוטן ליטוויש, אָנגעטאָן פויעריש, מיטן פעקל זאַכן אין דאַרפיש קערבל.

אַ גאַנצן טאָג זיינען אַלע אונדזערע געדאַנקען פאַרנומען נאָר מיטן שליח. בין־השמשות וואַקסט נאָך מער אונדזער אומרו. לויט אונדזער אָפּ־רייד דאַרף דאָס מיידל זיך אומקערן אין די אָוונט־שעהן. ס'איז שוין גוט

פינצטער. מיר רירן זיך ניט פון שטאָל, ווי תמיד אין דער צייט, ווייל מיר וואַרטן אויף איר קומען און קיין אַנדער זאַך קריכט אונדז איצט ניט אין קאָפּ אַריין.

ווען מיר דערהערן די ערשטע מיידלשע טריט, פאַלט אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן. עס איז אַ טאָפּלטע שמחה: די גרויסע סכנה איז אַריבער און דאָס „פּעקל" איז זייער אַ גוטס.

10טער אַפּריל.

טאַדעאוש איז היינט צוריקגעקומען פון דאָרף מיט ניט קיין הײמלעכע נייס. אין איין הויז אין דער דאָזיקער געגנט — דערציילט ער — האָבן ליט־ווישע פּאַרטיזאַנער געפונען דריי באַהאַלטענע יידן. די יידן האָט מען תיכף דערשאָסן און די מיטגלידער פון דער ליטווישער פאַמיליע האָט מען אויפ־געהאַנגען. אין אַ דערבייאיק שטעטל, ווידער, האָט מען די טעג דורכגעפירט צוויי יידן, וועלכע מען האָט געכאַפּט אין אַ באַהעלטעניש ביי אַ פּויער. די שכנים שרעקן איינער דעם אַנדערן, אַז מע זאָל, חלילה, ניט נעמען קיין יידן אויף אויסצובאַהאַלטן, ווייל ביי אַ דורכפאַל ווערן אויך די נאָענטע שכנים שטרענג באַשטראָפט. אין איין הויז האָט מען אים אָפן געזאָגט, אַז ווי מע הערט פון פּויערים, האַלטן זיך אויף ביי אים יידן.

די אַלע געשיכטעס האָבן עפּעס אַרויסגערופן ביי אונדז אַ מאָדנעם ביי־געשמאַק. מיר האָבן די לעצטע צייט בכלל געמערקט אַ געוויסע ענדערונג אינעם אַלטן, כאָטש קיין קלאָרע פאַרשטעלונג האָבן מיר נאָך ניט וועגן דעם. מיר פילן נאָר — דערווייל בלויז מיטן חיהשן אינסטינקט אונדזערן — אַז דער אַלטער איז עפּעס ניט ווי שטענדיק. פון אונטער די שוואַרצאַפּלס פון זיינע שמאָלע, קליינע אויגן לייכט אַרויס עפּעס אַ פינצטערער געדאַנק. מיר האָבן אַ חשד, אַז ער קעמפט מיט זיך און מיט זיין געוויסן: טאָן אָדער ניט טאָן?

פּאָר איינער פון אונדזערע פרויען האָט דער אַלטער זיך אויסגעדריקט מיט עטלעכע טעג צוריק:

— וואָס זאָל איך טאָן? אַרויסטרייבן אייך? — האָב איך ניט קיין האַרץ. אייך איבערגעבן אין דער פּאָליציי? — קען איך אויך ניט, צוליב רחמנות. אָבער — מיין לעבן איז מיר דאָך אויך טייער.

וואָס איז דאָ געוואָרן מיטן אַלטן, וועלכער איז אונדזער גאַנצער פונ־דאַמענט? קען ער, אונדזער דאָזיקער גוטער באַשיצער, דורכלאָזן אין זיין

מוח אַ געדאַנק וועגן מסרן אונדז? טראַגט ער, אונדזער איינציקער באַשי־צער, זיך אַרום מיט מאָרד־מחשבות?..

מיר פּרוּוון געפינען אַ זכות, מיר זוכן עס, ווי דער שטייגער, אויס־צוטייטשן ניט צום שלעכטן — אָבער דאָס אַרויסגעזאָגטע שרעקלעכע וואָרט לאָזט זיך דאָך ניט פאַרגעסן און שרעקט, און נאָגט, און קוועלט.

וואָס איז דאָ געוואָרן פּלוצלונג מיט אים? זיינען מיר אים שוין איבערדריסיק געוואָרן? מיר ווייסן, אַז ער פּלאָגט זיך שוין מיט אונדז באַלד אַ האַלב יאָר און ס׳איז אפשר ניט קיין עוולה, וואָס ער וויל זיך באַפרייען פון דער שטענדיקער שרעק געכאַפּט צו ווערן פון דער געשטאַפּאָ. אָבער — מיר זיינען דאָך ניט מער, ווי פּשוטע בשר־ודמס און — עס ווילט זיך לעבן און מיט קיין זאַך זיך ניט רעכענען, ס׳געדענקט זיך, ווי אין די ערשטע חדשים פלעגט ער טענהן, אַז ער האָט ניט קיין מורא פאַרן טויט, אַז ער האָט שוין זיין לעבן אָפּגעלעבט און איצט וויל ער ראַטעווען עטלעכע אומ־שולדיקע נפשות פון טויט. און איצט? צי האָט די דערנענטערונג פון דער געפאַר פאַרקלענערט זיין דרייסטקייט? צי פאַרציט זיך שוין דער שווערער נסיון צו לאַנג, אַז מע זאָל אים קענען אויסהאַלטן?

צי האָט אפשר גאָר געווירקט דאָס, וואָס די באַשפּייזונג איז געוואָרן ערגער מיט יעדן טאָג און וואָס ער זעט, אַז אונדזערע מאַטעריעלע קוואַלן האַלטן זיך ביים אויסשעפּן? אמת, אונדזער אַלטער איז געוויס ניט פון די „באַרייסערס" און מיר האָבן דאָס ניט איין מאָל אָפּגעשאַצט. אָבער נאָך אַלעמען, איז אָרעמקייט ניט קיין שאַנד, אָבער אויך ניט קיין כבוד", און קיין ליבע רופט זי ניט אַרויס, אַ ליבע, פאַר וועלכער מע דאַרף איינשטעלן דאָס אייגענע לעבן.

וואָס איז דאָך געוואָרן מיט אים?

מיר קענען ניט אַריינקריכן אין די טיפענישן פון זיין נשמה. מיר האָבן אָבער זיך צוגעוואוינט צו לעבן מיטן טאָג און צו פרייען זיך, ווען ער גייט אַוועק. ברוך ד׳ יום, יום.

13טער אַפּריל.

אין דרויסן זוניקט. ס׳שמעקט מיט פרילינג. מיר קריכן אַלע אַרויס פון די „געלעגערס". ליכטיקע שטראַלן שפּאַרן דורך אַלע לעכער. זיי ברענגען אַ ביסל טרייסט און פרייד.

פרילינג. ווען וועט קומען אונדזער פרילינג?

ווי ווינטערדיק ס׳איז נאָך אונדזער טאָג, האָט באַוויזן דער היינטיקער

פרילינגס־אָוונט. ווי נאָר ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָבן צוויי פון אונדז זיך אַריינגעשלייכט אין דער כאַטע און די איבעריקע האָבן זיך געגרייט דאָס זעלביקע צו טאָן. פּלוצלונג הערט זיך אַ שטאַרק בילן פון הונט — און פּאַר דער טיר פון שטוב באַווייזט זיך אַ קריסט מיט אַ בייטש אין דער האַנט. ער לויפט גיך אַריין אין שטוב. האָבן די צוויי כאַטש באַוויזן באַצייטנס זיך צו באַהאַלטן?

נאָכן אַוועקגיין פון אורח לויפן צו אונדז אַריין די צוויי פון שטוב מיט אַ געוואַלד: „ביטער, מע מוז ווידער גיין אין די קוסטעס!"

פון שרעק כאַפּט איינעם אַ פּאַראַליטש־אַנפאַל. איך פרוי פּאַרלירט טיילווייז דאָס לשון און מע קען קוים פאַרשטיין, וואָס זי רעדט. מע פרואווט זיי באַרואיקן, כדי ניט צו פאַרלירן די טייערע צייט.

די צוויי דערציילן אונדז אויף גיך, אַז זיי איז געלונגען זיך אויסצו־באַהאַלטן אין שטוב גופא. זיי זיינען גיך אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון און זיך צוגעדעקט מיט מאַנטלען. דאָרטן האָבן זיי געהערט, ווי דער פויער האָט געוואָרנט אונדזערע אַלטע, אַז ביי זייערס אַ שכן איז היינט געקומען אויף אורלויב אַ כוליגאַנישער ליטווישער פאַרטיזאַנער. יענער — דערציילט ער — האָט אַליין געהערט אים זאָגנדיק, אַז ער וועט דאָ קומען מאַכן אַ רעוויזיע, ווייל לויט אַלע קלאַנגען באַהאַלטן זיך דאָ אויס יידן.

די אַלטע באַרבאַראַ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט: „אָ, יעזאו, אָ, יעזאו!"

דער שכן האָט פאַרענדיקט זיין בשורה מיט דער באַמערקונג, אַז נאָך די נאַכט אָדער מאָרגן קען עס פּאַסירן. ער האָט געבעטן, אַז זיי זאָלן ניט ריידן וועגן זיין אינפאָרמאַציע, ווייל דאָס קען אים קאָסטן דער קאָפּ.


מיר פאַרפּאַקן און פאַרשטריקעווען אויף גיך אונדזערע פעקלעך. די אַלטע באַרבאַראַ פירט אונדז צו אַ באַשטימט אָרט אין די קוסטעס. בלאָטעס, זומפּן. אָפט דאַכט זיך, אַז מע וועט שוין די פיס פון זיי ניט אַרויסציען. חושך. מיר זעען קוים, ווי צו גיין אין די דאָזיקע ווילדע קוסטעס. די צווייגן דראַפּען דאָס פנים און די הענט. ס׳האָט שוין געמוזט זיין האַלבע נאַכט, ווען מיר האָבן דערהערט דעם שושקענדיקן קול פון דער אַלטער: „ווען עס וועט זיך איינשטילן, וועט איר קענען קומען צוריק צו אונדז. מיר האָבן אייך אויסגעהיט ביז אַהער, וועלן מיר אייך אויסהיטן אויך ווייטער. עסן וועלן מיר אייך ברענגען. אין דער פרי גייט אַריין וואָס טיפער אין די קוסטעס".

אין אונדזער ביטערער לאַגע פרואוון מיר דאָך רואיק זיך פאַנאַנדער־קלייבן: וואָס איז דאָ געשען? עפּעס שיינט צו זיין דאָס מאָל דער טומל ניט אין גאַנצן גלאַטיק. מיר האָבן פאַרשיידענע ספיקות: די אַלטע האָבן אונדז געזאָגט, אַז דער נייס־איבערברענגער איז געווען אונדזער נאָענטסטער שכן אַנוליס. אָבער יענער איז אַ נידעריקער, מיטליעריק און האָט נאָר איין האַנט. אויף וויפל אונדז איז געווען מעגלעך צו זען אין בין־השמשות דורך

די שטאַל־שפּאַלטן, איז עס געווען אַ מאַן ניט קיין בעל־מום און אויף יעדן פאַל אַ הויכער. ווידער — אויב דאָס איז טאַקע געווען אַנוליס, טאָ ווי קומט עס, אַז אין דער זעלביקער צייט פון באַזוך איז גראָד ביי אים געווען אונדזער אַלטער (בעתן באַזוך איז טאַדעאוש ניט געווען און די אַלטע האָט געזאָגט, אַז ער איז אַוועק צו אַנוליסן)? משונהדיק האָבן אויך אויסגעזען די רייד פון שכן, וועלכע האָבן געקלונגען, ווי אַן אויסגעלערנטע דרשה. זייער פאַרדעכטיק איז אויך געווען די דאָסמאָליקע האַלטונג פון טאַדעאושן. בעת דעם גרויסן טומל אין פעברואַר איז ער געווען צעשראָקן אויף טויט און קיינעם קיין וואָרט ניט געלאָזן אויסריידן. אין דעם פאַל איז ער געבליבן רואיק זיצן אויף זיין בעט, ווען די אַלטע האָט אים דערציילט וועגן באַזוך.

אונדזערע ביטערע ספיקות ווערן איבערגעריסן פון שורשען פון אָפּ־געבראָכענע צווייגן. אַ ווילדע שפּעטער הערט זיך אַ ברומען. אין דער אַ ביסל אויסגעלייטערטער נאַכט דערזעען מיר אַ וואָסערע צען טריט פון אונדז אַ שרעקלעך־גרויסן חזיר. דאָס מוז זיין אַ ווילדער חזיר. באַפאַלט ער אויך מענטשן? מיר כאַפּן אָפּגעבראָכענע דיקע צווייגן אין די הענט און וואַרטן מיט ציטער. די וואַלד־חיה דערווייטערט זיך אָבער פון אונדז, משמעות, זיך דערשראָקן פאַרן געוועד פון די גיבורי־ישראל...

ניסים. ניסים. ניסים.



א בלעטל פון טאָג-בוך

.5

אַ ייִד
אין וואַלד

14טער אַפּריל.

האַלב־אויסגעשלאָפענע און גוט־פֿאַמאַטערטע נעמען מיר מיטן פֿרימאָרגן ווידער אונדזערע פּעקלעך אויף די פּלייצעס. מיר בראָדזשען דורך זומפּן, אָפּט ביז די קני, ביז וואַנען מיר געפֿינען אויס אַ ניי אָרט, וואָס לויט אונדזער חשבון דאַרף עס זיך געפֿינען טיף אין די קוסטעס, איז גוט פֿאַרשטעלט און ווייט פֿון וועג און שטעג. מיר באַוויזן זיך נאָך ניט גוט אָנצופּרייען מיט אונדזער ניי־אויסגעפֿונענעם אָרט, ווי עס לויפֿט אָן אונדזער אַלטע מיט אַ געשריי: „געוואַלד, וואו האָט איר זיך דאָס דאָ פֿונאַנדערגעלייגט? דאָ איז דאָך ביים סאַמע וועג!‟ דערשראָקענע כאַפּן מיר ווידער אונדזער ביסל בעבעכעס אויף די פּלייצעס און לאָזן זיך אין דער ריכטונג, וואוהין עס פֿירט אונדז די אַלטע. מיר מיינען, אַז זי פֿירט אונדז אין אַ נייעם, באַשטענדיקן פּלאַץ אין די קוסטעס. ווי דערשטוינט ווערן מיר אָבער, ווען די אַלטע זאָגט אונדז גייענדיק: „דאָ איז צו נאָענט צו דער כאַטע. דער אַלטער וועט שפּעטער קומען און אייך אָפּפֿירן עטלעכע קילאָמעטער פֿון דאַנען, וואו עס געפֿינט זיך אַ גרויסער וואַלד, וואָס ציט זיך אויף מיילן.

אויף דעם האָבן מיר זיך גאָר ניט געריכט. אונדזערע פֿאַרדאַכטן הייבן זיך אָן צו פֿאַרשטאַרקן: מע וויל פּטור ווערן פֿון אונדז.

דער אַלטער קומט און נעמט אונדז ווידער אין וועג אַריין. מיר גייען וואָסערע צוואַנציק טריט אָפּגערוקט איינער פֿון אַנדערן. דער אַלטער גייט פֿאָרויס. מיר מוזן אָפּט דורכשניידן דעם שליאַך, וואָס איז באַזונדערס געפֿערלעך. אָבער מיר האָבן ניט קיין אַנדער עצה. עס מוז נאָך זיין גאַנץ פֿרי, ווייל עס הערט זיך ניט קיין באַוועגונג. ווידער בלאָטעס, ווידער זומפּן. עטלעכע ווייבער ווערן שוואַך פֿון אַזאַ לאַנגן אַרומבראָדזשען פֿון נעכטן אָן און די פֿיס הערן זיי אויף צו דינען. מיר שטעלן זיך דעריבער אָפּ אייניקע מאָל.

ווען מיר קומען שוין מיט צרות אָן אין אַ באַשטימט אָרט פֿון וואַלד, הייסט אונדז דער אַלטער דאָ אָפּלייגן די פּעקלעך. ער זאָגט אונדז, אַז ס׳איז שוין גוטער טאָג און מיר קענען איצט ניט דורכמאַכן דעם גאַנצן וועג, וואָס איז נאָך פֿאַרבליבן צו יענעם פּלאַץ אין וואַלד, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פֿאַר אונדז.

דער אַלטער גייט אַוועק פון אונדז און צו בין־השמשות קומט ער צו־ריק, כדי צו פירן אונדז ווייטער צו אונדזער נייעם מקום־מנוחה.

אַ נייע וואַנדערונג — שוין די פינפטע אין משך פון איין מעת־לעת. קען אַ מענטשלעכע פעדער איבערגעבן די יסורים און פיין און שרעק פון אַזעלכע „אויספליען״?

מיט די קוסטעס זיינען מיר שוין געווען אַ ביסל צוגעוואוינט. דער וואַלד מיט זיינע הויכע ביימער איז פאַר אונדז אַ נייע דערשיינונג. ווען מיר קומען אָן צום באַשטימטן אָרט, זוכן מיר אויף גיך אויס פלעצער, וואָס זיינען געדיכטער באַוואַקסן פון ביימער, ווי אַ שוץ קעגן רעגן און קעגן מעגלעכע פאַרבייגייערס. דער חושך פאַלט צו און מיר גרייטן גיך צו אונדזערע „בעטן״. רייסן אָן סכך אויף „מאַטראַצן״, וואָס זאָל אַ ביסל שיצן קעגן דער פייכטקייט פון דער ערד. מיר גרייטן צו גרויסע, דיקע פלעקער קעגן חיות־רעות, וועלכע זיינען דאָ פאַראַן גענוג.

די ערשטע נאַכט האָבן מיר כמעט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. די חיות פון אַלע מינים ברומען און שרייען און לאָזן ניט איינרוען. יעדע מינוט כאַפּסטו זיך צום געווער — צום שטעקן. נאָר משמעות, אונדזערע היגע וואַלד־חיות האָבן מורא פאַרן מענטשן און וואו זיי דערשמעקן אים, טראָגן זיי זיך אָפּ. זיי קלייבן זיך פונאַנדער, ווייזט אויס, זייער שלעכט אין דער „ראַסן־טעאָריע״ און באַטראַכטן אויך די פאַר אויסגעמאַטערטע יידן פאַר מענטשן...

15טער אַפּריל.

דאָס צוויטשערן פון די פייגל וועקט אונדז אויף פון די פאַר מאָגערע דרעמל־שעהן. גאָר ניט לויט אונדזער מזל, איז די זון שפּעטער אונדז גאָר פריינדלעך מקבל־פנים.

דער אינערלעכער אויפטרייסל פון אייערנעכטן אָוונט וועפּט זיך ביס־לעכווייז אויס. אַ געוויסע רואיקייט קומט אויף זיין אָרט: אפשר איז דאָ טאַקע זיכערער, ווי אין דער כאַטע?

די פרישקייט פון דער לופט שלאָגט פשוט אין פנים. אויף די אויס־געבליכטע באַקן רויטלען זיך גאָלד־שטראַלן. מיר אָטעמען מיט פולער ברוסט. ווי דורשטיקע אין מדבר וואַרפן מיר זיך אַרויף אויפן קליינעם וואַסערל, וואָס מיר האָבן דאָ צופעליק אַנטדעקט. מען צעפּאַטלט די האָר און מע צעשפּיליעט די קליידער: וואַסער, וואַסער, וואַסער! אָפּגעפרישטע און אָפּגעוואַשענע שטעלן מיר זיך אויס אויף די העכערע ערטער אָדער אויף

ביימער־צווייגן און וואַרעמען זיך אויף דער זון. מע זיפּצט אָפּ פון גרויס געשמאַק.

ווען האָבן מיר דאָס געפילט אַזוי שטאַרק דעם כוח פון דער זון און ווען האָבן מיר זי אַזוי געבענטשט, ניט מיטן מויל, נאָר מיט אַלע אונדזערע אברים? עס ווערט דאָ, אין די דאָזיקע באַדינגונגען, אַזוי בילדלעך קלאָר, פאַרוואָס מענטשן האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק באַטראַכט די זון פאַר אַ גאָט און צו איר זיך געבוקט און מתפלל געווען. אויך מיר זיינען מתפלל צו איר, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

וואו נעמט מען ווערטער צו באַזינגען די געפילן, וואָס ברויזן אין דער נשמה פון די פון טויט־אַנטלאָפענע און פון שטאַל־אַרויסגעטריבענע יידן ביים ערשטן שטראַל פון דער זון?

מע פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע די צרות. ווער געוואוינט זיך צו אַזוי לייכט צו אַן אומגליק, ווי אַ ייד?

— ווייסט, דאָ איז גאָרניט אַזוי שלעכט, זאָל דאָ נאָר קיינער ניט גיין, — זאָגט מיר איינער.

אין געטאָ און אין שטאַל האָב איך זיך אויסגעלערנט צו שווייגן, בעת איינער האָט גערעדט בטחונדיקע רייד, כאָטש איך האָב ניט געגלויבט אין זיי. אַנדערש האַנדלען — אַחוץ אין מאָמענט פון אמתער געפאַר — מיינט גייסטיקע רויבערײַ.

די ווייבער נעמען גאָר אַרויס פון אונטער דער „סוכה" דאָס ביסל בעט־געוואַנט און אויפן שטיקל אָפענעם פעלד אין וואַלד לייגט מען עס פונאַנדער אַנטקעגן דער זון. אַנדערע בגדים הענגט מען אויס אויף די צווייגן, און צייטנווייז דאַכט זיך, אַז מע געפינט זיך דאָ גאָר אויף דאַטשע... איינער פילט זיך אַזוי זיכער ביי זיך, אַז ער לייגט פאָר דאָ צו מאַכן אַ פייער און אויפקאָכן אַ טשייניק טיי... ווען יידן הויך איז דאָך גאָר קיין שאלה ניט: מיר זיינען דאָך עפּעס אויף אַן „אינדזל"! זופּט מען זופּנדיק די מחיהדיקע לופט אין די פאַרשטויבטע לונגען אַריין, פאַררעדט מען זיך אַנטקעגן דער זון און — מע שמייכלט ניט ווילנדיק אויפן גוטן „בייט", וואָס מיר האָבן געמאַכט.

„עם עולם". דער סוד און די סיבה פון דעם ליגט אפשר גראָד דעריין, וואָס יידן קענען אָפּשאַצן די חיי־שעה. דערפון נעמט זיך זייער אויסער־געוויינלעכע צופּאַסונגס־קראַפט צו די אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען. ליט־ווינער האָבן שוין ניט צו איינעם פון אונדז געזאָגט: „מיר וואָלטן עס ניט געקענט אויסהאַלטן. מיר וואָלטן דערלאַנגט מיט דער האַק — מיין לעבן אָדער דיינס, אָבער לעבן אַזוי, ווי איר איצט, וואָלטן מיר ניט געקענט". אַוודאי איז דאָס אַ רעכט ביסל גוזמאדיק, ווייל מיר האָבן גאָר ניט געזען די גרויסע רעוואָלוציעס, וואָס די גויים האָבן געמאַכט קעגן דייטש, אָבער

אַ שטיק אמת איז פאַרט פאַראַן אין די דאָזיקע ווערטער. די פסיכאָלאָגישע און גייסטיקע עלאַסטישקייט, וואָס גויים האָבן אַזאַ שוואַכע השגה פון איר, איז איינער פון די גרויסע ניסים פון יידישן קיום. זי ווירקט זיך אויס מיניאַ־טור־אַרטיק אויך אין אונדזער דאָאיקן קליין־קיבוץ. מיר לעבן מיטן טאָג, מיט דער היינטיקער שטראַלנדיקער זון, מיט דער היינטיקער דערקוויקנדיקער לופט און זאַמלען אָן זאַפט און כוח פאַר נאָך ביטערע טעג, וואָס וועלן זיכער קומען.

די אָנגעוואָרעמטע לופט פאַרשטאַרקט דעם דורשט. מיר גייען צו אונדזער טייכל, מיר שעפּן אָן אַ ביסל וואַסער, ברענגען עס פאַר מבינות פון די ווייבער. די פאַרב איז געל, דער ביי־טעם אַ שווערער און אויף צוגאָב — קליינינקע, שוואַרצינקע ווערעמלעך. דאָס טונקל־געלע וואַסער אין בלאָען טעפּל דערמאָנט אָן עפּעס ניט אָנגענעמס און גיט ניט צו קיין גרויס חשק צו טרינקען. נאָר דאָרשט איז שטאַרקער פון הונגער. די ערשטע זופּן זיינען שווער, דערנאָך גייט עס שוין. האָט דאָס וואַסער פאַרלוירן דעם ביי־טעם, אָדער מיר האָבן פאַרלוירן דעם טעם? אַ נפקא־מינה, אַבי ס׳איז גוט. וואָס וואָלט מען געטאָן, ווען מיר וואָלטן דאָ בכלל ניט געפונען קיין וואַסער? מע זאָגט „גם זו לטובה”, — און אַ סך טענות ווערן פאַרענטפערט...

עס דערמאָנט זיך מיר אַ ווערטל פון דעם ליטווישן בירגערמייסטער פון מיין געבוירן־שטעטל טעלזש: „ווען אַ קריסט ברעכט זיך אויס אַ פוס, מאַכט ער געוואַלדן און הערט ניט אויף צו שרייען „אָ, יעזאו”, ניט געפי־נענדיק קיין טרייסט. ווען מיט אַ יידן פּאַסירט אַזאַ אומגליק, שרייט ער אויך געוווג פון יסורים און שרעק, ער געפינט אָבער תיכף אַ טרייסט: „אַ דאַנק דעם רבונו־של־עולם, וואָס איך האָב דעם צווייטן פוס ניט צע־בראָכן”.

איז ניט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איין גרויסער נחום איש־גמזו?

16טער אַפּריל.

ניט באַשערט צו האָבן אַ ווייַלע מנוחה. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז טאַ־דעאוש האָט געהאַט אַ געפערלעכן טעות מיט אויסקלייבן דאָס מאָל דאָס אָרט, ווייל גאָר נאָענט פון אונדז געפינט זיך אַ ברייטער וועג. מיר האָבן געקענט האָבן נעכטן דעם אמתן פסק. נאָך גוט, וואָס, „שומר פתאים ד”” (גאָט היט די נאַראָנים).

דאָס נייע אָרט אין וואַלד האָט שוין דער אַלטער פריער גרינטלעכער

אויסגעשפּירט. ער האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז נאָר דורך אַ זעלטענעם צופאַל קען אַהין עמעצער פאַרבלאָנדזשען.

דאָס נייע אָרט איז „באַשיצט" פון אַ פּאָר הויכע, געדיכטע ביימער און אייניקע שיטערע ביימלעך. ווען עמעצער זאָל דאָ פאַרבייגיין, מוז ער דאָס אָרט באַמערקן. מיר נעמען זיך דעריבער אונדזער נייע „דירה" אויס־צובויען. דאָס וויכטיקסטע איז מאַכן ווענטלעך. אויף דעם נוצן מיר די קלענערע נאָדל־ביימלעך, וועלכע געפינען זיך דאָ אין אַ גרויסער צאָל. קיין האַק האָבן מיר ניט, מוזן מיר זיי רייסן מיטן וואָרצל. דאָס איז גאָרניט קיין לייכטע מלאכה, און אָפט „שפּאַנען" מיר זיך איין זאַלבעצווייט, כדי אַרויס־צוקריגן דאָס ביימל פון דער ערד. מיר רייסן נאָר דאָרטן, וואו ס'איז אַ ביסל זומפּיק און די ערד איז ווייכלעך, ווייל אין האַרטערע ערטער קען מען בשום אופן ניט בייקומען די גרעסערע וואָרצלען. די דאָזיקע נאָדל־ביימלעך פלאַנצן מיר אַרום אונדזער „דירה", אינעווייניק שיטן מיר אָן מיט סכך פון די קלענערע צווייגלעך, כדי זיך צו שיצן פון דער פייכטקייט פון דער ערד, און מיר פילן זיך אַ ביסל זיכערער אין אונדזער נייער היים. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער דאַך איז אויך ווייטער געבליבן דער הימל, אָבער מיר דאַרפן זיך דאָך היטן פאַר די ברואים אויף דער ערד און ניט פאַר די באַשעפענישן אויפן הימל.

דער טאָג פאַרגייט היינט גיך. מיר זיינען געווען אַזוי פאַרנומען מיט אונדזער בוי־אַרבעט, אַז איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, איז צוגעפאַלן די נאַכט. די העכסטע ביימער־שפּיצן נאָר פרייען זיך נאָך מיט די לעצטע שקיעה־שטראַלן. מע בעט זיך אויס, מע שמועסט נאָך אַ ביסל, מע כאַפּט אַריין דאָס שטיקל טרוקענע אָונט־ברויט, מע פּאַקט אַרויף דעם מאַנטל אויפן פּנים און — אַ „גוטע נאַכט!"

יידיש קינד אין וואַלד! איז געווען אַמאָל נאָך אַ גרעסערער קאָנטראַסט פון דעם? ווען אַ יידיש קינד פלעגט זיך פאַרזינדיקן אין אַמאָליקן, אויף אייביק־פאַרלוירענעם שטעטל, פלעגט מען אים סטראַשען מיט ציגיינערס אין וואַלד. וואַלד איז געווען אַ שרעק־וואָרט ניט נאָר פאַר משהלעך און שלמה־לעך, נאָר אויך פאַר דערוואַקסענע יידן. דאָס דורכפאָרן ביינאַכט אַ וואַלד מיט פערד און וואָגן, איז געווען אַן איינשטעלעניש. מע פלעגט זיך קלייבן בחבורותא אויף אַזעלכע נסיעות און ניט איין פּאַסאַזשיר איז געבליבן זיצן אין דער היים, אויב ער האָט ניט געפונען קיין פולן „דיליזשאַנס" (אַ גרויסע פור מיט אַ בויד). היינט דאָס פאָרן גופא דורכן וואַלד ביינאַכט! ווייבער פלעגן צומאַכן די אויגן, מאַנסבילן פלעגן זאָגן קאַפּיטלעך תהילים, און די גברן די פּורמאַנעס פלעגן זיך מאַכן קוראַזש מיטן צוגעגרייטן דעמ־ביקן שטעקן. וואַלד איז געווען פאַרבונדן מיט גזלנים און רויבערס — אַזאַ ווייטע וועלט פאַר יידן און יידישן שטייגער. ניט איינער פון אונדז,

װעלכע געפֿינען זיך איצט דאָ, װען מען װאָלט אים אַפֿילו געגעבן טױזנטער, װאָלט זיך ניט געדרײסט צו גײן בײנאַכט אין אַ גרױסן װאַלד.

כמעט אַלע מעשׂיות, װאָס דאָס יידישע קינדערשע קעפּל פֿלעגט אױפֿ־כאַפּן װעגן שדים און רוחות, זײנען געקניפּט מיטן װאַלד. דאָ איז אַ קאַלב, אַ געבונדענע אין װאָגן, פֿאַרשװאונדן אין מיטן װאַלד, צעקרײענדיק זיך, װי אַ האָן. דאָ האָט אַ פֿײערל געװאונקען פֿון דער װײטנס בעת אַ װאַלד־נסיעה אין אַ פֿינצטער׳ער רעגן־נאַכט, געװאונקען און פֿאַרנאַרט מידע פֿאַר־בײפֿאָרערס. אין יעדן ליטװישן שטעטל זײנען געװען יידן, אױף װעלכע מע פֿלעגט אָנװײזן װי געליטענע פֿון זײערע נאַכטיקע װאַלד־רײזעס. און דאָס אַלץ פֿלעגט זיך איבערחזרן אין די שמועסן צװישן מנחה־מעריב אין בית־מדרש, באַזונדערס אין די מוצאי־שבתן, און פֿאַרגאַפּטע פֿלעגן ײדישע קינדער דאָס אײנזאַפּן אין זײערע ציטערדיקע הערצער. און אַזױ האָט אין משך פֿון יאָרן װאַלד זיך פֿאַרװאַנדלט אין יידישער פֿאַנטאַזיע אין אַ סימ־באָל פֿון אַלדאָס בײז.

װאַלד האָט געסטראַשעט און געשראָקן, און איצט — און איצט לעבן מיר אין װאַלד, איצט שלאָפֿן מיר אין װאַלד, איצט זוכן מיר שוץ אין װאַלד!

17טער אַפּריל.

אױך הײנט אַרבעטן מיר אַ גאַנצן טאָג בײם אױסבױען אונדזער „דירה".
מען אַרבעט מיט דער התמדה פֿון מוראַשקעס און מע פֿאַרפּולקומט זיך אַלץ מער. זעלטן האָט אַ דירה געהאַט אַזאַ לעבנס־אױפֿגאַבע, װי אונדזערע דאָ. אין שפּאַלט, דורך װעלכן עס זאָל דורכדרינגען דער בליק פֿון אַ בײז אױג — און אױס מיטן גאַנצן שפּיל.

אונדזער אַרבעט װערט אױף אַ װײלע איבערגעריסן דורכן באַזוך פֿון אַלטן. ער דערצײלט אונדז, אַז לעצטנס האָבן זיך עפּעס געגומען באַװײזן בײ אים פֿיל אורחים. ער איז חושד, אַז ניט אַלע פֿון זײ האָבן רײנע כּװנות. באַזונדערס האָבן אױסגעזען פֿאַרדעכטיק צװײ יונגע חברהלײט, װעלכע האָבן אים קײן אַנדערע שאלות ניט געהאַט צו שטעלן, װי זײן מײנונג װעגן קריג און װעגן די יידן. װײטער דערצײלט ער, אַז בײנאַכט אַרבעט דער הונט מעשׂים. משמעות, אַז מע היט זײן שטוב און מען װיל אים כאַפּן אױף דער הײסער מינוט. פֿון שרעק און אומרו קען ער בײ־נאַכט ניט שלאָפֿן. ער שפּאַצירט אַרום איבערן צימער, נאָר אַרױסגײן האָט ער מורא.

אונדזער דרייסטער טאַדעאוש — וואָס פון אַ מענטשן קען ווערן!

אַ מענטש קען, וויזט אויס, שווער בייקומען זיינע שוואַכקייטן אַפילו אין די געפערלעכסטע סיטואַציעס. וויפל מיר זיינען ניט אָנגעלערנט און געשטראָפט געוואָרן, קען מען דאָך ניט איינליגן אין דער „בודע“. אַגב, איז דאָ קיל און מע קען שווער ביישטיין דעם נסיון פון אַרויסגיין זיך אַ ביסל מחיה זיין מיט דער וואַרעמער זון. מיר האַלטן אויך ניט דעם אָפּמאַך, אַז ביימלעך רייסן זאָל מען נאָר איינציקווייז, כדי אין פאַל, עמעצער זאָל צופעליק פאַרבייגיין, זאָל איינעם פון אונדז זיין פיל לייכטער זיך צו באַ־האַלטן. אויך דאָס האַלט ניט אויס. אַלע גייען אַרויס מקבל־זון זיין — און ניט אָפּט פּאַסירט, אַז ביי די אָנגעשטרענגטע נערוון דאַכט זיך עמעצן פּלוצלונג, אַז ער הערט פרעמדע טריט, נעמט ער לויפן צו דער „בודע“; זעט עס אַ צווייטער, לויפט ער אים נאָך, און אַזוי לויפט דער גאַנצער האַל־בער מנין יידן אַריין אין דער „דירה“, ניט טויט, ניט לעבעדיק, פאַלט „כורעים“, ווי סאָלדאַטן בעת אַ שיסעריי, בעת אין דער אמתן האָט קיין זאַך ניט פּאַסירט, קיינער איז ניט געגאַנגען, קיינער האָט קיינעם ניט געזען: שרעק־האַלוצינאַציעס.

אוי, די נערוון, די נערוון, ווי זיי נעמען צו דאָס לעצטע ביסל כוח!

18טער אַפּריל.

ווען מיר וועלן זוכה זיין אַרויסצוגיין לעבעדיקע פון די הונדערטער גיהנומס, וועלן מיר האָבן אַ נייע פּרנסה אין האַנט: אַסטראָלאָגיע... מיר הערן ניט אויף צו קוקן אויפן הימל. ערשטנס, זיינען מיר נאָך אַלץ אַזוי אויס־געבענקט נאָך די ליבע בלויע הויכן. צווייטנס, ווילן מיר באַשטימען די צייט לויט דער זון, ווייל קיין זייגערל האָבן מיר דאָ קיינער ניט. אַ מאָדנע זאַך, ווען מען איז געווען באַשעפטיקט און מע האָט געהאַט אַ זייגער, האָט מען אויף אים אַזוי פיל ניט געקוקט. מיר דאָ, אָבער, אין אונדזער בטלנותדיקן זיין, האַלטן אין איין פרעגן: „וויפל קען איצטער זיין דער זייגער?“ פּונקט ווי דער געפרעגטער וואָלט געקענט בעסער וויסן, ווי דער פרעגער...

ווי דערוואַקסענע ווערן דאָס פאַרוואַנדלט אין קליינע קינדער!

און, דריטנס, האַלט מען אין קוקן אויפן הימל, צי ער פאַרכמורעט זיך ניט, חלילה. דאָס ערגסטע, פאַרוואָס מיר האָבן מורא — ער, דער הימל, זאָל ניט אָנהייבן גיסן אויף אונדז מיט וואַסער.

אסטראָלאָגן! ביי אונדז אין שטעטל האָט מען ווייניק געוואוסט דעם

דאָזיקן וויסנשאַפטלעכן נאָמען, האָט מען עס גערופן גאָר פשוט „הימל־קו־קערס". אין יעדן שטעטל זיינען געווען אַזעלכע פאַרשוינען, וועלכע די אַרטיקע לצנים האָבן באַטיטלט מיטן דאָזיקן נאָמען. געוויינלעך זיינען דאָס געווען פאָעטיש־געשטימטע מענטשן, וועלכע האָבן געקוקט אויפן הימל מער, ווי אויף דר'ערד, אָדער סתם מענטשן, וואָס צוליב זייער הילוך זיינען זייערע אויגן געווען מער געווענדט צום אייבערשטן...

געלעכטער אָן אַ זייט: דער הימל הייבט אָן באמת צו מאַכן מיאוסע העוויות. די זון פאַרשווינדט גאַנץ אָפט און שוואַרצע וואָלקנס יאָגן איינער דעם אַנדערן. אונדזערע אַ פרוי מיט רעמאַטישע וויטיקן פילט שוין קראַמפן אין פוס — אירער אַן אויסגעפּרואוווטער סימן, אַז דאָס וועטער גייט זיך בייטן. מיר האַלטן שוין באַלד ביים שלאָפן גיין, און דער פאַרוואָלקנטער הימל צוזאַמען מיטן לעבעדיקן „באַראָמעטער" שאַפן ניט קיין געהויבענע שטי־מונג.

גאַנץ שפּעטלעך קומט די אַלטע און טיילט אונדז אויס קליינע ברויטלעך. דאָס מוז מען איינטיילן לכל־הפּחות אויף אַ גאַנצער וואָך, ווייל אויך אונדזערע באַשיצערס האָבן ווייניק ברויט, און מע קען ניט וויסן, ווען אונדזער נייער „טראַנספּאָרט" וועט אָנקומען.

19טער אַפּריל.

ניט באַוויזן איינצושלאָפן, ווי איינער הייבט אָן וועקן דעם צווייטן: „נו, וואָס זאָגט איר, עס רעגנט, האַ?" — וואָס קען מען שוין דאָ זאָגן, אַז ס'קאַפּעט שוין אויפן קאָפּ און מע מוז אין איילעניש צוזאַמענלייגן דאָס ביסל זאַכן און בעטגעוואַנט. הייננט זיי אַ בריה און פּאַק, אַז ס'איז חושך מצרים און מע זעט ניט פון דאַנען ביז אַהין. רוקט מען בלינדערהייט די זאַכן אין די זעק אַריין, מע פאַרדעקט עס מיט סכך און מיט אַנגערייסענע ביימלעך, וואָס קומען אונטער דער האַנט און אַליין לאָזט מען זיך זוכן שוץ אונטער די צווייגן פון די גאָר הויכע געדיכטע סאָסנעס.

ס'רעדט זיך אַזוי: „מע לאָזט זיך". ס'איז אַזאַ פינצטערניש, אַז איי־נער אָן דעם אַנדערן האָט מורא צו גיין און קען ניט גיין. נעמט מען זיך פאַר די הענט און מע פירט זיך, ווי קינדער, צו אַ הויכן בוים. וואו איז ער? ס'איז ניט אַזוי לייכט צו טרעפן. אַלץ איז איין צוזאַמענגעגאָסענע פינצ־טערע מאַסע. אין דער הייך איז די פינצטערקייט אַ ביסל שיטערער און מע זעט די סאַמע העכסטע ביימער־שפּיצן. די ראיה נאַרט זייער אָפּ אין אַזאַ

וואַלדיקן חושך. דער הויכער בוים, צו וועלכן מיר האָבן זיך געלאָזן, האָט אונדז געשיינט צו זיין נאָר אַ פּאָר טריט פון אונדז. און ווען ס'האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז מיר זיינען שוין ביים בוים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. אַנשטאָט דעם זיינען מיר גאָר אַרויף אויף אַ קוסט קליינע ביימלעך, וועלכע צעראַצן אונדז די הענט און פּנימער. ניט אומזיסט זיינען כישוף־לעגענדעס אַזוי אָפט פאַרבונדן מיט פינצטערע נעכט אין וואַלד.

מיר פּרואוון גיין וויטער — און וואָס איז דאָס? דאָס האַרץ פאַלט איין פון שרעק: אַ פּאָר מעטער פון אונדז לייכטן אויף אַ פּאָר פינקלענדיקע אויגן. צוערשט פאַרליר איך זיך שטאַרק, איך נעם זיך אָבער באַלד צו־נויף, כאַפּ זיך צו דער קעשענע, כדי אַנצואווענדן ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן יענעם מיטל קעגן אַ וואָלף, וועגן וועלכן מע האָט אונדז קינדוויז דער־ציילט — אַ שוועבעלע. און אפשר — לויפט דורך אַ געדאַנק — איז עס גאָר אַ שלאַנג?

— וואָס טוט מען? — פרעג איך מיין ווייב, וואָס האַלט מיך פעסט אונטערן אָרעם און טרייסלט זיך אין גאַנצן פון קעלט און שרעק.

אינסטינקטיוו דערלאַנגען מיר זיך אַ פעסטן ריס פון אָרט און דער־וויטערן זיך פון די אימהדיקע אויגן.

(ביי טאָג האָט זיך אויפגעקלערט, אַז די „וועלפישע אויגן" זיינען געווען — פאַרפוילטער מאָך, וואָס לייכט פאָספאָרדיק ביינאַכט).

אויף די געדיכטסטע ביימער גיבן ניט קיין שוץ קעגן אַזאַ גוס־רעגן. עס רינט פון אַלע זייטן. די קליידער ווערן אַלץ נאַסער. מיר שוידערן אַלע פון קעלט. מעשה שטן האָבן די חיות היינטיקע נאַכט זיך אויך צעיושעט. דאָ יאָמערט עפּעס משונהדיק אַ ווילדע ציג, דאָ ברומט אַ ווילדער חזיר, דאָ קוויטשעט עפּעס אַ חיהלע, וואָס איז אונדז נאָך אומבאַקאַנט, און אַזוי נאָך צענדלינגער ווילדע קולות.

היינט איז, אייגנטלעך, אונדזער ערשטע אמתע באַקאַנטשאַפט מיט דער וואַלד־נאַכט.

ווי לאַנג וועט זיך ציען די דאָזיקע נאַכט? — מיר האַלטן די אויגן געווענדט צום הימל. די פּאָר בלאַסע הימל־פּאַסן פון דורך די הויכע ביימער־שפּיצן הייבן אָן ווערן העלער. קאָנטורן פון ביימער שיילן זיך אויס. די שוואַרצע מאַסע צעגייט ביסלעכוויז אין גראָקייט, און לאַנגזאַם קומט טאָג־ליכט מיט שטילע טריט.

מע קוקט איינער אויפן אַנדערן — ערשט איצט זעט מען, ווי אויסגע־מאַטערט און אויסגעשעפּט מען איז.

פון האַלבן טאָג הייבט זיך אָן אויסלייטערן. פון צייט־צו־צייט לויפן

נאָך אַלץ אָן וואָלקנס. די שטימונג איז אַ געררייצטע און יעדערער איז נערוועז, פשוט אַ וואָרט ניט אויסצוריידן.

וועט די היינטיקע נאַכט ווידער זיין אַזאַ „ליל שמורים״?

20סטער אַפּריל.

געהאַט מזל — דער הימל האָט זיך אויסגעשטערנט און מע האָט געקענט אַ ביסל דורכדרעמלען, שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים.

אין דער פרי זיינען אַלעמענס פּנימער אויסגעלייטערט פון דער נעכטיקער זויערקייט. מע כאַפּט זיך פונאַנדערלייגן די פּעקלעך און זיי טריקענען אויף דער זון. אַ ווײַלע פאַרכאַפּט די זון, וועלכע וואַרעמט היינט גאַנץ שטאַרק און — מע ווערט אַנטשלאָפן אונטער אַ בוים.

אין דער דאָזיקער דרעמלדיקער רואיקייט, וועלכע האַלט אָן אַ האַלבן טאָג, ווערט פּלוצעם אַ „טרעוואָגע״. עס דערהערן זיך מענטשלעכע טריט איבער טרוקענע צווייגן — און מיר לויפן, ווי פאַרסמטע מייז, גיך אין אונדזער לאָך אַריין. מיר ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד און דורך קלייניטשקע שפּאַלטן זעען מיר קלאָר, ווי פאַרביי אונדז גייט אַ מענטש. ער מאַכט אַ האַלבקרייז, שטעלט זיך אָפּ ביי אַ בוים. ער גיט אַ הוסט, און אונדז דאַכט זיך, ווי ער וואָלט צו אונדז זאָגן דורכן הוסט: „קינדערלעך, אָן עבירה׳ה די טרחה, איך האָב אייך סיי־ווי באַמערקט״.

טויט־בלאַסע פּנימער. אַ מינוט, פינף מינוט, אַ שעה — ווער געדענקט עס, ווי לאַנג מיר זיינען אַזוי געלעגן אָן אַ ריר, ווי מתים?

וואָס טוט מען? האָט ער אונדז באַמערקט? מיר מאַכן אַלע מעגלעכע עקספּערימענטן, זיך שטעלנדיק אין די אַלע ערטער, וואו דער פרעמדער האָט זיך געפונען, און מיר קומען צום אויספיר, אַז ער האָט אונדז ניט באַמערקט. אָבער קען מען שטעלן אויף דעם? געזען אָדער ניט געזען? — דאָס איז ביי אונדז די האַמלעטישע פראַגע. דאָס געזינטסטע וואָלט געווען תיכף צו פאַרלאָזן דאָס אָרט — אָבער וואוהין? גיט מען זיך ווידער איבער אין די הענט פון בלינדן גורל — און מע וואַרט. יעדער שאָרך טויט אָפּ אַלע איברים. יעדע פאַרגייענדיקע שעה מאַכט לייכטער דאָס געמיט. שרעקלעכע שטימונג און עלעקטרישע שפּאַנונג. מע טרייסט זיך: „אַך, גאָרניט״, אָבער אין האַרצן טראַכט מען אַנדערש.

עס באַווייזן זיך ווידער אָפּטימיסטן און פּעסימיסטן. די לעצטע פאַרפייניקן דאָס לעבן: „געוויס האָט ער געזען. און דער הוסט איז געווען פול מיט איראָניע (!). און פאַרוואָס האָט ער געקוקט אויף אַלע זייטן? און פאַרוואָס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים בוים?״ די אָפּטימיסטן, נאַטירלעך,

געפינען שוין געגוג תירוצים אויף די אַלע פראַגעס, כדי עס אויסצולייגן לטובה.

פאַרמשפּטע צום טויט — ווער האָט רעכט צוצונעמען פון זיי דאָס איינציקע, וואָס האַלט אויף זייער לעבן — די האָפענונג? ווען ניט אָט־די האָפענונג — ווי וואָלט מען געקענט אויסהאַלטן אין די געטאָס און אין די וועלדער? קען מען גענוג אָפּשאַצן, ווי גרויס ס׳איז דער חלק פון יידישן בטחון אין יידישן קיום? אין קאָוונער געטאָ איז אין משך פון דריי יאָר געווען, דאַכט זיך, נאָר איין זעלבסטמאָרד! פאַרגלייך עס צום יידישן קיבוץ אין דייטשלאַנד, וואָס זיינע איבערלעבענישן ביז די דעפּאָרטאַציעס זיינען געווען אַנטקעגן אונדזערע נאָר אַ שפּיל, מיט זיינע מאַסן זעלבסטמאָרדן. פאַרוואָס? ווייל אין אַ קיבוץ פון ליטווישע יידן האָט זיך אויסגעווירקט זאַפטיקער, טרייסטנדיקער און דערמוטיקנדיקער דער יידישער בטחון, די טראַדיציאָנעלע יידישע האָפענונג.

די דאָזיקע האָפענונג איז געווען אין די ערב־טויט־יאָרן פּילגעשטאַלטיק: אַ רעוואָלוציע אין בערלין, מפּלות אויפן פראָנט, אַ יידישע מלוכה וכדומה. איר טיפער זין איז געווען: געוואַלד, יידן, זייט זיך ניט מייאש! טאָ ווער האָט זיך געקענט וואַגן אויסצולאַכן אָפּטימיסטן? אָפטמאָל פלעגט אויסקומען אין געטאָ צו הערן די נאַרישסטע רייד פון אָפּטימיסטן וועגן פּאָליטיק, קריג אאַז״וו — ווער האָט רעכט צוצורויבן די איינרעדעניש פון אַ טויט־קראַנקן, אַז ער וועט נאָך לאַנג לעבן? איז טרייסטנדיקע אויטאָסוגעסטיע פאַר אַזעלכע חולאים אַ קלענערע רפואה, ווי פאַר פיזיש־קראַנקע? דעריבער פלעג איך פשוט אָרגאַניש ניט פאַרטראָגן די פּעסימיסטן מיט זייערע קלוגע רייד, מיט זייערע חשבונות אין די הענט — טרוקענע קרעמערס, וועמען ס׳איז פרעמד די פּסיכאָלאָגיע פון זייער אייגן פאָלק.

קוק איך אויך דאָ מיט ווידערגעפיל אויף די שוואַרץ־זעערס און לאָז זיך טראָגן אויף די פליגלען פון האָפענונג, אַז אויך די היינטיקע געשעעניש וועט זיך ענדיקן „בכי טוב״.

מיט שטילע תפילות אין האַרצן און מיט ציטער אין דער נשמה לייגן מיר זיך שלאָפן.

21סטער אַפּריל.

אַן אומרואיקע נאַכט. מע גיט אָפט אַ טרייסל איינער דעם אַנדערן: „נו? האַ? מע גייט?״ און ווען די זון איז מקדש דעם היינטיקן פרימאָרגן און ס׳איז שטיל — באַרואיקן מיר זיך, אַז די נעכטיקע געשעעניש וועט אַריבער בשלום.

היינט — איז האַלב־יאָריקער יובל זינט מיר זיינען אַרויס פון געטאָ. טרויעריקע מחשבות וועגן זיך, וועגן פריינד, וועגן חברים. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט זיך געוואָלט האָפן, אַז צום דאָזיקן „יובל" וועלן מיר שוין אפשר האַלטן נעענטער צו דער גאולה. פאַרפאַלן. די מאַנאַטן, וועלכע זיינען שוין הינטער אונדז, זיינען שוין זיכער געפונענע — און „מאָרגן וועט גאָט זאָרגן". קיין אַנדער וועג איז ניטאָ.

דאָס לעבן, אַפילו דאָס ביטערע און פינצטערע, פאָדערט דאָס זייניקע. שוין דריי וואָכן ניט געביטן קיין וועש — און די דריטע מכה פון מצרים לאָזט זיך גאָר שטאַרק פילן. מע צעשיינדט זיך פשוט די הויט. אַן חרפה רייבט מען זיך אָן די ביימער, ווי חזירים אָן פאַרקאַנעס. מע מאַכט „אַבלאַוועס" אויף זיי ניט איין מאָל אין טאָג — ראַדיקאַל היילט דאָס אָבער ניט די מכה.

ווען וועלן מיר זוכה זיין צו האָבן אַ שטיקל באָד?

דער היינטיקער באַזוך פון אַלטן האָט אונדז געמאַכט פאַרגעסן אַלע אַנדערע פיזישע פּלאָגן. ער דערציילט אונדז, אַליין זייענדיק גוט בגילופנדיק, אַז ער קומט איצט פון אַ וויזיט ביי אַנטאַנאַסן אין הויז וועמען מע האָט אַרעסטירט צוליבן חשד, אַז ער באַהאַלט אויס יידן. די פרוי, זאָגט ער, האָט שטאַרק געוויינט פאַר אים, אַז ניט געקוקט אויפן גרויסן „פדיון", וואָס מע האָט געגעבן פאַר אים אין „יד" אַריין, איז אַנטאַנאַס נאָך אַלץ אין תפיסה און ווער ווייסט, אויב מע וועט אים בכלל אַרויסלאָזן. אַנטאַניכע האָט אים געזאָגט: „אפשר זאָל איך גאָר אַרויסגעבן די פּאָר באַהאַלטענע יידן און דערמיט ראַטעווען מיין מאַן פון טויט? דער אַלטער גיט צו, אַז די ווער־טער האָבן אים שרעקלעך אויפגערעגט און ער האָט איר געזאָגט אויף די העכסטע טענער: „אויב דו וועסט עס טאָן, וועל איך אַליין דערשטעכן מיט אַ מעסער דיך און דיינע עלטערן. ווי קענסטו טראַכטן צו דערמאָרדן אַזוי פיל נפשות?"

אַלע אברים זיינען אַ מינוט אָפּגעשטאַרבן, הערנדיק די דאָזיקע ידיעה. מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָבן מיר געהערט עפּעס ענלעכס פון אַלטן, אָבער דאָס איז ניט געווען אַזוי ערנסט געזאָגט, די פאָרעם איז געווען אַן אַנדערע. ס'איז גיכער געווען סתם אַזוי אַ זאָג, ווי אַ דורכגעטראַכטער פּלאַן.

חסידי אומות העולם? — מען דאַרף זיך ניט וואַרפן מיט די דאָזיקע ווערטער. ערשט אין די סאַמע שווערסטע נסיונות דערקענט מען מענטשן אויף אַן אמת. בעת אַלץ קומט אָן לייכט און קיין געפאַר איז ניטאָ, און געלט פאַרדינט מען, און מע קען נאָך אַריינכאַפּן אַ שטיקל עולם־הבא אויך — איז מהיכא תיתי! אָבער ווען די שעה פון סכנה שלאָגט אויס — ערשט דעמאָלט קומט די צייט פון מענטשלעכן עקזאַמען. נאָר פילאָסאָפיר אַזוי

צי אַנדערש — דאָס וואָרט וועגן מסרן איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן און איז געבליבן הענגען איבער אונדזערע קעפּ.

מיר בעטן דעם אַלטן נאָך אַמאָל אַוועקצוגיין און אויפקלערן די פרוי פון אַנטאַנאַסן, אַז אַזאַ שריט וואָלט נאָך ערגער מאַכן איר מאַנס לאַגע און וועט אים אויסשטעלן אויף אַ זיכערן טויט.

ווידער קומט אויף די מחשבה אַנטלויפן, אַנטלויפן, אַז ניט דער אַלטער און ניט אַנטאַנאַסעס פרוי זאָלן וויסן, וואו מיר געפינען זיך. נאָך לאַנגע אַהין־און־אַהערס באַשליסן מיר אָפּצוּוואַרטן אויף אינפאָרמאַציעס וועגן צוויטן שמועס פון דיביידע, וואָס אונדזערע לעבנס ליגן אין זייערע הענט.

טייערע יובל־נייס. אַזאַ יובל און אַזעלכע נייס!

22סטער אַפּריל.

קאַלעמוטנע שטימונג צוליב די נעכטיקע נייס. מע שוויגט מער, ווי מע רעדט. דערצו האָט נאָך די זון, אויף צו להכעיס, זיך היינט באַהאַלטן הינטער גרויסע וואָלקנס. נאָך ערגער פון דעם איז דאָס, וואָס גראָד היינט האָט זיך אָנגעהויבן הערן אַ קלאַפּן. די טעמפּע קלעפּ, וואָס לאָזן זיך הערן פון צייט־צו־צייט, באַווייזן, אַז מע האַקט ביימער. איז עס ווייט? דער עכאָ אין וואַלד איז תמיד אַ שטאַרקער און נאַרט אָפּט אָפּ דאָס אויער. עס זעט אָבער אויס צו זיין ניט־ווייט פון אונדז, ווייל צייטנווייז דאַכט זיך אונדז אַפילו, אַז מיר הערן מענטשלעכע קולות. דאָס האַקן אָן אויפהער מאַכט שפּאַנען נאָך מער די אַזוי שוין אויך געניוג אָנגעצויגענע נערוון.

אַ קליינע דערלייכטערונג ברענגט אַריין דאָס קומען פון אַלטן, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דאָס מאָל מיט אַ טאָפּ הייס געקעכץ. שוין אַ וואָך צייט קיין הייסע זופּ ניט פאַרזוכט. ווערט דאָך אַ שטיקל שמחה און מע פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע אָן די טרויעריקע מחשבות, און מע נעמט זיך מיטן גאַנצן גוף צו דער אַכילה. אַ וואַרעמקייט צענעמט אַלע גלידער, אַ ניט־אַרויסגע־זאָגטע צופרידנקייט אויף אַלעמענס פּנימער. מע ווייסט ניט, ווי אָפּצודאַנקען דעם אַלטן פאַר זיין מצווה.

אַ פּולער מאָגן האָט אויך וואָס צו זאָגן! לייגט מען זיך צו אויפן גע־לעגער און — מע דערציילט זיך מעשיות. מע נעמט אַרויס פון זכרונות־אוצר תמימותדיקע מעשיות אָדער לייכטע קרימינאַל־געשיכטעס — אַ רפואה פאַר די נערוון. מע הערט זיך צו מיט אַזעלכע אָפענע מיילער און מיט אַזאַ אינטערעס, אַזוי ווי ניט־דערוואַקסענע מענטשן וואָלטן דאָ געזעסן

און ניט אין וואַלד, און ניט ביים תהום פון טויט — נאָר קליינע, נאַאיווע קינדערלעך אין אַמאַליקן ליטווישן שטעטל.

די מענטשלעכע נשמה, משמעות, איז פּעאיק אויף די משונהדיקסטע איבערגענג.

דאָס איינציקע מיידל, וואָס געפינט זיך אין אונדזער געזעלשאַפט, הערט זיך לעצטנס ניט אויף צו שפּיגלען. אַ קאָמפּלימענט פונעם אַלטן, אַז אין וואַלד איז זי שענער געוואָרן, האָט עס געבראַכט דערצו, כאָטש אויך פריער איז זי ניט געווען שטאַרק צעקריגט מיטן שפּיגל. נאָך די קריטישסטע מאָמענטן — דאָס שפּיגעלע איז שוין ווידער אַקעגן פּנים... אַ פרוי בלייבט אַ פרוי — שטענדיק און אומעטום. מיר דערמאָנט זיך עפּעס אַ געשיכטע וועגן אַ פרוי, וואָס פאַר דער תליה האָט זי געבעטן אַ שפּיגעלע! אַ מאַן קען עס ניט פאַרשטיין און וועט עס ניט תופס זיין.

אַזעלכע באַדינגונגען, אין וועלכע אונדז קומט אויס צו לעבן, זיינען, משמעות, אַ גוטער באָדן פאַר אַבערגלויבנס. צו באַוואונדערן, ווי מענטשן, וועלכע זיינען אין נאָרמאַלע יאָרן געווען אַזוי ווייט פון דעם, לאָזן זיך דאָ, אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן, ציען אויפן שטריקל פון זאַבאַבאָנעס. דאָ איז ניט וויכטיק, וואָס מיטן שכל און באַוואוסטזיין פאַראורטיילסטו זיי אויך איצט — אָבער אונטער דער שוועל פון באַוואוסטזיין גייסטו אויס צו הערן די אַלע „כישוף־שפּרוכן" און גלייבסט אין זיי. אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „אל תפתח פה לשטן", „קיין עין־הרע", „חלילה" וכד' באַגלייטן יעדעס וואָרט אַפילו אינעם מויל פון אַזעלכע, וואָס פלעגן זיך היטן פאַר אַזוינע רייד.

צו דער סעריע פון די אַבערגלויבנס דאַרף מען צושרייבן די „כישוף"־סעאַנסן, וועלכע די ווייבער הערן דאָ ניט אויף צו טרייבן און פאַרדולן מיט זיי דעם קאָפּ. אַלע אָנגעווייטיקטע פראַגעס ווערן ביי זיי געלייזט דורך ציען די נאָדעלעך פון די סכך־צווייגעלעך אויף „יאָ, צי ניין ?" אָבער אַפילו דער, וואָס גלייבט ניט אין דעם און לאַכט פון די ווייבער, קען זיך דאָך ניט איינהאַלטן פון פרעגן : „נו, ווי איז אויסגעפאַלן ?..."

וועגן חלומות איז שוין אָפּגערעדט — זיי פאַרנעמען גאָר אַ חשוב אָרט שוין פון אַלטע צייטן ! אונדזער אַלטע באַרבאַראַ איז אַ פּאַטענטירטע פּותר־חלומניצע, און זי ווייסט קלאָר, אַז אַ נאַקעטער מענטש אין חלום באַטייט אומגליק, שמוציק וואַסער איז טרויער, אַ הונט, וואָס בייסט — אַ שונא אאַז"וו. אַז עס חלומט זיך ריין וואַסער איז אַ גוטער סימן, אַ שריפה איז גליק, ווייסע וועש איז אַן אָנזאָג, אַז מע וועט דערלעבן גוטס אאַז"וו.

ניטאָ קיין פרימאָרגן, אַז די ווייבער זאָלן זיך ניט אויסדערציילן אַלע זייערע חלומות. און ווי זיי געדענקען דאָס אַזוי מיט אַלע פּיטשעווקעס. און טאָמער האָט איר די חוצפּה עפּעס אויסצוזעצן קעגן זייערע סימנים —

שטעלט מען אייך תיכף אַנטקעגן אַ גאַנצן צעטל פון חלומות, וואָס באַ־שטעטיקן פולשטענדיק זייערע רייד סיי אויף גוטס, סיי אויף שלעכטס...

איז עס ניט די שטאַרקע נטיה פון סתם־מענטשן צום טראַנסצענדענ־טאַלן, ניט דורך שכלדיקער פאַרטיפעניש, נאָר דורך טיפער פילבאַרקייט?

אפשר איז נאָך מער צו מערקן אַ פאַרשטאַרקטע רעליגיעזיטעט ביי מענטשן, וועלכע האָבן אַ לעבן אָפּגעלעבט אָן רעליגיע.

אונדזער געוועזענער יידישער פריץ, אַן אמתער גראָביונגערישער אַפּיקורס, רופט מיך היינט צו און זאָגט: „איר הערט, איך האָב באַטראַכט, אַז אַ רעליגיעזער מענטש איז גליקלעכער פון אַן אַפּיקורס. אויך זיין משפּחה־לעבן איז פיל ריינער. אָט נעמט, אַשטייגער, מיך. איך האָב גענאָסן פון יעדער שיינער פרוי, וואָס האָט זיך מיר געמאַכט אונטער דער האַנט. און וואָס איז געבליבן פון דעם אין אַ מינוט אַרום? טפו!" ער שפּייט אויס און פרעגט מיך: „וואָס זאָגט איר?"

וואָס זאָל איך זאָגן? ניט נאָר אַזעלכע גייסטיקע און מאָראַלישע גראָב־הויטיקע יונגען, ווי ער, נאָר אויך מער קולטורעלע און מאָראַליש־זויבערע מענטשן דינט אָפּט רעליגיע, ווי אַ מקום־מקלט אין די שווערסטע שעהן פון לעבן. אין אונדזערע באַדינגונגען הייבט מען אָן פאַרשטיין דעם יסוד פון די געשיכטעס וועגן אַטעאיסטן, וועלכע רופן פאַרן טויט אַ רב צי אַ גלח. אין אונדזער מצב פון פערמאַנענטן ערב־טויט איז פאַראַן אַ קאָלאָסאַלער דראַנג צו השתפכות הנפש, צו אַ העכערער, איבערמענטשלעכער קראַפט — הייבט מען אויף די אויגן צום הימל. דער גרעסטער מאַרקסיסט וועט אין אַזאַ צושטאַנד קיין מאָל ניט געפינען זיין טרייסט אין אַ פּסוק פון מאַרקסן, אָבער דאָס דערהויבענע וואָרט פון אַ נביא איז שוין ניט איין מאָל געלעגן אויף די ליפּן פון אַ ניט־גלויביקן און אויף אַ ווילע כאָטש געטרייסט זיין שווער געמיט. צו שטוינען, ווי מענטשן, אויפגעקלערטע און פרייע, באַנוצן אין שעהן פון געפאַר אַזוי אָפט דאָס וואָרט „גאָט" — אַ וואָרט, וואָס איז פאַר זיי פּסול און מוקצה אין נאָרמאַלע צייטן.

אין מיניאַטור שפּיגלט זיך דאָס אָפּ אויך אין אונדזער קליינעם וואַלד־קיבוץ. אין די שעהן פון סכנה, ווען יאוש הייבט אָן צו באַפאַלן, זוכט מען ניט קיין טרייסט אין עקאָנאָמישע טראַקטאַטן, אַפילו ניט אין דער פּאָעזיע פון די גרויסע דיכטערס, נאָר גראָד אין קליינעם תנכל.

איז דער מענטש נאָך אַזוי קליין, אַז ער מוז נאָך אַלץ האָבן אַ גאָט אין דער הייך — אָדער איז דער גאָט טאַקע אַזוי גרויס, אַז דער מענטש וויל זיין נאָענט צו אים?

***

מע קען טאַקע אַרויסשטאַמלען אַ פּאָר ווערטער וועגן גאָט — און בלייבן דער זעלביקער מיאוסער פאַרשוין, ווען אין אַ מינוט אַרום קומט עס

צו ערדישע ענינים. מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט אונדזער געוועזענער יידישער פּריץ באַקומען אַ פּאָר זעקלעך מעל צוגעשיקט פון אַנטאַנאַסעס פרוי. אין די שווערע טעג פון אונדזער אַרומוואַנדערן האָט טאַדעאוש פון דעם געבאַקן ברויט אויך פאַר אונדז. היינט פרעגט מיך דער „פּריץ": „ווי וועלן מיר מאַכן אונדזער חשבון פון ברויט?"

דער אַלטער ליטווינער, וואָס האָט פריער זיך געטיילט מיט אונדז מיט זיין בידנער נאָרמע ברויט, וואָס ער פלעגט באַקומען אין סאָציאַלן אָפּטייל פון ווילקיער שטאָט־פאַרוואַלטונג — האָט אונדז איצט קיין ברויט־קאַנטע ניט צוגעשטעלט; אָבער אַ ייד, וואָס איז נאָך איצט אַ גביר, פאָדערט ביי אַ יידישער משפחה, וואָס לעבט מיט ניסים, אַ „חשבון פון ברויט"!

28סטער אַפּריל.

נאָך אַ וואָך וואַלד־לעבן איז אַריבער אָן איבעראַשונגען. דאָס וועטער איז ניט גלענצנדיק. זון און וואָלקנס — אַ שטענדיק וועט־געלאָף. ביינאַכט — פּאַק זיך און הייב זיך און לויף אונטער הויכע ביימער. נאָר — מע זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד.

לעצטנס, מיט די וואַרעמע וועטערן, האָבן מיר צוגעקראָגן נייע שכנים — פייגל מכל המינים. יעדן פרימאָרגן, נאָך פּאָר זון־אויפגאַנג, הייבט זיך דאָ אָן אַ צוויטשעריי און אַ פייפעריי און אַ הוזשעריי — הימל עפן זיך! פייגל זיינען דאָ פאַראַן פון די פאַרשיידנסטע סאָרטן, וואָס מיר האָבן זיי אין שטאָט קיין מאָל אין די אויגן ניט אָנגעזען, און אַז יעדערער פון זיי הייבט אָן רעדן אויף זיין לשון — איז כאָטש נעם און פאַרשטאָפּ די אויערן. ווען איינע פון אונדזערע פרויען הערט דאָס, וואָלט זי מיך פשוט פאַר־שטיינט, וואָרעם לויט אירע רייד זיינען דאָס הערלעכע סימפאָניעס, וואָס פאַרשלעפּערן מיט זייער מתיקותדיקער מוזיקאַלישקייט. מיר איז די קאָמ־פּאָזיציע פון די אַלע פייגל־ניגונים ניט אַזוי פאַרשטענדלעך, אָבער יעדער ניגון באַזונדער איז דאָך שיין און אויף יעדן פאַל אינגאַנצן ניי פאַרן שטאָ־טישן אויער.

דאָ זינגט עפּעס אַ פויגל אויף זיין שטייגער אַ געבעט צו עמעצן; איינער פייפט, פונקט ווי מיט אַ פייפל, און דערשרעקט אונדז ניט איין מאָל מיט אַזאַ טריק; דאָ הערט זיך קלינגען פון גלעקלעך — אַ פויגל איז דער קאָמפּאָזיטאָר; דאָ פייקלט עס, ווי מיט אַ פייקל — אַ פויגל מאַכט עס קונצן; דאָ הערט זיך אַן אמתער ציגענער מע־מע־מע — אָבער ער קומט גאָר פון אַ פויגלשן האַלדז. דאָ טראַלעלייקעט אַ קאַנאַריקל — און דערביי

וואָרקעט אַ וואַלד־טויב אַ יאָמערדיקן ניגון. עס צוויטשערט און עס פּייפּט, און עס פּייקלט, און עס גלעקלט, און עס רעשט אַרום — אַ גאַנצער אָרקעס־טער! ניט אַלע נעמען עס גלייך אויף — אָבער דערהערן מוזן עס אַלע.

איז טאָקע ניט קיין וואונדער, וואָס היינט האָט איינע פון אונדזער קאָמ־פּאַניע אונדז מגלה געווען דעם סוד, אַז שוין מערערע טעג, ווי זי הערט זיך צו צו די „שמועסן" פון די פייגל און פאַרשטייט שוין זייער לשון. זי ווייס, אַז דריי מאָל אַזאַ און אַזאַ קוויטש איז אַן איינלאַדונג, זעקס מאָל קוויטש פון צווייטן — אַ פּאָזיטיווער ענטפער וכדומה. משמעות, אַז די מעשה וועגן שלמה המלכס פאַרשטיין דאָס לשון פון חיות און עופות איז גאָר ניט קיין לעגענדע, און אויב ער האָט געהאַט צו טאָן מיט אַזוי פיל פייגל, ווי מיר דאָ אין וואַלד, האָט ער געקענט אַרויסווייזן ניט קיין קלענערע פעאיקייטן אויף דעם געביט, ווי אונדזער יידענע דאָ...

מילא, נאָר עס זאָלן כאָטש קיין מעגלעכקייטן ניט זיין דאָ זיך אויס־צולערנען אויך דאָס לשון פון די חיות — ווייל, ערשטנס, איז דאָס אַ סך געפערלעכער און, צווייטנס, וועט עס דאַרפן נעמען צופיל צייט...

29סטער אַפּריל.

אַן אורח: דער יעניקער, וועלכער האָט אונדז פאַרלאָזן מיט עטלעכע חדשים צוריק און מיר האָבן פון אים כמעט ניט געהערט. ער דערציילט אונדז, אַז דאָס ליגן באַהאַלטן איינער אַליין ווירקט שרעקלעך. ניט האָבנדיק מיט וועמען אויסצוריידן אַ וואָרט, איז מען תמיד פאַרנומען מיט די אייגענע גע־דאַנקען און מען קען אַרונטער פון זינען. אים הערט ניט אויף צו פּייניקן טאָג און נאַכט דער געדאַנק, אַז מע יאָגט זיך נאָר נאָך זיין ביסל געלט און אַז דערנאָך וועט מען זען פּטור צו ווערן פון אים...

סוף פּויער לרציחה — ער קען ביישטיין אַ נסיון אַ וואָך, צוויי, אַ מאָ־נאַט, אָבער אין לעצטן סך־הכל, זאָגט ער, וועט עשיו באַווייזן זיינע הענט. „הידים ידי עשיו"...

זיינע ווערטער, וועלכע פאַלן, ווי בליי, לאָזן איבער אַ טרויעריקע שטימונג נאָך לאַנג נאָך זיין פאַרלאָזן אונדז.

1טער מאַי.

פּונקט צום ערשטן טאָג פון פרילינגס־חודש טראָגט אונדז צו די נאַ־טור אַן איבעראַשנדיקע מתנה: שניי! ער פאַלט געדיכט, ווי אין מיטן ווינטער. דאָס אויסזען פון וואַלד בייט זיך אין איין אויגנבליק — אַלע ביימער האָבן פלוצלונג אָנגעהויבן בליען. ווייס און גרין — אַ מחיה צו קוקן.

ווינטער און זומער האָבן זיך באַגעגנט און צעקושט — אַ קונץ־שטיק פון דעם געניטסטן רעזשיסאָר פון דער וועלט. שטייט מען און מע קוקט אויף דעם אומגעוויינלעכן, פאַרבלענדנדיקן נאַטור־בילד. דאָס האַלט אָבער לאַנג ניט אָן. פון איין זייט הימל שניידט זיך שוין דורך בלויקייט. די שנייע־לעך צעשמעלצן זיך. אָבער אַך — וואָס איז דאָס? — דיביימער ברענען! יאָ, אָט הענגען אַזעלכע פונקען, ווי עלעקטרישע לעמפּלעך, אויף די ביימער און שפּריצן מיט פייער. אַנדערע פונקען־לעמפּלעך זיינען קרישטאָל־ווייס, אַנדערע בלוי, אַנדערע גרין און אַנדערע גיבן זיך אָפּ אין רויט און אין אַלע איבעריקע פאַרבן פון רעגנבויגן — נאָר אַלע צוזאַמען שאַפן אַ בילד פון ברענענדיקע ביימער. אַזאַ פּרעכטיק בילד, וואָס שאַפט זיך פון די זון־אָפּשטראַלן אין די הענגענדיקע וואַסער־טראָפּנס אויף די ביימער און זייער פאַרב איז אָפּהענגיק פון דער ריכטונג פון די שטראַלן און פון דער זייט, פון וועלכער מע קוקט אויף זיי. אַ וואונדערלעך בילד! קענסט קוקן און קוקן אָן אַ ברעג. פינקלען זיי אַזוי, די הענגענדיקע טראָפּנס, און פינקלען — און לעשן זיך אויס.

ניע מעטעאָרן.

3טער מאַי.

דער הימל וואָלקנט זיך. די זון — דאָ באַווייזט זי זיך, דאָ ווערט זי נעלם. און דאָ האָבן מיר נאָך אַ נייע צרה: אַ קראַנקע. דער ערשטער קראַנקייט־פאַל אין וואַלד. דער חולה, אַ פּרוי פון וואַסערע פינף און פופציק, ברענט ווי פייער: קנאַפּע פערציק גראַד היץ. וואָס טוט מען? מיט אַ מאָל קומט נאָך אַ שטאַרקער גוס־רעגן. אויך די הויכע ביימער שיצן ניט פון אַזאַ רעגן. און די קראַנקע ליגט צוזאַמענגעדרייט אונטער די קאָלדרעס, באַדעקט מיט סכך און אַרומגעשטעלט מיט ביימלעך. דאָס פּנים איז אַרומגעהילט מיט אַ רעגנמאַנטל. קיין באַוועגונג, קיין ריר. אַ מת. עס פעלט נאָר דער שוואַר־צער איבערדעק. עסן ניט, רפואות ניט — וואָס טוט מען?

„מה טובו אהליך, יעקב" (ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן, יעקב). עס שטייען מיר פאַר די אויגן די גרויסע אותיות פון דער דאָזיקער שחרית־ברכה אין מיין קינדערשן סידור. ווי איראָניש־טראַגיש די דאָזיקע ווערטער קלינ־גען מיר דאָ, אונטערן פרייען הימל, מיט אַ קראַנקער פרוי אונטערן רעגן!

און — „אשרינו, מה טוב חלקנו", וואויל איז אונדז... האָט עמעצער

אונדז געיאָגט און געפּלאָגט — האָבן מיר זיך געקלאַפּט „אָשמנו״; האָבן שונאים געגאָסן פון אַ זוניק לעבן און מיר האָבן געפינצטערט אין געטאָס — האָבן מיר געזונגען „אשרינו״ — אַן איינציקאַרטיק פאָלק!

ווען וועט שוין קומען דער „אל נקמות ד׳״ און געבן זיינע פאַר־וואָגלט־פאַרזינדיקטע קינדער אַ היים און אַ דאַך?

4טער מאַי.

די היץ פון דער קראַנקער איז שוין איבער פערציק גראַד. ס׳איז קיין אַנדער וועג ניט געבליבן, ווי אַוועקצופירן זי צו דער כאַטע, ניט פרעגנדיק ביי די באַלעבאַטים. און אַזוי האָבן מיר טאַקע היינט אין דער פרי געטאָן.

דער אַלטער געפינט לעצטנס אַלץ אַזעלכע מעשיות פאַר אונדז, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן אַרויסגעבן יידן. אַזוי דערציילט ער אונדז היינט, אַז מיט מערערע חדשים צוריק האָט אַ פויער צוגענומען צו זיך צוויי קליינע יידישע קינדער. ער האָט זיי געהאַט באַגליקט מיט אַ נייער אמונה. ער האָט זיך אָבער דערשראָקן — און מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער זיי אונ־טערגעוואָרפן ביי אַ טיר פון אַ קלויסטער. די קינדער האָט מען געבראַכט אין אַ ליטווישער קינדערהיים און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען יידישע. ליטווישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָבן זיי די קינדער אַרויסגעפירט אין וואַלד און דערשאָסן.

אַ צווייטע געשיכטע דערציילט ער וועגן אַ יידיש מיידל, וואָס באַהאַלט זיך שוין אויס דריי יאָר ביי אַ יונגן ליטווישן שייגעץ. דאָס מיידל האָט גע־צאָלט דערפאַר — מיט איר קערפּער. צי די ליבע פון דער פרוי איז געווען דאָס געצאָלט פאַרן איינגעשטעלטן לעבן פון שייגעץ אָדער דאָס געצאָלט איז געווען זיין ליבע שוין פון פריערדיקע צייטן — ווייס איך ניט. דאָרטן האָט זיך אָבער געפונען אַ צווייטער שייגעץ, אַ ברודער, האָט זיך אים אויך פאַרוואָלט געניסן פון דעם יידישן מיידלס ליבע. ער האָט געטענהט, אַז אויך ער שטעלט איין זיין לעבן און דעריבער האָט ער אויך רעכט צו באַ־קומען אַ „חלק״. זיינע דראָאונגען, אַז ער וועט מסרן, האָט דער פאַרליבטער ברודער ניט גענומען ערנסט. ביז איין טאָג זיינען געקומען ליטווישע פּאָ־ליציסטן, וועלכע האָבן דאָס מיידל דערשאָסן און דעם ברודער געהאָנגען.

מע מסרט, מע גיט אַרויס — קומט איצט אונדזער ריי?

10טער מאי.

שוין דער צענטער טאָג, ווי עס גייט ניט אַוועק אָן אַ רעגן. עס גיסט. עס פּלוכעט. אַ מאָל קלענער, אַ מאָל גרעסער — נאָר נאַסקייט הערט ניט אויף. די לעצטע פיר טעג איז דער הימל איין שטיק שוואַרצע כמאַרע. שוין ניין טעג ניט געשלאָפן ליגנדיק. די ביינער ברעכן. דער קאָפּ טוט אַלעמען ווי. קיינער האָט שוין ניט איבערצובייטן קיין טרוקענע קליידער.

איינגעבויגענע שטייט מען אָנגעשפּאַרט אָן די ביימער־שטאַמען. וואָס זאָל מען טאָן אין אַזעלכע שעהן? פאַנטאַזירט איינער אויפן קול:

— ווען איצטער זאָל זיך דאָ אַראָפּלאָזן אַן ענגלישער עראָפּלאַן, כדי אונדז צו ראַטעווען, וואָלסטו ריזיקירט?

מיר פילן ניט די טראַגיק פון אַזאַ פראַגע. מיר דיסקוטירן, אַזוי ווי מיר וואָלטן טאַקע געדאַרפט דעצידירן, צי ער זאָל זיך יאָ אָדער ניט אַריינזעצן אין דער פלי־מאַשין.

איז גוט אַזוי. ווען מע פליט צום הימל, פאַרגעסט מען די ערד. פאַנטאַזיע שלינגט איין אויף אַ ווײַלע די ווירקלעכקייט, בלייבט ווייניקער אָרט פאַר גרויל און פּיין.

„זאָל זיין, אַז איך בוי אין דער לופטן מיינע שלעסער,
זאָל זיין, אַז מיין גאָט איז אין גאַנצן נישטאָ.
אין טרוים איז מיר העלער, אין טרוים איז מיר בעסער,
אין טרוים איז מיין הימל נאָך בלאָער, ווי בלאָ."

אַמאָל איז עס געווען פאַר אונדז נאָר אַ סענטימענטאַל לידל, איצט איז עס דער טיפער ניגון פון אונדזער נשמה.

מאָדנע: די זעלביקע פראַגע, וואָס מיר וואָלטן געטאָן, ווען עס באַוויזט זיך פּלוצלונג פאַר אונדז אַ פרײַנדלעכער עראָפּלאַן — איז איין מאָל געשטעלט געוואָרן אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די צ"ס (ציוניסטן־סאָציאַליסטן) אין געטאָ. ביים טיש זיינען געזעסן מענטשן, וואָס פאַרן אומגליק זיינען זיי געווען פירנדיקע פערזענלעכקייטן אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן פון דער יידישער ליטע. אָבער קיינער האָט ניט אַ וואָרף געטאָן קיין פאַרדעכטיקן בליק אויפן פראַגע־שטעלער, צי איז ער ניט פּלוצלונג אַראָפּ פון זינען. ניין. מע האָט איבערגעריסן דעם פריערדיקן וויכוח און זיך גענומען „באַהאַנדלען" די נייע פראַגע.

מע וויל אַנטלויפן פונעם שרעקלעכן אַרום. קען מען דאָס ניט מאַכן דורך די דראָטן, מאַכט מען עס דורך פאַנטאַזיע.

אַ גרויסער אוצר איז אין געטאָ געווען — פאַנטאַזיע. דאָס זעלביקע איצט אין וואַלד. ווער ס׳איז ניט געבענטשט געוואָרן מיט דער מתנה צו קענען זיך אויפהייבן אויף די פליגל פון דער פאַנטאַזיע, דער איז פאַרשאָלטן געוואָרן צו דאַרפן אויפעסן זיך אַליין. ווי לאַנג קען דען אַ מענטש לעבן נאָר מיטן טויט?

געקענט איינעם אין געטאָ וואָס האָט זייער קלאָר און שאַרף געזען די לאַגע. ווען עמעצער האָט אויסגעטייטשט אַ געשעעניש אַזוי, אַז דאָס האָט ניט געשטימט מיט זיין שאַרף־לאָגישער קאָנצעפּציע וועגן אונטערגאַנג פון געטאָ, איז יענער ביי אים געווען אַ „נאַרישער פאַנטאַזיאָר״. ער איז געווען צו געלערנט און צו קלוג זיך צו פאַרנעמען מיט נאַרישע חלומות. האָט ער אַזוי לאַנג קלאָר געזען די געטאָ ביז ער איז אַראָפּ פון זינען, און האָט אַזוי לאַנג שאַרף געטראַכט, ביז ער איז פאַרשרפעט געוואָרן אין זיין אייגענעם פייער.

פליגלען פון פאַנטאַזיע זיינען אין געטאָ און אין וואַלד פליגלען פון לעבן.

11טער מאַי.

קיין גרעסערע שמחה האָט אונדז דער היינטיקער פרימאָרגן ניט גע־קענט אָנזאָגן: עס באַווייזן זיך ווייסע און בלויע פּאַסן אויפן הימל. אין מזרח רויטלט זיך דער ראַנד און די זון שפּאַצירט אַרויס. מע לויפט אַרויס פון אונ־טער די הויכעביימער, צו וועמעס שטאַמען מיר זיינען געווען צוגעטוליעט צען טעג און צען נעכט, און מיר לאָזן זיך מקבל־פּנים זיין די ליכטיקע בת־מלכה. תחילת נעמט זי אונדז אויף גאַנץ קאַלט, נאָר וואָס אַ שעה וויטער, וואַרעמען שטאַרקער אירע שטראַלן. עס ווערט גאָר אַן אַנדער שטימונג. מע טראָגט אַרויס אַלע קליידער, בעטגעוואַנט און מע צעשפּרייט עס אויפן אַמאַליקן, קליינשטעטלדיקן, ערב פּסחדיקן שטייגער. טאָמער וועט ווידער אָנ־הייבן רעגענען, זאָל כאָטש זיין אַ טרוקענער בגד איבערצובייטן.

13טער מאַי.

עטלעכע טעג וואַרעמע זון. ווי אויסגעבענקטע פאַרליבטע קענען מיר זיך ניט גענוג אָנפרייען מיט איר.

די שטימונג ווערט צעשטערט מיטן אָנקום פון דער צעשראָקענער באַר־באַראַ:

— האָט איך קיינער ניט געכאַפּט?

די זעלביקע פראַגע שטעלט אונדז דער אַלטער אַ ווילע שפּעטער. קיינער ווייסט דאָך ניט וועגן אונדזער אָרט — טאָ וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? האָבן זיי געמאַכט יד־אחת מיט דער פרוי פון אַנטאַנאַס און באַשלאָסן דורכצופירן אירע פּלענער לגבי אונדז?

דערווייל רייסט די אַלטע פון טויט און פון לעבעדיק. ס׳האָט איר לעצטנס אַלץ אָנגעהויבן געפעלן צו ווערן: דאָס קאָלירטע קאָפּ־טיכל, דאָס זיידענע קליידל, דאָס אויסגעניייטע האַנטעכל. גאָר ניט די זעלביקע אַלטע „מאַמיטע״ (מאַמעלע), ווי מיר פלעגן זי רופן.

ווי שווער ס׳איז צו לעבן מיט יענעמס חסד. „ונאָ אַל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם״ — אַפּשיטא שוין, ווען עס האַנדלט זיך ניט וועגן אַ שטיקל ברויט, נאָר וועגן לעבן.

14טער מאַי.

די ברויט־פראַגע איז נאָך אַלץ די ברענענדיקסטע. פּאַקטיש זיינען מיר דריי טעג אין וואָך אָן ברויט און אין די איבעריקע טעג איז עס אויך צוגעציילט אויפן לויט. מוז מען ווידער זיך לאָזן אויפן וועג פון גרעסטער ריזיקע: אַליין אַרויסגיין אין דער אומגעגנט מאַכן אַ פּעקל — אַ מיסיע, צו וועלכער עס נעמען זיך צוויי פון אונדז.

ס׳נעמט ניט קיין צייט נאָך זייער אַוועקגיין פון אונדז אין וואַלדיקן בין־השמשות, ווי מיר דערהערן טריט. מענטשלעכע? — ניין, דאַכט זיך. אַ גאַס און אַ הירזשען ענטפערן אונדז אויף דער פראַגע: אַ פערד איז געקומען אונדז מכבד זיין מיט אַ באַזוך. ס׳איז גראָז אין וואַלד און די פויערים שיקן אַרויס זייערע בהמות אויף פּאַשע. איז עס דאָ אַליין אָדער מיט אַ פּאַסטעך? מיר קוקן דורך אַלע לעכער: ס׳זעט זיך ניט. מע ציט זיך אויס אויף דער ערד — אונדזער איינציקער שוץ־מיטל — און מע וואַרט. דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי מיט האַמערס. דאָס פערד הערט ניט אויף צו הירזשען, אָבער קיין בן־אדם זעט זיך אַלץ ניט.

וואָס טוט מען? פּרואוון עס אַוועקטרייבן? טאָמער טרייבט מען עס גראָד אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. באַשליסן מיר צו טאָן כאָטש איינס: צו פאַרשיטן מיט וואָס מער בלעטער די אַלע שטעגלעך און וועגלעך, וועלכע מיר האָבן אויסגעטראָטן און וועלכע פירן אַלע צו אונדזער „בודע״.

מיט אַ שווער געמיט לייגט מען זיך שלאָפן און מע ווינטשט זיך, אַז ס׳זאָל שוין זיין מאָרגן אין דער צייט — אָן אַ פערד בשכנות...

15טער מאַי.

די זון ווערט וואַרעמער מיט יעדן טאָג. היינט איז שוין הייסלעך. בייטאָג פּאַרעט עס. מע וואַרפט אַראָפּ פון זיך אַ שיין ביסל טראַנטעס: דעם טאָפּלטן מאַנטל, די טאָפּלטע הויזן, די טאָפּלטע אונטערוועש און די טאָפּלטע זאָקן. אין די פּאָר טעג האָט זיך דער וואַלד צעשפּראָצט און געוואָרן איין גרויסע בליאונג. שפּראָצונגען און בלעטעלעך און בלימעלעך, כל־המינימדיקע. די פאַרבן שווינדלען אין די אויגן. שטאַרק־זאַפטיקע און דופטיקע ריחות. פאַריתומטעביימער זיינען שטאַלצער געוואָרן מיט זייערע נייע פייגל־געסט. פרילינגדיק־פריידיק שאַקלען זיך איצט זייערע צעגרינטע קערפּערס.

פּאַר אונדז האָבן די צעגרינטקייט און צעבלעטערטקייט פון די ביימער נאָך אַ ספּעציעלע מעלה: זיי מאַכן געדיכטער דעם וואַלד און פאַרשטעלן מער אונדזער מקום־מקלט.

די וואַרעמע וועטערן לייזן אַ טייל פון אונדזערע פּראָבלעמען, אויף זייער אַרט ווערן אָבער געבוירן נייע.

קודם לאָזט זיך מערקן די מכה — מוקן. דאַכט זיך, אַזעלכע קליינע ברואים מיט אויסגעדאַרטע פיסלעך — און דאָך בייסן זיי אַזוי בייז, אַז ס׳איז אַ שרעק. אַלע זיינען שוין צעביסן פון זיי. זיי שטעקן אַדורך זייערע נאָדלען אויך דורך די זאָקן. די ווייסע פינטעלעך מיט די רויטע קרייזלעך, וואָס שאַפן זיך נאָך זייערס אַ ביס, בייסן שטאַרק. אָבער וואָס מער מע קראַצט, אַלץ גרעסער איז דער פאַרלאַנג זיך צו קראַצן. היינט פאַלן זיי אָן מיט אַזאַ געברום, וואָס דענערווירט שטאַרק. דאָס איז, משמעות, אַ מיטל איינ־צושרעקן און צו צעטומלען דעם קרבן. דערצו נאָך שלאָפן זיי, ווייזט אויס, ניט לאַנג, וואָרעם אַפילו ביינאַכט איז ניטאָ פון זיין קיין מנוחה. אַ ביסל רו פון די דאָזיקע שטעכיקע ברואים קומט נאָר אין די געציילטע קילע פרימאָרגן־שעהן.

דאָס איז נאָר דער אָנהייב — טרייסטן אונדז די אַלטע. שפּעטער קו־מען זיי אָן אין גאַנצע מחנות. נאָר מע דאַרף האָפן, אַז ווי זיי זאָלן אונדז ניט צעשטעכן, — לעבעדיקע וועט מען פון זיי דאָך אַרויס.

די פרי־אָנגעקומענע היצן ברענגען נאָך אַ נייע זאָרג: דאָס קליינע טייכל איז כמעט אין גאַנצן אויסגעטריקנט. דאָס ביסל פאַרבליבענע וואַ־סער קען מען בשום אופן ניט ניצן צום טרינקען — געל, שמוציק, פול מיט ווערעם. קיין אָפּזייען וועט ניט העלפן. איז מען אין גאַנצן אָנגעוויזן איצט אויפן אַלטן אויך מיטן וואַסער. אַ ביטערע מעשה! שפּאָרט מען שוין אויך דאָס ביסל וואַסער, ווי דאָס שטיקל ברויט.

טאַדעאוש איז שוין דריי טעג ניט געווען. שרעק, ספיקות און איבער־קלערן. מע טרייסט זיך, אַז באַלד וועלן קומען אונדזערע צוויי „משולחים", וועלכע האָבן זיך געלאָזן אויפֿן סכנהדיקן וועג צו מאַכן אַ „פּעקל" אין דאָרף, אָבער ס'איז שוין דער דריטער טאָג און מע הערט פֿון זיי ניט. מיט יעדער אָוועקגעגאַנגענער שעה ווערט אומרואיקער דאָס האַרץ.

אין אַזעלכע אויפֿטרייסלענדיקע מינוטן ווילט זיך אַזוי שטאַרק זוכן אַ שטיקל נחמה אינעם בוך פֿון די ביכער. וואָס פֿאַר אַ צווייטער ספֿר איז אַזוי פּאַסיק דערצו, באַזונדערס פֿאַר איינעם, וואָס האָט קינדווייז איינגע־זאַפּט אין זיין נשמה ניט נאָר זיינע ווערטער און רעיונות, נאָר אויך זיינע ניגונים און קלאַנגען? אָבער וואו נעמט מען עס, דעם דאָזיקן ספֿר? עס דערמאָנען זיך פֿאַרשיידענע אָפּגעהאַקטע פּסוקים פֿון דאָ און דאָרטן — און דאָס גאָר. איך קען זיך ניט מוחל זיין, וואָס אויף אַזאַ וועג האָב איך פֿאַרגעסן מיטצונעמען דעם תנך. באַנוגן איך זיך מיטן איינציקן יידישן ספֿרל דאָ — אַ קליין מחזורל צו ראש־השנה. ווער ווייסט, וויפֿל יאָרן איך האָב שוין ניט אַריינגעקוקט אין אים, ווער ווייסט, ווי לאַנג שוין ניט אין שול אַריינ־געשמעקט — און דאָך, ווי נאָענט, ווי האַרציק, ווי טרייסטנדיק עס קלינגט יעדעס וואָרט אין אים. און נאָך אַלעמען, וואָס איז איצט מער צוגעפּאַסט פֿאַר אונדז, ווי אַ „זכרנו לחיים", „זכור רחמיך", „אָבינו מלכנו" און ענלעכע תפֿילות? פּונקט ווי זיי וואָלטן געשריבן געוואָרן אין אונדזערע ביטערע צייטן און ספּעציעל פֿאַר אונדז.

היינט וויפֿל זכרונות פֿון קינדהייט עס וועקן זיך אויף מיט יעדן וואָרט, מיט יעדן ניגון פֿון וואָרט, וואָס מע קען ניט פֿאַרגעסן שוין ביזן קבֿר. חבֿרים, פֿריינד, טאַטע־מאַמע, ס'אַמאָליקע אייגענע שטעטל מיט אַלע זיינע פֿאַרשיידענע טיפּן און מנהגים — רבנים, דיינים, חזנים, שוחטים, מלמדים, גבאים, לערערס, פּורמאַנעס, קצבֿים, „גאַסנמענטשן"; שבת־פֿאַרנאַכטן און פֿרייטיק־צו־נאַכטסן, ימים־טובֿים און וואָכעדיקע טעג, צעזונגענע חתונות און צעיאָמערטע לוויות.

דער לעבנס־אינסטינקט, אויף זיינע ניט־דערפֿאַרשטע פֿאַרוואָקסענע וועגן, טרייבט אונדז צום ים פֿון אַמאָליקע זכרונות, און מיר פֿרעגן זיך צום וויפֿלטן מאָל מיט כעס און פֿאַרביטערונג:

„עד מתי" — ווי לאַנג?..

16טער מאַי.

מיטן פרימאָרגן לאָזן זיך אַראָפּ אונדזערע צוויי שליחים. פאַרמאַ־טערטע, פאַרברודיקטע, פאַרבראָדזשעטע — „דער אייביקער וואַנדערער" אויף דער וואַר. זיי האָבן ניט איין מאָל פאַרבלאָנדזשעט אין די ווילדענישן פון וואַלד און קוסטעס.

מיט זייער קומען איז די שטימונג גלייך געוואָרן אַן אַנדערע: אַ פּאָר לעבלעך ברויט, אַ שטיקל פּוטער, אַ שטיקל פלייש, דערצו נאָך אַ גאַנץ פּעקל מיט צייטונגען — וואָס האָבן מיר זיך געקענט ווינטשן מער?

אויך דער אַלטער קומט היינט. מיר זיינען אים מכבד מיט פּעטס, און ער איז שוין גאָר אַן אַנדערער. עפּעס דערציילט ער שוין היינט ניט וועגן קיין שפּיאָנען, וועגן געכאַפּטע יידן אד"גל. אַ געבער איז פאָרט בעסער צו זיין ווי אַ נעמער...

24סטער מאַי.

וויפל עסנוואַרג קען מען זיך צוגרייטן אויף אַזאַ „אויספלי"? מוז מען שוין אויפן אַכטן טאָג ווידער נעמען דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס און זיך לאָזן אויפן ריזיקאַלישן וועג.

ווען פון פינף ווערט אין אַזעלכע באַדינגונגען מיט צוויי ווייניקער, ווערט נאָך אומעטיקער אויפן האַרצן. זוכט מען מיטלען, ווי צו פאַרגעסן זיך און אַז מע זוכט — געפינט מען. אויף די צווייגן פון אונדזער „פעסטונג" לייגן מיר אויס ברעקלעך פאַר די פייגעלעך. די פּחדנים זיינען נאַראָנים, דערפאַר האָבן די דרייסטערע צווישן זיי זיך גיך צוגעוואוינט און זיך ניט אָפּגענאַרט. זיי האָבן זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט, אַז זיי נעמען שוין עסן פון האַנט. אַזוינע שייניקע ברואימלעך: קליינינקע, מיט שוואַרצינקע קעפּלעך, מיט אַ ווייסן האַלדז־אויסשניט, מיט בלאָאינקע פליגעלעך און רויטינקע פינטעלעך. אויסער די ברעקלעך זיינען שטאַרק נושא חן ביי זיי אויך די פּעלץ, וואָס אַנדערע נוצן דאָ אויף צוצודעקן זיך ביינאַכט. שפּאַרן זיי זיך אַיין מיטביידע פיסלעך און צופּן עס מיט אַ געוואַלדיקער פאַרביסנקייט.

אַ ווייך בעט, פייגעלעך!

און אונדזער בעט? ניט באַוויזן אַ פּאָר שעה צו פאַרמאַכן די אויגן.

ווי דער הימל האָט זיך צעבייזערט און אַ גאָס געטאָן מיט אַ רעגן. אים באַגלייט אַ גרויסער שטורעם. די הויכע, שלאַנקעביימער בייגן זיך ביז די קני, דאַכט זיך, אָט־אָט ברעכן זיי זיך איין. אַ גליק, וואָס זיי זיינען געוואַקסן געדיכט איינער צום צווייטן, העלפט מען זיך אַרויס פון אומגליק. וואָס דער שטורעם ווערט גרעסער, פילסטו זיך קלענער, נישטיקער און נעבעכ־דיקער. דער ווינט פייפט דורך די ביימער, פונקט ווי טויזנטער רעדער וואָלטן געראָלט אויף אַ ברוק. און דו שטייסט צוגעשפּאַרט צום בוים און שווי־דערסט.

„אדם יסודו מעפר וסופו לעפר" — אין אַזעלכע מאָמענטן פילסטו דאָס אַזוי שאַרף און ווייטיקדיק. ניט קיין וואונדער, וואָס ניט נאָר געצנדינערישע פעלקער האָבן שטורעם פאַרגעטערט, נאָר וואָס אויך ביים הויך־אַנטוויקלטן מאָנאָטעאיסטישן יידישן פאָלק איז לכל־הפחות די אַנטפּלעקונג פון דער געטלעכקייט אָפט פאַרבונדן מיט „קולות וברקים" און שטורעמס. אַפילו דאָרטן, וואו די העכסטע מדרגה איז דער שטילער קול, דער „קול דממה דקה", גייט אויך פאַרויס דער שטורעם. אין צייטן פון אימהדיקע נאַטור־דערשיינונגען — און אַמאָל זיינען זיי געווען פיל שרעקלעכער, ווי הייַנט, ווייל ווייניקער פאַרשטענדלעך — איז, משמעות, דאָ מער אָרט פאַר התפשטות הגשמיות. פאַר טיפער אַליין־דערקענטעניש, און פּאַראַלעל דערצו — פאַר מער דערנענטערן זיך צום איבערנאַטירלעכן און סודותדיק־מעכטיקן — פאַרן נביא, און פאַר הכנעהדיקן אַליין־ביטול — פאַרן פשוטן בן־אדם.

שאָקלען זיך די ביימער און מיר שאָקלען זיך מיט; בייגן זיך די ביימער און מיר בייגן זיך מיט — פאַר דער איבערערדישער קראַפט, וואָס שאַפט און צעשטערט, בויט און צעחרובט, באַלעבט און טויט־אַפּ און איז יעדן טאָג מחדש מעשי בראשית — און וואָס מיר קענען זי ניט און ווייסן זי ניט און וואָס נאָך טויזנטער יאָרן וועט זי מסתמא נאָך בלייבן דער גרויסער אומהיימלעכער סוד פון דעם זיך ראַנגלענדיקן מענטשן.

<u>פעטער יונג.</u>

וואָס שנעלער עס ווערן די וועטערן און העלער די הימלען, אַלץ פינצ־טערער ווערט אונדזער לאַגע דאָ. די איסגעוואָקסענע גראָזן ציען צו זייערע געסט — בהמות. גאַנצע סטאַדעס קומען זיי איצט אין וואַלד אַריין. דערצו פירט מען זיי אָפט טרינקען צום טייכל, וואָס ליגט, משמעות, ניט ווייט פון אונדז. יעדער טאָג ווערט אַלץ ערגער. די שרעק — אַלץ גרעסער. היינט שוין געהאַלטן ערב אַ קאַטאַסטראָפע. אַ גאַנצע סטאַדע האָט זיך פאַרקערעוועט

האַרט לעבן אונדז. מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם האָבן מיר זיך געוואָרפן אויף דר'ערד, ווי קינדער: „איך זע דיך ניט — זעסטו מיך ניט"... אַנדערע דעקן זיך אַרום די פּנימער מיט מאַנטלען, פּונקט ווי מיין רבי, וואָס פלעגט זיך פאַרדעקן מיט אַ פּערענע בעת אַ געוויטער. אין אַזאַ פּאָזע הערן מיר פלוצלונג אַ שטאַרקן לעבעדיקן אָטעם פון דער נאָענט: אַ שוואַרצע קו שטעלט זיך פּאָר פאַר אונדז אין איר פולער פּראַכט! היות קיין מענטש הערט זיך ניט, ריזיקירט מען און מע פאַרטרייבט זי. פאַרנאַכט, גייענדיק צוריק פון טייכל, איז אונדז די גאַנצע סטאַדע מכבד מיט אַ באַזוך. דאָס מאָל ריזיקירן מיר ניט אַרויסצוקריכן פון לאָך און מיר פּרואוון פאַרטרייבן די בהמהשע געסט דורך אַ ספּעציעל־צוגעגרייטן לאַנגן שטעקן, וועלכן מיר לאָזן אין גאַנג אין אַלע זייטן. ווי דערשראָקענע מייז לויפן מיר אַרום אין דער „בודע" און טרייבן זיי, די אָרעמע שטומע, באַשעפּענישן, וואָס פאַר זיי שרעקן מיר זיך ניט, נאָר פאַר די ריידעוודיקע צינגער פון זייערע פּאַסטעכער און באַלעבאַטים...

אַ טאָג פון באַזוכן! נייע אורחים: הינט. משמעות, פון די פּאַסטעכער. דריי נאָך דער ריי. גייט נאָך עמעצער מיט זיי? וואָס טוט מען, ווען זיי צעלאָזן זיך אויף זייער הינטיש לשון און דער פּאַסטעך וועט זיי נאָכיאָגן ביז צו אונדזער אָרט? זיי האָבן אָבער, צום גליק, ניט געבילט. אָבער יעדן טאָג פּאַסירן דאָך ניט קיין ניסים. דערצו וואַקסן נאָך, צו אונדזער מזל, אין דאָזיקן אָרט אַזעלכע בלימלעך, וואָס — ווי די אַלטע האָט אונדז געזאָגט — ווערן געניצט דורך די אַרומיקע פּויערטעס אויף צו מאַכן רפואות, און זייער סעזאָן דאַרף זיך אָנהייבן שוין די טעג.

איז ווידער — „ויסעו וילכו". פון וואַלד ווידער צו די קוסטעס. שעהן דורך זומפּיקע שטעגלעך ביינאַכט.

וואָס פאַראַ איבערלעבענישן דערוואַרטן אונדז אין נייעם אָרט?

2טער יוני.

דאָס נייע אָרט זעט אויס צו זיין מער אָפּגעלעגן, ווי דאָס אַלטע. עס האָט אָבער אַ גרויסן חסרון: עס ליגט וואָסערע דריי הונדערט מעטער פון דעם הויז, וואו עס לעבט דער באַלעבאָס פון אָט דעם אָרט. אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר זיינען ניט די באַלעבאַטים איבער אונדזער גורל און מיר גייען אַהין, וואוהין עס פירט אונדז טאַדעאוש.

דער ערשטער קבלת־פּנים: אַ שלאַקס־רעגן. אונדזער שוץ־אָרט איז זייער אַ געדיכטער נאָדל־בוים, וואָס איז אַן אמתער שירעם. ער איז דאָ

אַ בן־יחיד צווישן אַלערליי קליינטשינקע קוסטעס־ביימלעך. איך האָב דאָס געפיל, ווי ער וואָלט דאָ געוואַרט אויף אונדזער קומען, פּונקט ווי דער באַראַן פון אברהם אָבינו צו דער עקדה.

מיר לייגן זיך שלאָפן. ערשטע נאַכט — ערשטע שרעק: שטאַרקער שאַרך צווישן די ביימער. אונדזערע אויערן ווערן אָנגעשטעלט אין שאַרפער שפּאַנונג. פּלוצלונג באַווייזט זיך פאַר אונדז אַ גרויסע, ווייס־גרויע חיה. מיר קוקן שאַרף אין דער נאַכטיקער האַלב־פינצטערניש — בייזע, פינקלדיקע אויגן. אַ הונט, צי אַ וואָלף? איך הייב זיך אויף פון אָרט — ער דערשרעקט זיך ניט. ניט ער לויפט, ניט ער בילט, ניט ער פאַלט אָן. זאָל עס זיין איינער פון די צווי גרויסע כלבים פון דעם באַלעבאָס פון אָט די קוסטעס? זיי האָבן אַ שם אין דער גאַנצער געגנט אַרום, און ווען מיר האָבן נאָך געוואוינט אין שטאָל, האָט טאַדעאוש אונדז ניט איין מעשה נורא דערציילט וועגן זיי. פּרואוון מיר אַ המצאה: שטיקלעך ברויט מיט פּוטער. תחלת קווענקלט ער זיך, דערנאָך גייט עס: אַ פּאָר שטיקלעך ברויט האָבן אים פאַרשטאָפּט זיין פּיסק.

דער באַווייזט ניט זיך אָפּצוציען פון אונדז, ווי עס קומט אַ צווייטער, נאָך אַ גרעסערער פון ערשטן. מיר פּרואוון אויס מיט אים די זעלביקע המצאה — און ס'געלינגט ווידער. די ברעקלעך ברויט זיינען טאַקע אַ טייל פון אונדזערע פּאַרציעס, אָבער קיין אַנדער מיטל איז ניטאָ: אין אַ צייט פון היטלערישער ממשלה דאַרפן הינט זיין באַזונדערס זאַט...

פּעטער יוגי.

די מוראַשקעס זיינען באמת אינטערעסאַנטע באַשעפענישן, און דער מחבר פון „משלי״ האָט געוואוסט צו וועמען צו שיקן לערנען דעם פוילן יונג (לך אל הנמלה, עצל, וראה דרכיה). אינטערעסאַנט, ווי זיי לויפן אַרום און האַווען פון זון־אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג. קיינע פון זיי שטייט אַ מינוט ניט ליידיק; זיי שלעפּן משאות פיל שווערער פון זיך, העלפן איינע דער אַנדערער, טראָגן אַוועק די קראַנקע און טויטע — און טוען נאָך פיל אַנדערע וואונדער־זאַכן. אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען מע קומט צו זיי בייטאָג אויף אַ קורצן וויזיט און ביינאַכט לייגט מען זיך שלאָפן ביי זיך אין בעט. אָבער ווען דער מוראַשניק געפינט זיך גראָד אונטער דיין צוקאָפּנס, ווען די מוראַשקעס הערן ניט אויף צו קריכן איבער דיין לייב, ווען דאָס גאַנצע עסן איז פול מיט זיי, — דעמאָלט האָט מען גאָר

וויניק חשק צו שטודירן אָט די קליינע ברואימלעך און ס׳ווילט זיך זיין וואָס ווייטער פון זיי.

אונדזערע „אַלטע פריינד״, די מוקן, פאַרלאָזן אונדז ניט אויך אינעם נייעם אָרט. פון זיי איז נאָך שווערער אַריבערצוטראָגן, ווי פון די מוראַש־קעס. דאָ איז נאָך דאָ אַ בייזערער מין מוק, ווי אין וואַלד, מיט אַזעלכע זילבער־פלעקן אויף די אויסגעדרייטע פיסלעך. מיר זיינען פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג מיט אונדזערע „פעכערס״ — באַבלעטערטע צווייגן — מיט וועלכע מיר שיצן זיך קעגן זיי. איצט פאַרשטיי איך זייער גוט, הלמאי דער רבונו־של־עולם האָט אויסגעקליבן גראָד דעם מוק צו באַשטראָפן טיטוס הרשע. די דאָזיקע קליינע באַשעפעניש קען באמת מאַכן דעם טויט — דאָס איז אַזאַ קלעק און אַזאַ נגע־צרעת, אַז עס קען פאַרמוטשען אַ מענטשן אַפילו אָן אַ באַזונדערער „מיסיע״ פון בית־דין של מעלה...

דערפאַר איז מיר אָבער גאָר ניט פאַרשטענדלעך דאָס פאָלקסווערטל: „שטיל ווי אַ מוק״, אָדער „שטיל, אַז ס׳הערט זיך קיין מוק ניט״. משמעות, אַז די אַנאָנימע מחברים פון די ווערטלעך האָבן זייער גאַנץ לעבן פאַר־בראַכט אין די שטעט און זיי איז ניט אויסגעקומען זיך צו וואַלגערן אין די פעלדער און אין די וועלדער. ווייל גראָד די דאָזיקע קליינינקע ברואימלעך מאַכן אַרום זיך אַזאַ טומל און אַזאַ רעש, אַז ס׳איז פשוט בשתומם צו ווערן, פון וואַנען ס׳נעמט זיך צו זיי אַזאַ כוח.

אַ באַזונדערס ניט געוואונטשענער גאַסט איז דאָ אַזאַ קליינע באַ־שעפעניש, וואָס גנבעט זיך אַריין אונטער דער הויט מיט איר קעפל, לאָזנדיק דרויסן שטעקן נאָר איר הינטערשטן חלק. דער ביס איז זייער ווייטיקדיק און עס פאָדערט זיך כוח, און נאָך מער געשיקטקייט אַרויסצוציען די באַ־שעפעניש פון אונטער דער הויט. ווען מע גיט נאָך צו צו אָט דער פיינער חברה ברואים די פאַרשיידנסטע פליגן, בינען, ווערעם, שלענגלעך אאַז״וו, וועלכע זיינען אויך דאָ לרוב, דעמאָלט באַקומט זיך אַ שטיקל בילד פון דער שיינער געזעלשאַפט, מיט וועלכער מיר פאַרברענגען בייטאָג און ביינאַכט.

11טער יולי.

נאָך עטלעכע גוטע, רואיקע וואָכן האָבן מיר היינט איבערגעלעבט אמתע טויט־שרעק. פאַרנאַכט, בעת מיר זיינען געזעסן און געשמועסט, האָבן מיר פלוצעם דערהערט אַ שאָרך אין די קוסטעס. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אונדזער אַלטער, און איך בין אים אַנטקעגן געגאַנגען אויף דער סטעזשקע און דערזען פלוצעם פאַר זיך — אַ מענטש מיט אַ ביקס! מיט

זיין ציווילן רעקל און צעריסן העמד האָט ער אויסגעזען שרעקלעך. אַ מינוט פון חיהשן אָנקוקן איינער דעם אַנדערן. וואָס עס טוט זיך הינטער מיר האָב איך שוין ניט געזען און ניט געקענט זען: איך האָב געמוזט היטן זיין יעדע באַוועגונג. איך האָב נאָר געהערט, ווי מע לויפט הינטער מיין רוקן און אַז מע רופט מיך, איך זאָל אויך אַנטלויפן. אַ מינוט — אַן אייביקייט. טויזנ־טער געדאַנקען. ווי קען דאָס אַ מענטש טראַכטן אַזוי פיל אין איין איינציקער מינוט? פאַרן טויט, משמעות, ווערן די גייסטיקע כוחות פון מענטשן אַ סך שטאַרקער. דעריבער זאָגט מען, ווייזט אויס, אַז אין די לעצטע מינוטן גייען פאַרביי פאַרן מענטשן די וויכטיקסטע עטאַפּן פון זיין גאַנץ לעבן. זיינען עס אויך מיינע לעצטע מינוטן? ער שטייט נאָך אַלץ פאַרגליווערט.

ווער איז ער? וואָס גרייט ער זיך צו טאָן? ווי פאַרטיידיקט מען זיך?

אין דאָזיקן הינטערפּלעט־צושטאַנד האָב איך פּלוצלונג דערהערט אַ קול אין רוסיש:

— זיצט, זיצט, האָט ניט קיין מורא — און ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק.

ערשט איצט האָב איך דערשפּירט די גרויסע סכנה, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען פריער. מיין פרוי פאַלט אין חלשות. איר שוועסטער זעט אויס ווי אַ לעבעדיקער מת.

מיר באַוויזן נאָך ניט צוזאַמענצוגעמען אונדזערע פּעקלעך, כדי וואָס גיכער צו אַנטלויפן פון דאַנען, ווי עס קומט צו אונדז אַן אויסבאַהאַלטענער ייד, טאַקע איינער פון די אַמאָליקע אַכט, און דערציילט אונדז, אַז דאָס איז געווען אַ גאַסט פון זיין באַלעבאָס, וואָס אין זיינע קוסטעס געפינען מיר זיך. ער איז געגאַנגען שיסן האָזן. דער גאַסט — זאָגט אונדזער באַקאַנטער — האָט גרויס עגמת־נפש, וואָס ער האָט אונדז אַזוי איבערגעשראָקן. ער האָט אונדז צוגעשיקט אַ פלאַש מילך און אָקאָרשט־געריסענע טרישקאַווקעס.

וויפל יאָרן האָט אָט דער מאָמענט פון טויט צוגענומען פון אונדזער יעדנס לעבן?

ווען מיר קומען אַ ביסל צו זיך, פרעגן מיר אונדזער אַלטן באַקאַנטן, פאַרוואָס ער איז אַוועק פון זיין לעצטער באַהעלטעניש און זיך איבערגעקליבן אַהער. ער דערציילט אונדז אַזאַ מעשה:

ער פלעגט געוויינלעך ליגן באַהאַלטן אין אַ ספּעציעל־מאַסקירט קעמערל אין שטוב. האָט ער זיך אָבער איין נאַכט ניט געפילט גוט אין דער שטיקע־ניש, איז ער שטיל אַרויס פון קעמערל און אַרויף אויפן בוידעם פון שטאַל. אין דער פרי הערט ער אַ שמועס פון זיינע באַלעבאַטים, טאַטע און זון, וועגן אים:

— מיר געפעלט זיין זייגער.

— בעט ביי אים.

— און אויב ער וועט ניט געבן?

— וואָס?

— אָט דאָס, וואָס דו הערסט.

— ווי לאַנג מיינט ער נאָך צו לעבן? ווער ווייסט, אויב די רוסן וועלן שוין אין גאַנצן קומען אַהער.

— און אויב ער וועט דאָך ניט וועלן געבן?

— דאגה ניט, ס'איז דאָ אַ וועג...

עטלעכע שעה נאָך דעם דאָזיקן שרעקלעכן שמועס — דערציילט אונדז ווייטער דער אַנטלאָפענער פון זיין ליטוויש־פוילישן בעל־טובה — גייט אַריין צו אים זיין פויער און זאָגט צו אים בזה הלשון:

— ווייסט, מיקאָלאַס*), וואָס ס'האָט געטראָפן די טעג מיט אַן אייעריקן? איינער פון אַ דערבייאיק דאָרף האָט זיך באַוונען און גענומען אַ באַקאַנטן יידן אויסצובאַהאַלטן. אויפן צווייטן טאָג רופט ער זיך אָן צום יידן: „היינ־טיקע צייטן... אַ ייד... ווער ווייסט, וואָס מאָרגן.. שרייב אַ צוואה פאַר דיין ברודער אין אַמעריקע, אַז טאָמער בלייבסטו ניט לעבן, דעמאָלט זאָל ער דיין געלט מיר אָפּגעבן". דער ייד האָט אַזאַ צוואה געמאַכט און אויף מאָרגן איז ער שוין געלעגן באַגראָבן אין דער ערד.

מיר איז ענג געוואָרן אין מוח — דערציילט ער ווייטער און ציטערט נאָך איצטער. איך האָב דערפילט די רוצחישע געדאַנקען פון מיין פויער און גענומען פאַרשטיין, אַז אויך פאַר מיר גרייט מען שוין אַן אָרט אין דער אַדמה, און די זעלביקע נאַכט בין איך אַנטלאָפן אַהער, צו מאַקסימאַסן, וועלכער האָט מיך גראָד צוגענומען.

19טער יולי.

די לעצטע טעג הערט ניט אויף די באַפרייאונגס־מוזיק — דאָס דונערן און בליצן פון באָמבעס און האַרמאַטן.

ס'איז מוראדיק און שרעקלעך — און דאָך וואַרטן מיר מיט דער גרעסטער אומגעדולד אויף יעדן אויפרייס. ווען עס ווערט שטיל אַ מינוט, ווערט עפּעס טרויעריק אויפן האַרצן.

מיט דריי יאָר צוריק, ווען די דייטשן האָבן זיך געגרייט אַריינצומאַר־שירן קיין קאָוונע, האָבן ליטווישע צייטונגען געשריבן ענלעכע שורות.

*)פויערים האָבן זייערע אויסבאַהאַלטענע יידן דאָס רוב גערופן מיט ליטווישע פאָרנעמען.

דעם אויסדרוק „באַפרייאונגס־מוזיק״ נעם איך טאַקע פון אַ ליטווישער צייטונג, וועלכע האָט דעמאָלט אַזוי באַצייכנט די אויפרייסן פון די דייטשע באָמבעס און האַרמאַטן־קוילן. די ליטווישע צייטונגען האָבן דעמאָלט באַשריבן, ווי די ליטווינער זיינען מיט טרערן פון פרייד געגאַנגען מקבל־פּנים זיין זייערע דייטשע „באַפרייערס״. און איצט לעבן מיר איבער די זעלביקע געפילן. צייטן בייטן זיך.

מיר ווייסן אַבסאָלוט ניט, וואו מיר האַלטן אין דער וועלט. די איינציקע גרוסן וועגן דער לאַגע זיינען — די טעמפּע שאָסן און אויפרייסן. אין אָוונט האָט אָנגעהויבן טראַטעווען ניט ווייט פון אונדז אַ קוילנוואַרפער. אויך ביקסן־שאָסן לאָזן זיך הערן. פון דייטשן אָדער פון רוסן? איז דער פראָנט אַזוי נאָענט צו אונדז? דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרק.

די ליטווינער ווײנען מיט ביטערע טרערן. דער אַלטער דערציילט אונדז, אַז זיי זיינען אין טויט־שרעק צוליבן דערנעענטערן זיך פון די רוסן.

— וואָס האָט איר מורא? — האָט ער געפרעגט בעת אַ שמועס מיט אַ שכנישער פאַמיליע.

— די רוסן וועלן אַלעמען אויסהרגענען — האָבן יענע געענטפערט.

— זיינען דען דאָ אין אייער משפחה פאַרטיזאַנער?

— ניין.

— טאָ וואָס האָט איר מורא? קיין אומשולדיקע טשעפּען זיי ניט.

— ריכטיק, אָבער אונדזערע האָבן דאָך אויך ניט געמאַכט קיין חילוק צווישן שולדיקע און אומשולדיקע.

יאָ, איצט, ווען דער חלף ליגט שוין אויפן אייגענעם האַלדז, דערוועקט זיך דאָס געוויסן. פריער זיינען זיי געווען בלינד און טויב צו דעם צער און צו די יסורים פון די יידן פון ליטע.

20סטער יולי.

אַ טרעשטשען פון צווייגן, איינס, צוויי — און פאַר אונדזערע אויגן וואַקסט אויס אַ געשטאַלט פון אַ פרעמדן: בלאָנד, הויך־וואוקסיק, דאָרפיש געקליידט. אונדזערע בליקן טרעפן זיך אויף איין סעקונדע — און ער פאַרקירעוועט שטום אין אַ זייט. ווער איז ער? ניט קיין צייט צו טראַכטן. מיר כאַפּן אונדזערע פּעקלעך און לאָזן זיך ווידער צו די קוסטעס פונעם אַלטן.

גלייך אין די ערשטע שעהן דערוואַרט אונדז דאָ טויט־שרעק: אַ פריי־

לעך געזאַנג פון מענער, וואָס גייען, דאַכט זיך, אין דער ריכטונג פון אַלטנס שטוב. דער הונט בילט שטאַרק — דער אמתער סימן. „אַ האַרץ איז אַ זייגער" — און דאָס האַרץ זאָגט ניט אָן קיין גוטס. וואָלטן מיר אפשר גיך גענומען און זיך אָפּגעטראָגן פון דאַנען — איז אָבער די צרה, וואָס איינע פון אונדזערע פרויען איז גראָד מיט אַ פּאָר מינוטן פריער אַריין אין דער כאַטע און געוויס האָט זי שוין ניט געהאַט קיין צייט אַנטרונען צו ווערן פון דאָרטן. די קולות הערן זיך אַלץ נעענטער. עס דערגייען שוין אויך אָפּגעריסענע ווערטער פון זייער שמועס מיטן אַלטן. וואָס טוט מען: בלייבן? לויפן? אַזוי טראַכטנדיק קומט אָן די געבליבענע אין דער כאַטע: אַזאַ ווייס פּנים פון אַ לעבעדיקן מענטשן האָב איך נאָך, דאַכט זיך, ניט געזען. זי דערציילט, אַז דער אַלטער איז אַרויפגעלאָפן צו איר אויפן בוידעם און געזאָגט: „לויף אין וואַלד!" זי איז אַזוי צעטומלט פון שרעק, אַז זי ווייסט ניט, צי די מענער זיינען שוין געווען אין שטוב, בעת זי איז אַראָפּגע־לאָפן פון לייטער, צי ניט; צי זיי האָבן זי באַמערקט, צי ניט. נאָר לויטן אַלטנס אויסדרוק פון פּנים מיינט זי, אַז דאָס זיינען דריי געהיים־אַגענטן. נאָך זייענדיק אויפן בוידעם, האָט זי געזען, ווי איינער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן.

אַנטלויפן? — מיר זיינען דריי מענטשן, אונדזער גאַנג דורך די גע־דיכטע צווייגן וועט אָנמאַכן אַ טומל, וואָס קען דערגיין צו די אויערן פון יענע ניט־געבעטענע אורחים. באַשליסן מיר צו בלייבן. מיר רוקן זיך פּאַ־מעלעך צו צו אַ געדיכטערן אָרט, ציען זיך אויס אויף דער ערד און מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם וואַרטן מיר, וואָס ס'וועט געשען.

אין דער כאַטע איז שטיל. קיין געשרייען, קיין געוואַלדן, וואָס וואָלטן געווען דער ערשטער סימן אויף שלעכטס. נאָר פּלוצעם — שאַ! עפּעס שלייכט זיך אָפּגעהיט־פּאַמעלעך דורך די קוסטעס. דאָס שלייכן הערט זיך אַלץ דייטלעכער און, דאַכט זיך, צו אונדזער ריכטונג. וואָס איז דאָס? אַלע אברים שטאַרבן אָפּ פון שרעק. זאָל איינער פון יענע פאַרשווינען שוין אַזוי גיך גיין אויסשפּירן די קוסטעס? אויף יעדן פאַל, קיין צייט צו אַנטלויפן איז שוין ניטאָ. יעדער שאָרך קען זיך הערן. דריקן מיר פעסטער צו דאָס פּנים צו דער ערד און צאַפּלען צווישן לעבן און טויט. קיין מאָל איז ניט אַזוי שטאַרק געווען ביי מיר דער פאַרלאַנג צו האָבן וואָפן, ווי אין איצטיקן מאָמענט. אָט ליגן דריי מענטשן, ווי שעפּסן, האָבן מורא זיך אַ ריר צו טאָן — און דאָ גייט איינער — קענטיק, אַז נאָר איינער — אין פרעמדע קוסטעס, אַזוי דרייסט און פריי, אפשר צו מאָרדן און טויטן. דאָס באַזיצן געווער — ערשט איצט דערפיל איך דאָס — גיט צו זיכערקייט אין מאָמענטן פון געפאַר און שטאַרקט דעם מוט. אין פריערדיקע צייטן איז מיר קיין מאָל ניט אויסגעקו־מען צו טראַכטן וועגן דעם און איך האָב קיין השגה ניט געהאַט פון אַזעלכע

זאַכן. איך קען זיך ניט מוחל זיין, וואָס פאַרן פאַרלאָזן די געטאָ האָב איך זיך ניט אויסגעלערנט האַלטן אַ „כלי״ אין האַנט. דער גוטער דר. אליהו סעגאַל, אַליין אַ געוועזענער אָפיצער און אונטערגרונד־פירער אין געטאָ, האָט זיך געבעטן ביי מיר, אַז איך זאָל נעמען ביי אים אַ „שעה״ אויף שיסן פון אַ רעוואָלווער. נאָר וואָס העלפט איצט די חרטה? דערווייל ליגן מיר דאָ אומבאַהאָלפן און וואַרטן אויף אַ נס. און דער נס געשעט טאַקע. ווען דאָס מענטשלעכע געשפענסט איז שוין געווען, דאַכט זיך, האַרט לעבן אונדז, האָט עס זיך פלוצעם פאַרקירעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג. מיר הערן, ווי די טריט ווערן אַלץ ווייטער, ביז וואַנען זיי ווערן אין גאַנצן פאַרשטומט.

נאָך לאַנג ליגן מיר אַזוי אויסגעצויגן אויפן זומפיקן גראָז, און נאָר אין אַ צייט אַרום וואַגן מיר אויפצוהייבן דעם קאָפּ און אַ ביסל אויסצוגלייכן די ביינער.

די מאָמענטאַלע געפאַר איז אַריבער, אָבער וואָס וועט זיין ווייטער? ווער איז דער, וואָס איז דאָ געקראָכן? און וואו זיינען די איבעריקע? אַריינ־גיין אין כאָטע איז אַ גרויסע סכנה — און דערוויסן זיך, וואָס איז דאָ, מוז מען אויך. ס׳איז אָבער ניטאָ קיין עצה. איין גליק, וואָס די נאַכט איז צו־געפאַלן און אַ פּאָר שעה וועלן מיר זיין זיכער: אין דער פינצטער האָבן די רוצחים מורא פאַר זיך אַליין צו קריכן אין אַזעלכע ערטער, אָבער אויך אַזעלכע „גליקלעכע״ נעכט, ווי די היינטיקע, קען מען ווינטשן פון גאַנצן האַרצן היטלערן מיט זיין פינצטערער כנופיה...

6.

אַן אורח פֿון געטאָ

21סטער יולי.

עס ווערט באַלד אַ מאָנאַט, ווי די סאָוועטישע אָפענסיווע האַלט אָן אויף אונדזער פראָנט. איצט זיינען מיר נאָך מער אָפּגעריסן פון דער וועלט און זעען קיין צייטונג ניט אין די אויגן. מיר זיינען אָנגעוויזן נאָר אויף די „נייס" פון אַלטן.

אונדזער איינציקער אינפאָרמאַטאָר זיינען — די אַרטילעריע־שאָסן. פון דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן דערגרייכט צו אונדזערע אויערן, האָבן מיר געוואוסט אויף זיכער, אַז דער פראָנט דערנענטערט זיך צו אונדז. יעדער האַרמאַטן־זאַלפּ דערוועקט האָפענונג, און אונדזערע גאַנצע טעג ווערן איצט אויסגעפילט נאָר מיט דעם, וואָס מיר פּרואוון אויפנעמען יעדן אַרטילעריע־קנאַל און פאַרגלייכן די שטאַרקייט פון איינעם מיטן צווייטן.

גראַד היינט איז עפּעס שטיל געוואָרן. דאָס האַרץ ווערט אומרואיק: וואָס איז געשען? אפשר איז די רויטע אַרמיי אָפּגעשטויסן געוואָרן? אַז ווילנע איז גענומען האָבן מיר זיך די טעג דערוואוסט, אָבער קאָוונע? געוועזן אַ ידיעה, אַז קאַמפן קומען שוין פאָר אין די פאָרשטעט פון קאָוונע, אויב דאָס וואָלט אמת געווען, וואָלטן מיר דאָ געדאַרפט הערן אַ פאַרשטאַרקטע שיסעריי, און גראַד לעצטנס איז דאָ פיל שטילער געוואָרן.

אין אַזאַ שטימונג פון שפּאַנענדיקער דערוואַרטונג אויף געוואַלדיקע געשעענישן האָט צו אונדז היינט זיך אַראָפּגעלאָזן אַן אַנטלאָפענער ייד פון קאָוונער געטאָ, וואו ער איז געווען נאָך מיט דריי וואָכן צוריק. ער האָט אונדז דערציילט לעבעדיקע נייס פון געטאָ, אָבער מוראדיקע און אימהדיקע. וועלכע אַנדערע נייס האָט ער אונדז געקענט איבערגעבן פון טאָל פון טויט?

ער דערציילט ראשית אויפשווידערנדיקע פּרטים וועגן דער אַכזריותדיקסטער פון אַלע אַקציעס — דאָס אַרויספירן די קינדער צום טויט. וויכטיקער פון די פּרטים איז, דאַכט זיך, זייער פּסיכאָלאָגישער הינטערגרונט.

ווי טייוולאָניש־ראַפינירט איז דורכגעפירט געוואָרן די שרעקלעכע קינדער־אַקציע!

געקע, דער תליון פון פיל יידישע געטאָס, איז זייער אַ כיטרער און האָט אויך גרויסע ידיעות אין פּסיכאָלאָגיע. ער האָט מיט דער גרעסטער

ראַפינירטקייט פאַרשטאַנען דורכצופירן זיינע מאָרד־מעשים אויף אַ פרידלעכן אופן, איינשלעפערנדיק די אויפמערקזאַמקייט פון די יידישע אָנפירערס. ער האָט עס פאַרשטאַנען דורכצופירן אויף אַזאַ קינסטלעריש־סאַדיסטישן אופן, אַז נאָך איצט זיינען פאַראַן יידן, וועלכע האַלטן אים פערזענלעך פאַר אַ גוטן דייטש און פאַר אַ פריינד פון יידן! מע דערציילט שוין די לעגענדע, אַז געקע האָט פאַרצויגן פיר־פינף חדשים מיטן דורכפירן די קינדער־אַקציע אאַז״וו.

אָבער נאָר תמימים און חסר־דעהניקעס קענען אַזוי טראַכטן וועגן דאָזיקן איבערגעשפיצטן גערמאַנישן סאַדיסט. געקע איז פון יענעם סאָרט ראַפינירטע מערדערס, וועלכע זיינען תמיד פיל געפערלעכער פון אייגפאַכע רוצחים. ער האָט געלעבט פון בלוט און מיט בלוט — און געמאַכט דעם אָנשטעל פון מיטפילנדיקן און בעל־רחמים. ער האָט געמאָרדעט יידן — און געוואָלט פאַרבלייבן אין זכרון פון די לעבנגעבליבענע, ווי אַ פריינד פון יידן. אַפילו פאַר די טייערע יידישע קינדער, נאָך ביז די לעצטע מינוטן פון אויסהויכן זייערע נשמות, האָט ער נאָך געשפילט די ראָל פון „גוטן אָנקל״, טיילנדיק זיי שאָקאָלאַד, קאָנפעקטן און אַנדערע גוטע זאַכן — און פון דער אַנדער זייט האָט ער געלאָזט אָנשטעלן אין זייערע פאַרמאַכטע אויטאָס ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וואָס זאָלן פאַרשרייען זייערע געוויינען און געוואַלדן.

צו וואָס פאַר אַ גראַד פון „קונסט״ די דייטשן האָבן עס פאַרשטאַנען צו ברענגען דאָס מאָרדן פון אומשולדיקע מענטשן!

געוועזן אייניקע יידישע מאַמעס, וועלכע האָבן זיך ניט געקענט שיידן מיט זייערע קינדער, און זיי האָבן זיי אַליין צוגעפירט צו די שחיטה־אויטאָס. זיינען אָנגערייצט געוואָרן אויף זיי ספּעציעל־געלערנטע בייזע הינט, וועלכע פלעגן זיי צעבייסן די הענט. געווען גוטע דייטשן, וועלכע פלעגן ניט קענען צוזען דעם צער און זיי האָבן דערלויבט די מוטערס מיטפאָרן מיט זייערע קינדער צום בשותפותדיקן טויט.

ווי טייוולאָניש־שלעכט און גיהנומדיק־געזונקען דאַרף שוין זיין אַ פאָלק, ווען זיינע זין ווערן באַצייכנט ווי „גוטע״ נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן דערלויבט מאַמעס צו גיין צו דער שחיטה צוזאַמען מיט זייערע קינדער!

די קינדער־אַקציע איז אפשר דער הויך־פונקט פון אַלע אומגליקן, וואָס די געטאָ האָט דורכגעטראָגן. אין פריערדיקע אַקציעס (ווי דאָס אַרויספירן צען טויזנט וכד׳) איז געווען אָרט אויף האָפענונג און אַליין־נאַרעריי, היות מע האָט ניט געוואָלט גלויבן און אויף זיכער נאָך טאַקע ניט געוואוסט, אַז דאָ גייט וועגן בוכשטעבלעכער פאַרטיליקונג. די קינדער־אַקציע איז אָבער געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיק קלאָרע שחיטה. דאָ איז ניט געווען קיין אָרט פאַרן מינדסטן גלויבן פון דעם משוגע־העלסטן אָפּטימיסט, וועלכער האָט

אין געטאָ ניט אויסגעפּעלט און אויך דערפילט אַ געוויסע פּאָזיטיווע ראָלע אין די פאַרשיידענע צייטן פון די שרעקלעכע געטאָ־יאָרן.

אין אַזאַ טויזנט מאָל קלאָרער שחיטה האָבן יידישע מאַמעס געטראָגן זייערע קינדער צום שוחט און כמעט קיין איינע פון זיי האָט ניט געפּרואווט אַפילו וואַרפן אַ שטיין אין די רוצחים — איז דאָס שרעקלעך און נאָך מער אומפאַרשטענדלעך. אַ הון, ווען אַ רויב־פויגל קומט כאַפּן אירע עופהלעך, פּרואווט פּיקן, אַ קאַץ פּרואווט דראַפּען מיט די נעגל דעם כאַפּער פון אירע קעצעלעך — יידישע מאַמעס — די שענסטע מאַמעס אין דער וועלט! — האָבן אָן וועלכן ס׳איז ווידערשטאַנד געפירט זייערע טייערסטע צו דער עקידה. אַ קליין־קליינער טייל האָט זיך געריסן מיטצוגיין און אויסצוגיין צוזאַמען מיט זייערע קינדער, אָבער כמעט קיין איינע האָט קיין ווידערשטאַנד פון אַ מוטער־קאַץ ניט געשטעלט!

אָבער קען מען משפּטן אַ געבונדענע טויב, ווייל זי גיט זיך אונטער אָן קאַמף דעם רויב־פויגל? קען מען משפּטן יענע חיהלעך, וועלכע ווערן פאַרהיפּנאָטיזירט פון דער ריזיקער שלאַנג, פאַר ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד זייערע מערדערס?

אַלע יידן אין געטאָ זיינען דאָך, אייגנטלעך, איין גרויסע היפּנאָטי־זירטע מאַסע. וויפל מאָמענטן האָט יעדערער פון אונדז דורכגעלעבט אין געטאָ, ווען ס׳איז פּלוצעם אָפּגעטויט געוואָרן אין אונדז דער כוח צו באַוועגן זיך? אָט שאַפט זיך אַ סיטואַציע, ווען מע מוז לויפן, אויב מע וויל זיך ראַטעווען פון מלאך־המוות — אָבער די פיס דינען ניט, זיי זיינען געליימט פון טויט־שרעק. קען מען משפּטן אַ מענטשן, וועלכער אַנטלויפט ניט פון טויט, בעת זיינע פיס זיינען פּלוצעם אָפּגענומען געוואָרן? און ווי קענען געליימטע הענט פון מאַמעס צוכאַפּן אַ קינד פון דער שחיטה, ווי?

אויסער אָט דער דאָזיקער ריין־פיזישער דערשיינונג קומט נאָך צו די ראַפינירט־סאַדיסטישע סיסטעם פון די דייטשן צעשטויבן די געטאָ־יידן מאָראַליש און גייסטיק. די דאָזיקע סיסטעם האָט געהאַט דערפאָלג, און אויך די יידישע מאַמע — די שענסטע פּערל אין דער יידישער משפּחה־קרוין — איז געפאַלן אַ קרבן פון איר. אויך אין איר זיינען אַטראָפירט געוואָרן די געפילן, וואָס אין נאָרמאַלע באַדינגונגען זיינען זיי געווען די צאַפּלדיקסטע. די ווירקונג פון דעם ניט־געזעענעם, נאָכאַנאַנד זיך גיסנדיקן היטלער־סם אין די הערצער און מוחות פון די געטאָ־יידן האָט זיך אַנטפּלעקט אויך אין די מעשים פון אונדזערע ליבע מאַמעס. פאַרחושכטע, האָבן זיי איבערגעגעבן זייערע טייערסטע אין דער וועלט אין די הענט פון רוצח.

זיינען יידישע מאַמעס אין געטאָ ניט געווען פאַרחושט און פאַרתּמט, ווען זיי האָבן, אין דער ערשטער צייט, געפירט זייערע געשטאָרבענע עופהלעך צום בית־עולם? אני הגבר... איך האָב אַליין געהערט פון מאַמעס, וועלכע

זיינען געקומען פון דער לוויה פון זייערע פיטשינקע קינדערלעך, אַז — אפשר איז בעסער אַזוי.

איז דאָ אַ טיפערע, אַ גרויליקערע, אַן אויפשווידערנדיקערע טראַגעדיע, ווי די טראַגעדיע פון דער יידישער מאַמע אין געטאָ?

⁂

אין דאָזיקן געקען, דעם שוחט פון די קינדער אין געטאָ, איז אַפילו געווען אַ ביסל איינגעגלויבט ד״ר עלקעס, דער ראש פון „עלטסטן־ראַט״. דער דורכגעטריבענער דייטשער הענקער האָט פאַרשטאַנען, ווי צו נעמען דעם ערלעכן, אָבער אין געזעלשאַפטלעכע ענינים וויניק דערפאַרענעם דאָקטער. געקע פלעגט אַפילו אַן אַנדערש מאָל קומען צו ד״ר עלקעס אין שטוב אַריין. אַ העכערער אָפיצער פון דער „העכסטער ראַסע״ אין הויז פון אַ „דרעק יודע״! דאָס איז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג פאַר אַלע־מען. דערמיט האָט ער שטאַרק געווירקט אויפן יידישן פירער. נאָך איי־נעם אַזאַ פריוואַטן וויזיט האָט ד״ר עלקעס איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן אין אַ קרייז פון נאָענטע באַקאַנטע. ער האָט זיך דאַן אויסגעדריקט, אַז אַזאַ מענטש, ווי געקע, וועט פון אייגענער איניציאַטיוו די געטאָ קיין שלעכטס ניט טאָן. ווען זיינער אַ קוזין האָט ד״ר עלקעסן געפרעגט, וואָס זאָל ער טאָן מיט זיין קינד, פאַר וועמען ער האָט אַ באַהעלטעניש אין דאָרף, האָט דער פירער פון עלטסטן־ראַט אים געענטפערט, אַז אויב ער האָט אַ הונדערט־פראָצענטיק זיכערן פויער, קען ער אים דאָס קינד אָנפאַרטרויען, אָבער אויב ניט — זאָל ער דאָס קינד ווייטער האַלטן ביי זיך, ווייל עס דראָט ניט קיין געפאַר די יידישע קינדער.

דאָס איז געווען אַ גאַר קורצע צייט פאַר דער קינדער־אַקציע.

דער הויכפּונקט פונעם ראַפינירטן געקישן סאַדיזם איז געקומען דאַן, ווען די רוסן האָבן זיך גענומען דערנעענטערן צו דער ליטווישער טעריטאָריע. די איינציקע האָפענונג פון דער געטאָ אויף אַ בליץ־שנעלן פראָנט־דורכברוך אָדער אויף אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, — וואָס נאָר דאָס וואָלט געקענט ראַטעווען די געטאָ־יידן — איז ניט מקוים געוואָרן, ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז דער סוף פון געטאָ דערנעענטערט זיך, די געטאָ איז גע־וואָרן אַן אמתער בית־עלמין. מענטשן האָבן אויסגעזען ווי שאָטנס. מע איז אַרומגעלאָפן, ווי מייז אין אַ פאַסטקע, מיטן איינציקן אויסקוק: טויט. אָט אין די דאָזיקע טעג איז געקומען געקע צו ד״ר עלקעס און אים געזאָגט:

— גיט איבער אייערע יידן, אַז זיי זאָלן זיך ניט שרעקן. אויב דער פראָנט וועט צוקומען גאָר נאָענט צו דער ליטווישער טעריטאָריע, וועט די געטאָ עוואַקואירט ווערן. עס וועלן מיטגענומען ווערן די טראַנספּאָרט־מיט־

לעז פון געטאָ פאַר די שוואַכערע, און בראש פון די אַלע איבעריקע וועל איך אַליין גיין. איך וועל אייך אַרויספירן פון געטאָ, אַזוי ווי משה רבינו האָט אַרויסגעפירט די יידן פון מצרים. אין דייטשלאַנד וועלן מיר שאַפן אַ נייעם אַרבעטס־לאַגער, וואו איך וועל זיין ווייטער צוזאַמען מיט אייך.

געקע האָט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן פאַרשטאַנען אַריינצובערענגען אַ ווירוואַר אין די מוחות. אַזוי, למשל, האָט ער אין די לעצטע חדשים פון געטאָ ניט איין מאָל זיך משתדל געווען פאַר יידן, וועלכע זיינען צוליב פאַר־שיידענע חטאים געכאַפּט און אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. און זיין „שתדלנות" האָט, נאַטירלעך, באַטייט — באַפרייאונג. מע דאַרף אָננעמען, אַז דאָס איז געווען אַ לכתחילה־אויסגערעכנטער פלאַן פון אים, צי פון דער געשטאַפּאָ. די פרייד פון די יידן און פון זייערע משפחות, וועלכע זיינען אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט געוואָרן (דערוייל) פון אַ זיכערן טויט, האָט פאַרטונקלט דעם קלאָרן שכל און געשטערט בשעתו צו פאַרשטיין דעם זין פונעם דאָזיקן טייוולאַנישן שפּיצל — און אַזוי איז די איינגעגלויבטקייט אינעם דאָזיקן כיטרען רוצח געוואַקסן.

כיטרע אויסגערעכנט, מיט טייוולאַניש־דורכגעטראַכטע כוונות, איז אויך געווען דער סדר, וואָס ער האָט מיט זיין אָנקום איינגעפירט אינעם עקאָ־נאָמישן לעבן פון געטאָ. ער האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף אַ פאַרבאָט פון אַ פריערדיקן מושל פון געטאָ, אַז יידן טאָרן זיך ניט באַנוצן מיט געלט. ער האָט אויך געקוקט דורך די פינגער אויף דעם, וואָס יידן טראָגן אַריין „פעקלעך" פון שטאָט. ער האָט זיך זיכער געטראַכט, אַז זאַטקייט אין געטאָ וועט אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון די יידן פון אַזעלכע ענינים, אין וועלכע ער, געקע, האָט געהאַט דעם גרעסטן אינטערעס, אַז זיי זאָלן בלייבן אומבאַמערקט פון די געטאָ־איינוואוינערס. דערפאַר האָט ער ניט בלויז פאַרקוקט דאָס אַריינטראָגן פּראָדוקטן פון שטאָט אין געטאָ, נאָר ער האָט אַליין שטאַרק מיטגעהאָלפן, אַז די געטאָ זאָל בעסער באַשפּייזט ווערן. פאַר־גרעסערט די „ראַציאָנען". קאַרטאָפל און ברויט זיינען אין זיין צייט געווען לרוב. מע האָט עס פשוט ניט געקענט פאַרניצן. פאַרשימלט ברויט האָט זיך געוואַלגערט אין די מיסטקאַסטנס. מאַרמעלאַדע, פּוטער, אַפילו צוקער האָט געקע ניט געזשאַלעוועט. ער האָט געשטאָפּט „געגנדז". פּונקט אַזוי פאַרפירעריש איז געווען זיין טאַקטיק אין די גרויסע וואַרשטאַטן, וואו עס האָבן געאַרבעט ביי צוויי און אַ האַלב טויזנט יידן. ער האָט זיי געגעבן אַזעלכע גרויסע באַשטעלונגען, וואָס מע האָט ניט אָנגעזען אין די בעסטע צייטן, און וועלכע האָבן געקענט געבן אַרבעט אויף אויף פיל חדשים נאָכן קריג . . .

און זיין צוגאַנג איז געווען אַ ריכטיקער. אַ פּסיכאָלאָגיש־באַגרינדעטער. אַ גרדיסער טייל יידן האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון די דאָזיקע שפּיצלעך און זיך ניט געפּרואווט באַצייטנס ראַטעווען דורכן אַנטלויפן פון געטאָ.

22סטער יולי.

דער פאַרבלאָנדזשעטער ייד פון סלאָבאָדקער געטאָ דערציילט היינט ווייטער וועגן אַרעסט פון די מיטגלידער פון עלטסטן־ראַט, פון סאָציאַלן אַמט און פון דער דירה־אָפּטיילונג, וועמען מע האָט דעם 4טן אַפּריל, 1944, אָפּגעפירט אויפן 9טן פאָרט. ער דערציילט, אַז זיי אַלע זיינען בייגעשטאַנען דעם גרעסטן נסיון, אָבער זיינע ווערטער וועגן דער האַלטונג פון ד״ר עלקעס זיינען ווערט פאַרצייכנט צו ווערן לדורות.

אויפן אויטאָ צום פאָרט, פון וואַנען קיינער האָט ניט געהאַט די מינדסטע האָפענונג צו קומען צוריק, האָט ד״ר עלקעס פאַר זיינע חברים און מיט־אַרבעטערס געבראַכט פאַרשיידענע דאַטעס פון דער יידישער געשיכטע, ווען פירערס זיינען שטאָלץ געשטאָרבן פאַר זייער פאָלק. באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף די עשרה הרוגי מלכות. ער האָט געמוטיקט און גע־שטאַרקט זיינע מיטאַרבעטערס אין די שווערסטע מינוטן פון זייער לעבן, קוקנדיק גלייך דעם טויט אין פנים אַריין.

אָבער ניט נאָר לגבי די יידן אַליין האָט ד״ר עלקעס אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאָלצע און דרייסטע האַלטונג. אויך די דייטשישע מחבלים האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַוואונדערן זיין מכבייאישן גייסט, פון וועלכן זיי פלעגן אַזוי ליב האָבן צו לאַכן. אונדזער אינפאָרמאַטאָר (און ווער ווייסט, אויב עמעצער בכלל) איז ניט געווען באַקאַנט מיטן גאַנצן שמועס צווישן ד״ר עלקעס און זיינע געשטאַפּאָ־פאַרשערס אויפן ניינטן פאָרט, נאָר די צוויי ווייטער־געבראַכטע פראַגעס און ענטפערס, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן, קענען געבן אַ גוטע פאָרשטעלונג וועגן זיין אינהאַלט און גייסט.

אויף דער פראַגע פון געשטאַפּאָניק :

— וואָס איז אייער וועלט־אַנשויאונג ?

איז געקומען דער ענטפער :

— נאַציאָנאַלער ייד.

— וואָס מיינט איר דערמיט ?

— אַ ייד מיט אַ פאַרגאַנגענהייט און מיט אַ צוקונפט.

— דער זין פון אייערע ווערטער ?

— ארץ־ישראל !

***

ער דערציילט אונדז אויך וועגן דעם, ווי דער גרעסטער טייל פון די יידישע געטאָ־פּאָליציסטן האָבן מיט אַ וואָך פריער אויפן 9טן פּאָרט, אין אָנבליק פון טויט און אונטער די סאַמע מערדערישע מאַטערנישן, אויסגעהאַלטן דעם געשטאַפּאָ־גיהנום און ניט פאַרראַטן זייערע ברידער. באַזונדערס שטאַלץ און ניט געבראָכן איז געווען משה לעווין, דער לעצטער שעף פון דער געטאָ־פּאָליציי אין סלאַבאָדקע, ביז דער לעצטער מינוט, ווען אַ קויל האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן.

וועגן משה לעווין דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אַ ביסל מער באריכות. ער האָט געהאַט פיל קריטיקערס אין געטאָ, אַפילו אין די אָנפירנדיקע קרייזן פון ציוניסטישן אונטערגרונט. זיינע מעשים אין די לעצטע מאָנאַטן פון זיין פּאָליציי־פירערשאַפט און נאָך מער זיינע לעצטע שעהן פון לעבן אויפן ניינטן פאָרט, ווען דער געשטאַפּאָ־רעוואָלווער איז געווען געווענדט קעגן זיין האַרצן — זיינען אַ וואָרענונג, ווי שטאַרק מע דאַרף זיין אָפּגעהיט ביים אורטיילן די אָנפירנדיקע מענטשן פון די געטאָס.

דער נאָמען „משה לעווין״ איז פאַר פיל איינוואוינערס פון געטאָ ניט געווען באַקאַנט, אַפילו נאָך דעם, ווי ער איז שוין געווען פּאָליציי־שעף. ער איז געווען באַוואוסט צו אַלעמען אונטערן נאָמען „דע־גאָל״, צוליב זיין פעסטער און שטאַרקער האַנט.

ס׳איז זייער אינטערעסאַנט און נאָך מער באַלערנדיק צו באַמערקן, אַז כמעט די גאַנצע ערשטע צוויי יאָר פון געטאָ האָט מען אין די פּאַראַנט־וואָרטלעכע קרייזן אין און אַרום עלטסטן־ראַט אָפּגעשאַצט זיין פערזאָן זייער נעגאַטיוו. טאַקע דעריבער האָט מען אים אַרומגעוואָרפן אויף פאַרשיידענע פּאָסטנס אין דער געטאָ־פּאָליציי גופא (לויט דער אָנווייזונג פון עלטסטן־ראַט). אַ געוויסע צייט איז ער געווען שעף פון דער קרימינאַל־פּאָליציי אין געטאָ — אַ פינפט־ראַנגיקע אָרגאַניזאַציע — מיט דער קלאָרער אויסרעכע־נונג, אַז ער זאָל זיך ניט מישן און גאָרנישט וויסן וועגן די פאַרשיידענע וויכטיקע און אָפטמאָל געהיימע אויפגאַבעס, וואָס עס האָט געהאַט צו דער־פילן די אַלגעמיינע יידישע פּאָליציי אין געטאָ. דערנאָך האָט מען אים ווידער אַריינגענומען אין דער געטאָ־פּאָליציי — אָבער ווען מע וואָלט געווען דעמאָלט מער אַנטשלאָסן און געהאַט מער מוט, וואָלט מען אים אין גאַנצן משלח געווען פון וועלכן ס׳איז פּאָסטן אין דער פּאָליציי אָדער אין אַן אַנ־דער געטאָ־אינסטיטוציע. דער כוח פון זיין שוואָגער אַדוו׳ גאָלדבערג, פון די וויכטיקסטע מיטגלידער אינעם עלטסטן־ראַט, איז אים אָבער בייגע־שטאַנען. און אפשר טאַקע נאָך אַ גרעסערער כוח... איך געדענק זייער גוט, ווי אין צענטראַל־קאָמיטעט פון צ״ס אין געטאָ האָט מען ניט איין מאָל געשמועסט וועגן מעגלעכע פאַרבינדונגען צווישן משה לעווין און דער גע־

שטאַפּאָ, דורך דער פאַרמיטלונג פון כספי־סערעבעראָוויטש, דעם יידישן געשטאַפּאָ־מאַן אין קאָוונע. *)

ערשט ווען משה לעווין איז געוואָרן דער שעף פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי (און זיכער — בעיקר מיט דער הילף ניט דווקא פון עלטסטן־ראַט...) — ערשט דעמאָלט האָט מען אין די פירנדיקע קרייזן פון געטאָ אָנגעהויבן בייטן די מיינונג וועגן זיין פּערזאָן.

מע קען זיך פאָרשטעלן, ווי שווער ס'איז געווען דער פּאָסטן פון אַ יידישן פּאָליציי־שעף אין געטאָ — אויב מע האָט ניט געוואָלט זיין נאָר אַן אַגענט פון דער געשטאַפּאָ. באַזונדערס שווער איז עס געווען אינעם לעצטן יאָר פון געטאָ. פון איין זייט האָט מען געמוזט אויספירן די באַפעלן פון דער נאַצי־מאַכט, פון דער אַנדער זייט — אָפּהיטן וואָס עס לאָזט זיך אָפּהיטן און ניט אויפרייסן די געטאָ פאַר דער צייט. אין אָט דער שווערער תקופה האָט זיך ביי אַ סך געענדערט די באַציאונג צו משה לעווין.

בעת מע האָט די פאַר הונדערט יידישע פּאָליציי־לייט געפירט צום פאָרט (דעם 27סטן מערץ) — נאָך לאַנגע אויסמאַטערנישן אויפן פּלאַץ אַקעגן דער געביטס־קאָמענדאַנטור — זאָל מ. לעווין זיי האָבן געזאָגט (לויט די רייד פון די צוריקגעקומענע פּאָליציסטן), אַז ווער־ווער, אָבער ער וועט שוין זיכער ניט קומען צוריק קיין לעבעדיקער. ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן ניט אַרויסגעבן קיינע סודות פון געטאָ, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז אין אָט דער ריכטונג וועט גיין די אויספאָרשונג און אויף אַזאַ אופן, ווי די געשטאַ־פּאָ איז עס געוואוינט צו טאָן, ווען זי איז פאַראינטערעסירט אַ זאַך צו דער־גיין. ער האָט זיי אויך אָנגעזאָגט, אַז אין אַלע פאַלן זאָלן זיי וואַרפן די שולד אויף אים, און אויף אַזאַ אופן וועלן זיי אפשר קענען ראַטעווען זייערע לעבנס.

עמעצער פון די יידישע פּאָליציסטן האָט געהאַט פאַרגעלייגט, אַז מע זאָל פּרוּוון באַפאַלן די וואַך, שפּרינגען פון די אויטאָס, און אויב עס וועט געלינגען — אַנטלויפן מיט די מאַשינען אין וואַלד. אַזאַ אָפּעראַציע האָט געהאַט געוויסע שאַנסן אויף דערפאָלג, כאָטש פון הינטן איז נאָכגעפאָרן אַן אויטאָ מיט באַוואָפנטע דייטשן. אין יעדן לאַסט־אויטאָ האָבן זיך געפונען

---

*) צו זיין אָפּגעהיטענער מיט רייד, וואָלט מען אפשר געדאַרפט אַנדערש באַ-צייכענען דעם דאָזיקן געוועזענעם דירעקטאָר פון דער העברעאישער „תרבות"-גימנאַזיע אין טעלזש, פירנדיקן מיטגליד פון די ליטווישע רעוויזיאָניסטן און קאָוונער יידישן זשורנאַליסט, וועלכער האָט געלעבט אויסער דער געטאָ צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער. אָבער וועגן זיין פּערזענלעכקייט און מעשים דאַרפן ריידן די יעניקע, וועלכע זיינען אָפּט געצוואונגען געווען זיך צו טרעפן מיטן דאָזיקן פאָרשטייער פון געשטאַפּאָ פאַר די ענינים פון געטאָ, און וועלכער איז דער־נאָך דערשאָסן געוואָרן פון דער געשטאַפּאָ צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע.

דרייסיק־פערציק יונגע, שטאַרקע יידישע פּאַליציסטן, באַוואַכט נאָר פון 3־2 דייטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ניט קיין גינסטיקער לאַגע צום שיסן, ווען ס'וואָלט געקומען צו אַן אָנגריף אויף זיי. פיל פון די יידישע פּאָליציסטן וואָלט זיכער געווען געלונגען אַנטרונען צו ווערן אין דער מהומה. מ. לעווין איז אָבער געווען קעגן דאָזיקן פּלאַן. ער האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ איבערפאַל וועט ברענגען צום באַלדיקן אויסראָט פון געטאָ, און ניט זייענדיק צוגעגרייט צו דעם, וועט זיך פון דאָרטן קיינער ניט באַוויזן צו ראַטעווען. אַזוי אַרום איז דער פּלאַן בטל געוואָרן און זיי זייַנען אַלע אָנגעקומען אויפן פּאָרט, וואו זיי זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן צו 30־40 אין אַ קאַמער.

קיין פיל פּרטים פון די לעצטע שעהן פון מ. לעווין זיינען ניט באַקאַנט. ער איז אַרויסגערופן געוואָרן דער ערשטער. מע האָט אים שרעקלעך גע־מאַטערט, פאָדערנדיק אַרויסצוגעבן סודות פון געטאָ: וועגן פּאַרטיזאַנער, מאַלינעס וכדומה. זיין איינציקער ענטפער זאָל אָבער האָבן געווען, אַז ער ווייסט גאָרנישט.

⁂

געווען אָבער אויך פּאַרקערטע פאַלן: מענטשן, וואָס מע האָט זיי גע־האַלטן די ערשטע צייט פון געטאָ פאַר אידעאַליסטן, זיינען אין די קריטישע מאָמענטן געפאַלן גאָר נידעריק, ביז צו דער מדרגה פון שפּיאָנען און מוסרים.

איינער פון זיי איז געווען דער געטאָ־פּאָליציסט סערגיי. ער האָט גע־הערט, פונקט ווי משה לעווין, צו די אָנפירנדיקע רעוויזיאָניסטן אין געטאָ. ער איז געווען אַ מיטגליד אין דעם פיר־קאָמיטעט פון קליינעם רעווי־זיאָניסטישן געטאָ־מרכז. אַלע געהיימע אויפגאַבן זיינען אים אָנפאַרטרויט געוואָרן. אין זיין צימער האָט זיך אַ לענגערע צייט געפונען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וועגן וועלכן עס האָבן געוואוסט בלויז געציילטע מענטשן אַפילו פון רע־וויזיאָניסטישן מרכז. אין אַלע קריטישע מאָמענטן פון געטאָ האָט מען סערגייען געקענט זען אַרומגיין איבער אַלע געסלעך, פּאַטרולירנדיק און אויספירנדיק פאַרשיידענע וויכטיקע אויפגאַבעס פון זיין פּאַרטיי. ער האָט ניט געפעלט ביים קויפן געווער און ביים אויסבאַהאַלטן עס, ווי אויך ניט ביי די מיליטערישע איבונגען פון יידישן אונטערגרונט אין געטאָ.

אויך די פאַרשטייערס פון די איבעריקע פּאַרטייען האָבן זיך אָפט גע־טראָפן מיט אים, ווי מיטן שליח פון די רעוויזיאָניסטן, ביי פאַרשיידענע באַ־ראַטונגען און ביי וויכטיקע פּראַקטישע אַרבעטן, — און אַלע האָבן וועגן אים געהאַט די בעסטע מיינונג.

אָבער גראָד אינעם סאַמע קריטישן מאָמענט איז ער ניט בייגעשטאַנען

דעם שווערן נסיון. צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע פּאָליציסטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין זיין קאַמער אויפן פּאַרט בעת דער פּאָליציי־אַקציע, האָט ער אָנגעהויבן אַ רעוואָלט קעגן זיין שעף משה לעווין און קעגן זיין באַפעל, ניט אַרויסצוגעבן קיין סודות פון געטאָ. פּאַרן צוזאָג, אַז מע וועט זיי דער־פאַר שענקען ס׳לעבן, האָבן זיי אַרויסגעגעבן דער געשטאַפּאָ וויכטיקע געטאָ־געהיימענישן. די יידישע פּאָליציסטן, און באַזונדערס אַזעלכע פאַר־טרוילעכע לייט, ווי סערגיי, האָבן, נאַטירלעך, געוואוסט, וואו עס געפינען זיך די וויכטיקסטע אויסבאַהאַלט־ערטער פון יחידים און פון אָרגאַניזאַציעס. די „מאַלינעס" זיינען געווען איינע פון די שטאַרקסטע קייטן אין דער פּאַרטיידיקונגס־סיסטעם פון געטאָ קעגן דער געשטאַפּאָ אין יענעם טאָג, ווען דער פּראָנט וועט זיך דערנענטערן און די דייטשן וועלן פּרואוון פּאַרטי־ליקן — אַזוי האָבן מיר אַלע געהאַלטן — די געטאָ. הונדערטער טויזנטער מאַרק זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אינעם בויען די דאָזיקע „מאַלינעס". אַנדערע זיינען געווען אַזוי פּאַכמעניש געבויט, אַז אָן אַ מסירה וואָלטן זיי קיין מאָל ניט אויפגעדעקט געוואָרן. אַ ריי פון די דאָזיקע באַהעלטענישן זיינען דורך סערגייען און דורך די פּאָליציסטן פון זיין קאַמער אַרויסגעגעבן געוואָרן. דערמיט איז, אייגנטלעך, געחתמעט געוואָרן דער גורל פון פיל יידן אין געטאָ, וואָס האָבן געהאַט אַריינגעלייגט פיל געזונט און געלט אי־נעם אויסבויען פון די „מאַלינעס", און פאַר וועלכע ס׳איז שוין געווען צו שפּעט אָנצוהייבן זוכן נייע רעטונגס־וועגן.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון אַזאַ לכתחילה נאַציאָנאַל־באַ־וואוסטזיניקן יונגנמאַן, ביז ער איז געוואָרן אַן אַקטיווער מיטמאַכער אין דער אָפיציעלער (פון דעמאָלט) יידישער מוסרים־פּאָליציי אונטער דער פירערשאַפט פון ארנשטאַם און גראָסמאַן.

סערגיי האָט נאָך געהאַט געמאַכט אַ לעצטן פּרואוו זיך צו רעכטפאַרטיקן פאַר זיינע מעשים און געזוכט אַ שמועס מיטן פירער פון די רעוויזיאָניסטן אין געטאָ, הירש לעווין — אָבער יענער האָט זיך ניט געוואָלט טרעפן מיט אַ מענטשן, וואָס האָט פאַרראַטן זיין פּאַרטיי און די העכסטע אינטערעסן פון זיין פאָלק.

***

אונדזער בעל־שמועס דערציילט אונדז אויך וועגן סוף פון די קאָנצערטן אין געטאָ.

נאָך דער „גרויסער אַקציע" פון 28סטן אָקטאָבער 1941 האָט זיך אין געטאָ אָנגעהויבן אַ געוויסע רואיקע תקופה. עטלעכע חדשים זיינען אַריבער אָן „אַקציעס", איז דאָס געטאָ־לעבן אַרויף אויף געוויסע נאָרמאַלע רעלסן — אויף וויפל מע קען בכלל ריידן וועגן נאָרמאַלקייט אין אַזאַ אומנאָרמאַלן

צושטאַנד. אין יענעם פּעריאָד האָט מען אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין געטאָ קאָנצערטן.

געשען איז עס מיט דער דערלויבעניש פון עלטסטן־ראַט. דער דיריגענט איז געווען דער אין ליטע באַוואוסטער קינסטלער האפמעקלער, וואָס האָט אין די פריערדיקע יאָרן דיריגירט דעם אָרקעסטער אין דער ליטווישער מלוכה־אָפּערע. אין געטאָ־אָרקעסטער האָבן אָנטיילגענומען די באַקאַנטע די־ריגענטן און פידלערס סטופּעל, פּאַמעראַנץ, ווערא שאָר און נאָך אַ ריי ערשט־קלאַסיקע קינסטלערישע כוחות.

אַזאַ צוזאַמענשטעל פונעם אָרקעסטער האָט שוין לכתחילה געגעבן אַ גאַראַנטיע פאַר זיין קינסטלערישן ניוואָ און פאַר זיין דערפאָלג. עס האָבן זיך אָבער דערוועקט ספיקות, צי עס איז בכלל דערלאָזלעך צו אַראַנזשירן עפנטלעכע קאָנצערטן אין אַן אָרט, פון וואַנען עס זיינען אָקאָרשט אַרויס־געפירט געוואָרן טויזנטער יידן צו דער שחיטה, אין אַ לאַנד, וואו ס׳זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אָכציק פּראָצענט פון יידישן קיבוץ, אין אַ צייט, ווען יידיש בלוט גיסט זיך ווי וואַסער אין גאַנץ אייראָפּע. דער איסור צו הערן געזאַנג אין צייט פון טיפן טרויער און אַנדערע דיני־אבלות האָט ביי די פאָלקס־מאַסן אַרויסגערופן אַ רעוואָלט קעגן אַזאַ חילול־המת. ניט איין מאַן און ניט איין פרוי האָבן זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, ווען זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דאָס „פּאָליציי־הויז״, וואו די קאָנצערטן פלעגן פאָרקומען, ניט וועלנדיק הערן קיין מוזיק־קלאַנגען אין די אומענדלעכע „שבעה״־טעג פון דער געטאָ.

דער עלטסטן־ראַט און ס׳רוב פירערס פון די געטאָ־אינסטיטוציעס האָבן זיך אָבער שטאַרק איינגעשטעלט פאַר איינפירן די קאָנצערטן. זיי האָבן געוויס אויך געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר די מאָטיוון, — ריכטיקער: פאַר די געפילן — פון די קעגנערס, נאָר זיי האָבן געוואָלט, משמעות, דורך די קאָנצערטן אַ ביסל ווירקן אויף צו באַרואיקן די געמיטער אין געטאָ און אפשר אויך ווענדן דעם אינטערעס פון די געטאָ־יידן צו העכערע ענינים. היות שולן זיינען געווען פאַרבאָטן, קלויזן אָסור, פאַרזאַמלונגען ניט דער־לויבט — האָבן זיי, מסתמא, געגלויבט, אַז אין אַזאַ צייט איז מותר צו ברעכן דעם שווערן דין פון אבלות.

ווער פון אָט די צוויי צדדים איז געווען גערעכט?

די דאָזיקע פראַגע איז פאַרבונדן מיט אַ פּיל וויכטיקערער שאלה: איז בכלל געווען ריכטיק די גענעראַל־ליניע פונעם עלטסטן־ראַט? ווייל די מעשה־קאָנצערטן איז געווען נאָר אַ טייל פון דער אַלגעמיינער ליניע. אָבער אפשר גראָד אויף דער ערשטער פראַגע קען מען גיכער ענטפערן עמאָ־ציאָנעל, ווי ראַציאָנעל (וועגן דער צווייטער פראַגע איז ניט דאָ ס׳אָרט צו רעדן). און איך וועל ברענגען אַ משל פון זיך.

ווען איך האָב געהערט אין געטאָ דעם ערשטן קאָנצערט, האָט עס געמאַכט אויף מיר אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. נאָך אַזעלכע פּערזענלעכע און נאַציאָנאַלע איבערלעבענישן אין אַ היטלעריסטישן תחום־המות, אויף פרישע קברים פון אייגענע און באַקאַנטע, פאַרשוואַרצטע פון אַרבעט אויף פלי־פּלעצער און אין שמוץ־ערטער, באַליידיקטע און צעשלאָגענע דורך שמיץ און קלעפּ פון כאַמעס און צוויי־פיסיקע בעסטיעס — נאָך אַט דעם אַלעם צו זיין אין אַ סביבה פון לויטער יידן, אָן קאַנטשיק ביי דער זייט און אָן ביקס פון דער ווייט, און צו הערן די קלאַנגען פון „אלי, אלי״, „כל נדרי״, „התקוה״, — ווער קען ביישטיין דעם נסיון און ניט אויפציטערן ביז די טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה און ניט פאַרגליווערט ווערן אויף אַ וויילע אין קינסטלערישער התפעלות און אין שטומען, פאַרטרערטן בליק?! נאָר בשעת די לעצטע טיף־מיטרייסנדיקע אַקאָרדן פון די מוזיק־אינסטרומענטן האָבן זיך אויסגעוועפּט אין חלל און איך בין אַרויס אויף דער גאַס, וואו איך האָב ווידער געטראָפן די פאַרחושכטע מאַסע, וואָס איז פאַריתומט און פאַרהונגערט און פאַרפּייניקט — האָב איך גענומען גיך אַוועקשפּרייזן פון אַט דעם קאָנצערט־אָרט. די געציילטע מינוטן פון קינסטלערישן פאַרגעסן זיך אָן געטאָס און פאָרטן און שחיטות האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם מאָראַלישן שטומען אָנבליק פון די אויגן פון מאַמעס אָן קינדער און יתומים און יתומות. יידישע אבלות האָט פיינט מוזיק, וועלכע הויכע צילן מע זאָל איר ניט צושרייבן.

איבער די ערשטע קאָנצערטן האָבן נאָך געהאַט מאָמענטן פון נאַציאָנאַלקינסטלערישן דערהייבן זיך, פון פאַרגעסן די ביטערקייט פון לעבן און איינזאַפּן שטילע האָפענונגען אויף ליכטיקערע טעג, אַ מין קינסטלעריש תהילים־זאָגן פאַרן געזונט פון אַ שווערן חולה — האָבן זיי אָבער שפּעטער ,עם דאָזיקן כאַראַקטער אין גרעסטן טייל פאַרלוירן. מיט דער צייט זיינען די קאָנצערטן געוואָרן אַ מסחר־זאַך, מיט בילעטן, מיט פּראָטעקציע, מיט אויסגעפּוצטע הערן און געשמינקטע דאַמען, אָן אָרט פון פליִרט.

אין די ביטערסטע חדשים, ווען די געפאַר פון געטאָ־ליקווידאַציע איז שוין געווען אָנצוטאַפּן מיט דער האַנט, איז געקומען דאָס ווייטיקדיקסטע קאַפּיטל פון די קאָנצערטן. די נאַצישע מושלים, וועלכע פלעגן פון צייט־צו־צייט באַזוכן די עפנטלעכע אויפטריטן פון געטאָ־אָרקעסטער, האָבן גראָד אין יענער טראַגישסטער תקופה אויפגעפאָדערט די יידישע מוזיקערס צו געבן ספּעציעלע קאָנצערטן פאַר זיי. בראש פון זיי איז געשטאַנען דער תליון פון די יידישע געטאָס — געקע. צו זיי פלעגן געלאַדן ווערן „הויכע לייט״ פון קאָוונע גופא. קיין יידן פלעגן, נאַטירלעך, ניט צוגעלאָזן ווערן, נאָר וואָלטן די מוזיקערס גופא געהאַט אַ דעה, וואָלטן זיי געוויס מוחל געווען דעם גאַנצן כבוד. זיי האָט מען ניט געפרעגט — און מיט פאַרבלוטיקטע הערצער,

אָבער מיט אַ געמאַכטן שמייכל אויף די ליפּן האָבן זיי געמוזט פאַרווילן זייערע פּייניקערס און תלינים.

דעם יידישן פאָלק פאַרפאָלגט שוין אַזאַ ביטערער גורל אין זיין געשיכטע, אַז זיינע פאַרפאָלגערס ווילן זיך אָדער זעטיקן מיט דער יידישער מוזיקאַלישער קונסט, אָדער סתם פּריצעוואַטע זיך איזדיעקעווען איבער זיינע קינדער דורך צווינגען זיי צו זינגען און טאַנצן פאַר זייערע פּייניקערס. אָבער אין וואַרצל האָט עס: פון דעם „שירו לנו משירי ציון" אין בבל איבער די טענץ און געזאַנגען פון יידישן אַרענדאַר פאַרן פּריץ אין פּוילן און ליטע ביז די יידישע קאָנצערטן אין סלאַבאָדקער געטאָ־וואַרשטאָטן פאַר היטלעריסטישע בלוט־דורשטיקע רוצחים ציט זיך איין פאָדעם פון איין גרויסער טראַגעדיע פון געפּייניקטן יידישן פאָלק.

ווער עמעצער פון אָט די יידישע מוזיקערס בלייבן ביים לעבן, וועט אפשר געבוירן ווערן אַ נייער „על נהרות בבל שם ישבנו, גם בכינו", אַזאַ ניגון, וואָס פאַר די תלינים האָט מען עס ניט געקענט אַרויסברענגען, אָבער וואָס מיט יעדן ציען דעם סמיטשיק איז ער אָנגעקוואָלן געוואָרן מיט גאַל.

די דאָזיקע קאָנצערטן פון די יידן פאַר די געשטאַפּאָ־לייט און ס"ס־מענער זיינען געווען טויזנט מאָל ווייטיקדיקער און באַליידיקנדיקער פאַר די טויזנטער יידישע אבלים, ווי די קאָנצערטן פון יידן פאַר יידן. און אפשר איז אויך דאָס געווען די שטראָף, די שאַרפע און שניידיקע שטראָף, סיי פאַר די מוזיקערס, סיי פאַר די פירערס פון געטאָ, וועלכע האָבן דערלאָזט און דערלויבט, אַז אויפן ריזיקן בית־עלמין פון ליטווישן יידנטום זאָלן אויפקלינגען טענער פון מוזיק.

ווער ווייסט די מיסטעריעזע וועגן פון דער שטראָפנדיקער האַנט?

די מעשה־קאָנצערטן ברענגט אַרויף אין מיין זכרון אַ קליינע געשעעניש, וואָס איר איינדרוק קען איך ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרגעסן:

ס'איז געווען דער ערשטער קאָנצערט אין געטאָ. די מוזיק־פּראָגראַם — ווי געשריבן פאַר די איינוואוינערס פון טאָל פון טויט. דער ערשטער נומער, נאָך „התקוה", איז געווען „כל נדרי". דער טרויעריקער, האַרץ־רייסנדיקער ניגון פון די אנוסים אין שפּאַניע האָט פאַרקלעמט די הערצער פון די פאַרמשפּטע אין סלאַבאָדקע. הויך־שפּאַנונג פון געמיט און געדאַנק. אַלע אויגן — געווענדט צו דער סצענע, וואו עס ווערן אַרויסגעכישופט די צעוויטיקטע קלאַנגען. טויט — שטיל. מיטאַמאָל — אַ קלאַפּ, אַ פאַל, אַ געשריי: אַ פרוי איז געפאַלן אין חלשות. די פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן מיר. און געווען איז זי ביז גאָר ניט לאַנג — אַ קריסטין. זי האָט געקענט לעבן פריי אין שטאָט, איז זי אָבער געגאַנגען אין געטאָ מיט איר מאַן טיילן דעם יידישן גורל. רות פון סלאַבאָדקע אין דער טראַגישסטער אויפלאַגע.

אין קאָנצערט־זאַל זיינען געזעסן יידן, וואָס האָבן מערער און טיפער

געהאַט אײנגעזאַפּט אין זײערע הערצער די טענער פון „כל נדרי", פאַרװאָס איז צום מערסטן אויפגעטרייסלט געװאָרן גראַד אַ געװעזענע קריסטין?

שװער צו געבן אַן ענטפער. עס טראַכט זיך נאָר, אַז אפשר האָבן פאַרמאָגט פון דורות פאַרװאָרצלטע יידן מער גייסטיקע כוחות אויסצוהאַלטן טויט־שפּאַנונגען, װי אָקאָרשט־געװאָרענע יידן. אפשר דערפאַר זײנען די געטאָס ניט געװאָרן קיין סצענעס פאַר מאַסן־זעלבסטמאָרדן.

***

געװען נאָך געװעזענע קריסטן אין געטאָ, װאָס דער װעג צו דער גרױ־סער װעלט איז געשטאַנען אָפן פאַר זיי, און זיי האָבן אויסגעקליבן צו גיין מיט יידן און אומקומען מיט זיי.

די פרוי פון ד״ר מאַטעס, דעם באַװאוסטן פאָלקיסטישן טוער אין ליטע, איז געװען אַ קריסטין, טאַקע אַ „ריינע" דייטשקע. אויך אירע קינדער האָבן זיך גערעכנט פאַר „ריינע" אַריער. זי האָט געהאַט דריי ברידער, װעלכע האָבן געקעמפט פאַר היטלערן אויפן פראָנט. זי האָט געקענט איר לעבן ראַטעװען — אָבער זי איז טריי געבליבן איר יידישן מאַן און זיין גורל.

מאַטעריאַל פאַר אַן אויפטרייסלענדיקער דראַמע איז די געשיכטע מיט אַ יונגן ליטװינער, אַ גר. ער איז געװען דער זון פון אַ באַקאַנטן ליטװישן דיפּלאָמאַט, דעם קאָנסול פון ליטע אין די סקאַנדינאַװישע לענדער, ד״ר יואַזאַס סאװיצקיס. ער האָט זיך געהאַט פאַרליבט אין אַ יידישער פּראָסטי־טוטקע, האָט זיך מגייר געװען און חתונה געהאַט מיט איר.

װער קען די װעגן פון אַ מענטשלעך האַרץ?

װען ס'איז אַרויס דער באַפעל װעגן אַריינטרייבן די יידן אין געטאָ איז ער מיטגעגאַנגען מיט איר אין געטאָ אַריין. דער עלטסטן־ראַט האָט אים געגעבן אַרבעט ביים היטן די יידישע גערטנער, װאָס זיינען געלעגן האַרט ביי די שטעטיקע דראָטן. אַ ליטװישער פּאָליציסט, װעלכער האָט געהיט די געטאָ פון דער אַנדער זייט, האָט איין אָװנט געשמועסט מיט אים אַ לאַנגע צייט און ביים סוף געשאָסן אין אים. ער איז געפאַלן מיטן ליטװישן „אָ, יעזאו" (יעזוס) אויף די ליפּן, אָבער די לעצטע װערטער זיינע זיינען געװען, אַז מע זאָל אים לייגן אויפן יידישן בית־עולם און אַז מע זאָל זען צו באַשיצן זיין פרוי.

אָבער דאָס סאַמע רירנדיקסטע איז די געשיכטע מיט אַ קריסטין, ניט קיין גרטע, װאָס פיל אין געטאָ האָבן זי געקענט און אָפט גערעדט װעגן איר. אויך אונדזערע איצטיקע פּלוצעם־געקומענע געטאָ־אורחים דערציילן אונדז װעגן איר.


טאָג־טעגלעך פלעגט מען זען אין געטאָ אַן אַלטע פרוי זיך אַרומ־פירנדיק מיט אַ קליין קינד. די פרוי האָט געהאַט אַ טיפיש־ליטוויש אויסזען און די פּאַטשיילע האָט ניט שטאַרק געהאָלפן עס צו פאַרשטעלן. אַ באַזונ־דערס גרויסן פאַרוואונדער האָט אַרויסגערופן די שפּראַך פון דער אַלטער און פון קינד: ליטוויש — ליטוויש אין געטאָ? נאָר די, וואָס האָבן זי געזען נישט צום ערשטן מאָל, האָבן געוואוסט די גאַנצע מעשה.

די אַלטע איז געווען אַ פרומע קריסטין, אַ כשרע ליטווינערין. איר קינד — אַ כשר, ריין יידיש קינד. זי איז געווען אַ דינסט ביי די עלטערן פונעם קינד איבער דרייסיק יאָר. טאַטע־מאַמע זיינען דערהרגעט געוואָרן גלייך אין די ערשטע טעג פון חורבן. די אַלטע האָט דאָס קינד ניט פאַרלאָזן. זי פלעגט גיין אין שטאָט טאָן די שווערסטע אַרבעטן, אַבי צו ברענגען עפּעס עסן פאַרן קינד. דערביי האָט זי יעדעס מאָל ריזיקירט מיט איר לעבן, קריכנ־דיק דורך די דראָטן, אָדער אָנטוענדיק אַ געלע לאַטע און אַזוי אַרום אַריינ־שמוגלען זיך אין יידישע אַרבעטס־בריגאַדעס. זי האָט געגעסן טרוקן ברויט, אָבער פאַרן פרעמדן יידישן קינד האָט זי באַזאָרגט פונעם בעסטן.

אין געטאָ האָט זיך ניט באַשטעטיקט דער מאמר, אַז „קשים גרים לישראל כספחת". (גרים זיינען שטעכיק פאַר יידן ווי אַ דאָרן).

אין געטאָ האָט מען געוואוסט ניט נאָר פון ליטווינער־רוצחים, נאָר אויך פון ליטווישע חסידי אומות העולם, כאָטש געציילטע.

נאָר דער משומד האָט זיין פעל ניט געביטן. די משומדתטע אויף ראַ־מיגאַלאַס גאַס האָט שיער ניט געבראַכט צו אַ פאָגראָם אויף דער געטאָ. פאַר־שפּאַרט צוזאַמען מיט די יידן איז דער משומד אַלץ פאַרבליבן זייער גיפ־טיקסטער שונא.



אַ בלעטל פון טאָג-בוך

.7

באַפרייטע אבלים

28סטער יולי.

עס ווערן אַלץ נאָענטער און ס'הערן זיך אַלץ קלאָרער די אָפּהילכן פון אַרטילעריע־שאָסן. אַ סימן, אַז דער פראָנט דערנעענטערט זיך אַלץ מער. די טעטיקייט פון דער אַוויאַציע האָט זיך אויך פילפאַכיק פאַרשטאַרקט. יעדער גרויסער אויפרייס הילכט אָפּ אין יעדערן פון אונדז, און איינער צום צווייטן שמייכלט צו: „נו, וואָס זאָגסטו?" אָדער: „הערסט, איצט דער־לאַנגען זיי גוט". יעדער טראַסק גיט צו האָפענונג, יעדער קנאַל פאַרשטאַרקט דעם בטחון. די נערוון־שפּאַנונג איז אין לשער. ווי לאַנג האָט מען גע־וואַרט אויפן דאָזיקן מאָמענט, אָבער — ווי האַלט מען אויס די לעצטע טעג, אפשר די לעצטע שעהן? איצט איז דאָך די סאַמע קריטישסטע צייט, און ווער ווייסט, אויב גראָד אין די מקומות וועט זיך ניט אָפּשטעלן דער פראָנט. אויב די דייטשן זאָלן פּרואוון זיך פאַרפעסטיקן אין די אַרומיקע וועלדער און קוסטעס, קענען דאָ אָנגיין אומברחמנותדיקע שלאַכטן — און מיר זיינען פאַרלאָרן. טויט און לעבן, אויסלייז און אונטערגאַנג, ליכט און שאָטן מישן זיך צונויף און מי יודע, ווער וועמען ס'וועט מנצח זיין.

אין אַזאַ שטימונג געפינט אונדז איינער פון אונדזערע פריערדיקע אַכט, וועלכער איז געווען אויסבאַהאַלטן ביי אַ פויער ניט ווייט פון אונדז. ער דערציילט אונדז אַ געשיכטע, וואָס איז אויך אַ געמיש פון האָפענונג און שרעק, פון פרייד און יאוש: ער איז פּלוצעם, ניט וויסנדיק פון קיין פותר־חלום, אַרויף אויף פינף פרעמדע מענטשן, וועלכע זיינען געקומען אויך אַזוי פּלוצעם צו זיין באַלעבאָס. דריי פון זיי זיינען געווען באַוואָפנט און אָנגעטאָן אין מונדירן, פון די איבעריקע צוויי איז איינע אַ יונגע פרוי. דער מונדיר איז פון די אוקראַינישע איבערלויפערס צו די דייטשן — און ער האָט געמיינט, אַז דאָ זיינען שוין זיינע זעכציק יאָר. קיין וועג אויף צוריק איז שוין, אָבער, ניט געווען און ער האָט געמוזט זיין גרייט אויף אַלץ. בעתן שמועס מיט זיי האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען אַנטלאָפן פון ערגעץ אַ לאַגער לעבן קאָוונע און איצט וואַרטן זיי אויפן אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי. זיי האָבן אים געמאָלדן, אַז זיי „מאָבילי־זירן" אים צום קאַמף קעגן די דייטשן. אים איז געוואָרן קאַלט אין אַלע גלידער. איינער האָט געטענהט

צו אים: „ווי ביסטו דאָס אַן געווער? סטאַלין האָט געזאָגט, אַז גלייך נאָכן אַנטלויפן פון לאַגער מוז מען זיך נעמען צום וואָפן. וועסט מיטגיין מיט אונדז און מיר וועלן דיך שוין באַזאָרגן מיט אַ ביקס". אַ טייערע נחמה אין די לעצטע מינוטן פאַר דער באַפרייאונג. ער האָט זיי דערציילט וועגן די פּיין און יסורים פון די יידן — דאָס זאָל זיי אָנגיין אַ האָר! דערצו נאָך האָבן זיי נאָך פריער געהאַט אָוועקגעלייגט וועגן די יידן דאָס אמתע לשון פאַר זיינע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן אים דאָס איבערגעגעבן. איין גליק: די טונקעלע חברה־לייט האָבן זיך גוט אָנגעטרונקען, האָט ער אויסגעניצט די לאַגע און געמאַכט אַ „ויברח" צו אונדז.

דאָס האַרץ ביי יעדערן פון אונדז הייבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן. מיר זיינען אַלע איינגיק, אַז ווער זיי זאָלן ניט זיין, פאַר אונדז וואָלט פיל גלייכער געווען, ווען זיי באַוויזן זיך איצט ניט אין אונדזער געגנט. אויף יעדן פאַל קען די גאַנצע מעשה אַרויסרופן אַ גרויסן טומל ביי די פּויערים אַרום, און די זאַך קען נאָך דערגיין צו די דייטשן, וואָס זיינען סטאַציאָנירט ניט ווייט פון דאַנען. עס קען זיך אָנהייבן אַ זוכעריי אין די קוסטעס און דאָס קען אונדז ברענגען דאָס גרעסטע אומגליק. אויב, ווידער, די אַנטלאָפענע אוקראַאינער זיינען מאַסקירטע שפּיאָנען — דעמאָלט איז דאָך גאָר ביטער.

זיינען מיר אַלע שטאַרק אויפגעטרייסלט און וואַרטן מיט שרעק אויפן קומענדיקן טאָג, ווען אונדזער גאַסט, לויט אַן אָפּרייד, וועט דאַרפן קומען צו אונדז איבערגעבן ווייטערדיקע פּרטים און אויפקלערן די לאַגע.

29סטער יולי.

לויטן אָפּרייד מיט אונדזער נעכטיקן גאַסט, האָט ער געדאַרפט קומען באַלד אין דער פרי, כדי אונדז איבערצוגעבן גענויערע ידיעות וועגן די פינף פאַרשווינען, אויב ער וועט זיך דערוויסן עפּעס שלעכטס; אויב אָבער ער קומט ניט, איז אַ סימן, אַז אַלץ האָט זיך גוט געענדיקט.

דער זייגער איז פינף, זעקס, זיבן. אָט איז די צענטע שעה — און אונדזער „מרגל" איז נאָך אַלץ ניטאָ. מיר הייבן זיך אָן באַרואיקן. מע הייבט זיך אָן טרייסטן, אַז מיר זיינען אפשר אָפּגעקומען מיט אַ שלאָפלאָזיקער נאַכט און מיט אַן אומזיסט פּאַקן די פּעקלעך. די שרעק אויף די פּנימער ווערט בלאַסער. אַ שמייכל באַוויזט זיך אויף די ליפּן: באַשערט נאָך געווען אויך דאָס אָפּצוקומען אַ קורצע צייט פאַר דער אויסלייזונג.

מיטאַמאָל שפּרינגען מיר אַלע אויף פון די ערטער און ווענדן די

בליקן אין איין ריכטונג — צו מערב־זייט. גאָר נאָענט פון יענער זייט הערן זיך 11 ביקסן־שאָסן, איינער נאָכן אַנדערן. די שאָסן גייען קלאָר פון דער זייט, וואו ס׳לעבן די באַלעבאַטים פון אונדזער נעכטיקן גאַסט, און מיר זיינען חושד, אַז די שאָסן קומען פון די ביקסן פון זייערע נעכטיקע פינף באַזוכערס. אַ פאַרגליווערטער פרעגצייכן אין אַלעמענס אויגן. קיינער וואַגט ניט אַ וואָרט אויסצורײדן. איינער פאַרשטייט אָבער די געדאַנקען פון צווייטן. און ווי מיר שטייען אַזוי פאַרגאַפט און פאַרשטאַרט פון שרעק און ניט־וויסן, אַז עס לויפט צו אונדז אָן פון די קוסטעס אונדזער אַלטע, ניט־טויט, ניט־לעבעדיק, מיט אַ געשריי: „גיכער אַנטלויפט פון דאַנען!" אויף אונדזע־רע דערשטוינטע פראַגעס ענטפערט זי גיך און דערשראָקן, אַז די נאַכט זיינען צוגעפאָרן צום הויז פון שכן שוקיס צוויי טאַנקען, האָבן דערשאָסן אַלע פינף פערזאָנען אין שטוב און פאַרברענט דאָס הויז. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ מסירה, אַז ביי אים האָבן זיך אויסבאַהאַלטן יידן.

דאָס פאַרשטאַרקט נאָך מער ביי אונדז דעם פאַרדאַכט, אַז די נעכ־טיקע פינף אוקראַינער זיינען שפּיאָנען און אַז די מעשה שוקיס איז זייער שטיקל אַרבעט. זיי האָבן, מיינען מיר, פריער זיך גוט נאָכגעפרעגט וועגן אַלע פויערים, וועלכע זיינען פאַרדעכטיקט ביי די דייטשן, און איצט הייבן זיי אָן די אויסראָט־אַרבעט קעגן זיי.

אַ קורצע באַראַטונג — און מיר באַשליסן וואָס גיכער פון דאַנען זיך אָפּצוטראָגן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ס׳איז נאָך גרויסער טאָג. די געפאַר איז צו נאָענט, אַז מיר זאָלן דאָ נאָך קענען בלייבן אַפילו איין שעה. אַנטלויפן איז דער איינציקער אויסוועג.

לאָזט זיך ווידער איבער פעלד און וואַלד דער „קאַראַוואַן", אָפּשטעלנדיק זיך יעדע ווײלע כדי זיך איינצוהאָרכן, צי ס׳הערן זיך ניט פרעמדע טריט און צי מע יאָגט אונדז ניט נאָך. מיט צרות, מיט מאַטערניש קומען מיר אָן אין נייע קוסטעס. מיר ציען זיך אויס אויף דר׳ערד. קיין וואָרט, קיין קלאַנג. מיין ווייב ווערט ניט־גוט, קוים־קוים וואָס מע דערמינטערט זי מיט דער פלאַש וואַסער, וואָס מיר האָבן צום גליק מיטגענומען.

אָן עסן, אָן טרינקען פאַרברענגט מען אַזוי דעם טאָג. ס׳טונקלט שוין. קיינע באַאומרואיקנדיקע סימנים פון דער זייט פון אונדזער אַלטנס הויז מערקן זיך ניט. דער הונט בילט ניט, קיין געשרייען הערן זיך ניט, קיין שאָסן אויך ניט — באַשליסן מיר ווידער צו גיין צוריק, נעענטער צו דער שטוב. מע מוז זיך דאָך דערוויסן, וואָס דאָ געשעט אין אונדזער געגנט, און מע קען ניט ליגן, ווי אַ קאַץ אין זאַק. ס׳קען דאָך זיין, אַז אַפילו אַ פּאָר קילאָמעטער פון אַלטנס הויז איז פאַר אונדז געפערלעך צו בלייבן.

ווען ס׳איז שוין גוט פינצטער, שלייכט זיך צו צו דער טיר איינע פון פון אונדז. די שטוב איז אָבער פאַרשלאָסן, דער חזיר און דאָס פערד —

אַרויסגעפּירט, אַ סימן אַז די באַלעבאַטים גופא האָבן אויך זיך אָפּגעטראָגן פון דאַנען. ביטער, קען זיין, אַז מיר ליגן דאָ אויף הייסע קוילן, מע טאָר דאָ קיין מינוט ניט זיין. ביי שכנים טאָר מען אויך ניט פרעגן. וואָס טוט מען?

פלוצלונג, ווי פון אונטער דער ערד, איז אויסגעוואַקסן פאַר אונדז דער אַלטער טאַדעאוש. ער בייזערט זיך, הלמאי מיר געפינען זיך אַזוי נאָענט צו דער שטוב. יעדע מינוט, זאָגט ער, קענען קומען די זעלביקע חברה־לייט. נעמען מיר ווידער די פעק אויף די פּלייצעס און ווידער אויפן וואָגל־וועג, דאָס מאָל פיל ווייטער פון „אונדזער״ שטוב.

30סטער יולי.

אַ פיינפולע נאַכט. שרעקלעכע בילדער. דער אַלטער איז ניטאָ. קיין ביס ווייסן מיר ניט. ליגן, ווי אין אַ זאַק. דערצו הייבט נאָך אָן פייניקן דער הונגער. ניט ווייניקער פייניקט דאָס געפיל, אַז מיר געפינען זיך אויף אַ ווולקאַן.

אַרום מיטאָג־צייט הייבט זיך אָן אַ גוואַלדיקע קאַנאָנאַדע. דאַכט זיך, אַז גאָר ניט ווייט פון אונדז שיסן די האַרמאַטן. שרעקלעך די קלעפּ און — פריידיק אויפן האַרצן. אפשר? — זאָגן אונדזערע שטומע בליקן.

דער אַלטער האָט געזאָלט קומען אין דער פרי — וואו איז ער? האָט מיט אים עפּעס פּאַסירט? דער פראָגט איז זיכער ניט ווייט פון אונדז — און דאָך ווייסן מיר ניט, וואו מיר געפינען זיך און צי מיר מעגן זיך דאָ געפינען. מיר מוזן ווייסן ביים, אָבער מוז הייבט, מוז מאָרגן — ס׳העלפט ניט. פלעכטן מיר זיך אַרום מיט אָפּגעריסענע צווייגן אונטער אַ בוים און לייגן זיך אַוועק וואַרטן אויפן אַלטן — אונדזער איינציקן גואל איצט.

ערשט שפּעט פאַרנאַכט, ווען די זון שיקט שוין אירע לעצטע אָפּשייד־שטראַלן צו די העכסטע ביימער־שפּיצן, לאָזט זיך אַראָפּ אונדזער אַלטער. זיין פּנים איז עפּעס ניט אַזוי פינצטער, ווי נעכטן. זיינע אויגן באַוועגן זיך עפּעס גיכער און פריילעכער. מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם וואַרטן מיר אויף זיין תשובה אויף אונדזער איינציקער פראַגע: „וואָס הערט זיך?״ ער שמייכלט פויעריש־געלאַסן און זאָגט קורץ: „ס׳איז גוט, האָט ניט קיין מורא!״ דעמאָלט פאַרויכערט ער זיך רואיק זיין פייקע און דערציילט:

— די רויטע אַרמיי האָט שוין פאַרנומען קאָוונע. זי איז שוין ניט ווייט פון אונדזער מקום. אין גיכן וועט איר זיין פרייע מענטשן. קומט שוין מיט מיר, כדי צו זיין נעענטער צו מיין שטוב״.

אויף אַזאַ בשורה האָבן מיר זיך איצט ניט געריכט. פּלוצלונגדיקע פרייד, פּונקט ווי פּלוצלונגדיקע שרעק, פּאַרגליווערט אָפּט ס׳האַרץ און דעם מוח.

בויען וועלטן נאָר אויף די רייד פונעם אַלטן קען מען אָבער אויך ניט. און אין אונדזער מצב איז איין פאַרשפּעטיקטע מינוט אַמאָל ווערט אַ לעבן פון אַ מענטשן. אַט האָבן זיך היינט, מיטן דערנעענטערן פון פראָנט צו אונדז, זיך גענומען דאָ באַווייזן דייטשע סאָלדאַטן. אין די היגע מקומות, פאַררוקטע אין וואַלד און קוסטעס, איז דאָס אַ גרויסע זעלטנקייט. זיי זוכן פערד. היות אָבער די פּויערים האָבן זייערע פערד באַהאַלטן אין די קוסטעס, לאָזן זיך די דייטשן זוכן צווישן די געדיכטע ביימלעך, וואו אָנשטאָט אַ פערד קענען זיי אַמאָל געפינען גאָר אַ יידן...

דעם „כבוד“ אויפצונעמען אַזעלכע דייטשע סאָלדאַטן האָט היינט גע־האַט אונדזערער אַ שכן. אויף זיין טענה, אַז זיינע פערד האָבן שוין צוגע־נומען אַנדערע דייטשן, האָבן יענע געענטפערט, אַז אין די ערטער באַהאַלטן זיך אויס פיל פאַרטיזאַנער און אויב ער וועט ניט ווייזן וואו עס זיינען זייערע באַהעלטעגישן, וועט ער און זיין פאַמיליע האָבן אַ ביטערן סוף. זיי האָבן תיכף אויסגעשטעלט קוילנוואַרפערס אַרום הויז, גרייט צום שיסן. דער פּויער האָט, צום גליק, זיך ניט פאַרלאָרן — און ס׳איז געבליבן נאָר ביים סטראַשען.

דאָס איז זיך פאַרלאָפן אויף אַ מרחק פון — 200 מעטער פון אונדז! אויב מיר וועלן בלייבן לעבן, וועלן מיר זיך שפּעטער מסתמא אַליין וואונדערן, ווי האָט מען דאָס געקענט אַריבערטראָגן אַזאַ האָגל פון צרות און אַזאַ לאַנגע קייט פון די טיפסטע נשמה־אויפטרייסלונגען — און דאָס האַרץ זאָל ניט צעפּליקט ווערן אויף שטיקער.

2טער אויגוסט.

די לעצטע טעג איז די שיסעריי אַרום אונדז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. היינט פליען די קוילן פשוט איבערן קאָפּ. מיר הערן קלאָר זייער גרויליקן פּיף. אָפט הערט זיך אויך אַן אויפרייס פון דער נאָענט. משמעות, מיר געפינען זיך אין מיטן פייער פון דייטשע און סאָוועטישע פּאָזיציעס. ס׳שמעקט מיט אמתן פראָנט. זיך לאָזן איצט אין וועג איז סכנהדיק. מוז מען דאָ בלייבן. מיר ליגן שעהנלאַנג מיטן פנים צו דער ערד, איינגעגראָבן צווישן נידעריקע שטאַמען אין די קוסטעס. הייבסט אַ סעקונדע אויף דעם קאָפּ — זזזששש... פאַלסטו ווידער צו דער ערד. די נערוון זיינען גע־וואַלדיק אָנגעצויגן. יעדן מאָמענט קען אַריינשלאָגן אַ קויל אין דעם אָרט.

וואו מיר ליגן, איינער זאָגט: „וועלן מיר דאָס האָבן אַזאַ סוף? אַזוי פיל זיך אָנגעליטן און גראָד אין די לעצטע מינוטן פאַלן פון אַ בלינדער קויל?" שווער איבערצוגעבן דאָס געפיל פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט, אַז אַ מינוט פאַר זיין באַפרייאונג קען זיין לעבן איבערגעשניטן ווערן דורך דעם נאַרישסטן צופאַל.

פון אַנטיילנעמערס אינעם ערשטן וועלטקריג פלעגט מען אָפט הערן דערציילן מעשיות, וואָס האָבן געקלונגען, ווי ניסים: איינעם האָט אַ קויל געטראָפן פונקט אין שפּיץ פון היטל, אַ צווייטן האָט אַ גראַנאַט צעריסן די הויזן, אָבער די פיס זיינען געבליבן אומבאַרירט, אַ דריטער האָט זיך גע־פונען אין אַן אָקאָפּע, וואו זיין חבר איז געטויט געוואָרן פון אַ באָמבע און ער איז געבליבן ניט באַרירט, וכדומה. בשעת ס'קומט אויס אַליין אַדורכצולעבן אַזאַ פייער, איבערציגט מען זיך, אַז אַזעלכע מעשיות זיינען ניט תמיד סתם גוזמאות און אַז אין צייטן פון בלוטיקע וועלט־איבערקערענישן פּאַסירן זאַכן, וואָס אָפט איז שווער צו געפינען פאַר זיי אַן אַנדער וואָרט, ווי — נס.

אָט דערציילט אונדז די אַלטע, וואָס האָט אונדז געבראַכט אַ ביסל זופּ, אַז אונטערן בוים, וואו מיר האָבן זיך נעכטן געפונען, האָט אויפגע־ריסן אַ שראַפּנעל. זי נעמט אַרויס פון קעשענע אַ שטיק אייזן פון אַ קויל, וואָס מען האָט דאָרטן געפונען. זי דערציילט, אַז יענס אָרט איז לעכערדיק, ווי אַ זיפּ.

און נאָך:

גראָד אין דעם אָרט, וואו מיר האָבן זיך געפונען אייערנעכטן אין וואַלד, זיינען היינט אין דער פרי אַדורכגעגאַנגען 40 דייטשן.

וואָס איז עס געווען: מזל, נביאות, אינטואיציע גראָד אַוועקצוגיין מיט אַ פּאָר שעה פריער פון אַזעלכע מקומות, אויף וועלכע דער טויט האָט שוין געלויערט, אָדער סתם — נס?

מיט עטלעכע טעג צוריק, איידער ס'איז פאַרברענט געוואָרן דאָס הויז פון אונדזער שכן שוקיס צוזאַמען מיט די מענטשן אין אים, האָבן מיר זיך געקליבן אַהין, כדי דאָרטן אָפּצוּוואַרטן די באַפרייאונג. צוליב אַ נאַרישן צופאַל האָבן מיר זיך פאַרקירעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג. אַ נס?

אונדזער אַ באַקאַנטער האָט זיך געפונען מיט אַ פּאָר יידן אין אַן אָרט, וואו די דייטשן האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ ליטווינער. אַכט מעטער פון זיי האָבן זיי דערשאָסן דעם ליטווינער. די יידן זיינען געלעגן אויסגעצויגן אינעם ניט צו הויכן גראָז און געוואַרט אויפן טויט. צום גליק האָבן די דייטשע פּאָליציילייט די נייטיקע פּאָר שריט ניט געמאַכט — און די יידן זיינען גע־בליבן לעבן.

ניט קיין נס?

דעם 24סטן פעברואַר, ווען אַכט לייט פון דער געשטאַפּאָ און פון דער ליטווישער פּאָליציי זיינען באַפאַלן דאָס הויז פון אַנטאַנאַס, האָבן זיך דאָרטן געפונען די צוויי יידן, וועלכע האָבן אונדז געבראַכט דעם בריוו פון געטאָ. אין יענעם מאָמענט זיינען זיי גראָד געווען אין שטוב און ניט, ווי שטענדיק, אויפן בוידעם פון שטאַל. אַרויסלויפן איז שוין ניט געווען קיין צייט, האָט איינער זיך אַריינגעשטופּט אין קאַטוך, וואָס אונטער דעם גרויסן אויוון, און דער צווייטער איז אַרונטערגעקראָכן אונטערן בעט. ווען די אַכט היטלער־שליחים זיינען דערגאַך אַרויס אין שטאַל און אין שייער זוכן, האָבן דיביידע יידן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן בוידעם פון הויז. פאַרן אַוועקגיין האָבן די געשטאַפּיסטן ווידער דורכגעזוכט דאָס הויז — דאָס מאָל שוין אויך אין קאַטוך און אונטערן בעט.

איר האָט אַן אַנדער וואָרט פאַר דעם, ווי — נס ?

3טער אויגוסט.

די נאַכט איז אין די קוסטעס אַריבער רואיק. מיר זיינען אַ האַלבע נאַכט דורכגעזעסן, די לעצטע פּאָר שעה — געכאַפּט אַ דרעמל. מיטן גרויען פון טאָג קומט צו אונדז די אַלטע אַ פּאַרסאַפּעטע און שרייט אויס, ניט מיט איר קול :

— איר זייט פריי ! ביי די שכנים זיינען שוין דאָ רויטאַרמייער ! גייט אַרויס פון די קוסטעס ! קומט אַריין אין שטוב !

די ווערטער קומען אַרויס ביי איר אָפּגעריסענע, אָפּגעהאַקטע, ציטערנ־דיקע. זי איז שטאַרק אויפגערעגט. איר פּנים פלאַמט פון פרייד.

מיר, די עטלעכע אַנטלאָפענע יידן פון תחום־המות, קוקן זיך איבער. עפּעס אַ מאָדנע־אומבאַשרייבלעך געפיל נעמט אַלעמען אַרום. מיר וואַרפן בליקן אויף דער אַלטער, זי — אויף אונדז. מיר געפינען זיך ווי אין עפּעס אַ פאַרלעגנהייט. וואָס איז עס ?

אין די פינצטערע טעג, ליגנדיק אויסבאַהאַלטן, האָבן מיר זיך פאַר־געשטעלט, אַז אין דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן דערלעבן די גאולה, וועלן מיר נעמען טאַנצן פון שמחה, וועלן זיך פאַלן קושן, וועלן וויינען, וועלן זינגען, וועלן... וואָס וועלן מיר ניט ? און איצט, ווען דער חלום איז געוואָרן וואָר, שטייען מיר עפּעס אַזוי קאַלט,אַזוי פאַרגליווערט, אַזוי פאַרלוירן. וואָס איז עס ?

ביז איצט, משמעות, האָט אונדז געטראָגן דער אימפּעט. דער שאָטן

פון טויט האָט אונדז פאַרפאָלגט און מיר זיינען מיט אַלע כוחות געלאָפן פון אים, געלאָפן. מיר האָבן קיין זאַך ניט געזען, קיין זאַך ניט געהערט — כאָטש לויפנדיק אַזוי, האָבן מיר פאַרלוירן טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער, פריינד, חברים. מיר זיינען — אין שרעק פאַרן טויט און אין פאַרבלענדעניש פון טויט — אַריבערגעשפּרונגען איבער זייערע טויטע גופים. איצט האָט זיך דער שאָטן פון טויט מיטאַמאָל אָפּגעטראָגן, דער מלאך־המוות איז פּלוצעם פאַרשוואונדן פון אונדזער צוקאָפּנס, איז צוזאַמען מיט אים אויך אַוועק דער אימפּעט, וואָס האָט אונדז געטראָגן אויף זיינע פליגלען וואָכן, חדשים, יאָרן, און מיר האָבן דערזען: טאַטע־מאַמע — טויטע, ברידער — טויטע, שוועסטערס — טויטע, פריינד — טויטע, און מיר זיינען פאַרבליבן אַליין אויף דער וועלט. מיט אַמאָל האָט אויפגעוויכט פאַר די אויגן דאָס שרעקלעכע בילד פון דריי יאָר היטלער־געטאָ, פון דריי יאָר שחיטות און אין איר גאַנצער אימה האָט זיך אַוועקגעשטעלט די פראַגע:

— וואו זיינען זיי אַלע, וואו?

ערשט איצט האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ חלום. ערשט איצט האָבן מיר זיך דערפילט קיילעכדיקע יתומים. ערשט איצט האָבן מיר זיך דערזען פאַרלאָזן און פאַרגעסן. אַ וועלט פון קברים האָט זיך געעפנט פאַר אונדז אַנשטאָט אַ וועלט פון פרייהייט און פרייד.

עס האָט אויפגעשיינט די זון — אָבער וויפל פון אונדזעריקע וועלן זיך פרייען מיט איר? עס גייט אויף אַ ניי לעבן — אָבער פאַר וואָס פאַר אַ נישטיקן טייל פון אונדז! אַ מענטש, וואָס אויף זיין האַלדז איז שוין געלעגן די טויט־פּעטליע און וואָס איז אין דער לעצטער מינוט געראַטעוועט געוואָרן פון אומקום, טאַנצט אויף פון פרייד, פון אומענדלעכער פרייד, וואָס זיין לעבנס־פאָדעם וועט זיך ווייטער שפּינען און וואָס אָט־אָט וועט ער קומען אַהיים, פאַלן טאַטע־מאַמע אין די אָרעמס, אַרומנעמען שוועסטער־ברידער און שרייען מיט אַלע זיינע כוחות: „איך בין געראַטעוועט! איך בין געראַטעוועט!"

אונדזער היים אָבער איז שוין חרוב, טאַטע־מאַמע אויף די פעלדער, שוועסטער־ברידער אין די מאַסן־גריבער — צו וועמען זאָלן מיר לויפן אָנזאָגן די בשורה: מיר זיינען געראַטעוועט!"?

און די טויטע זיינען פיל מערער, ווי די לעבן־געבליבענע, טויזנט־טויזנטער מאָל מערער, און זייערע שטומע קולות אין חלל: „מיר זיינען טויט!" זיינען פיל־פיל שטאַרקער, ווי די אונדזעריקע — און ס'האָרץ פאַרקלעמט, און אויף די ליפּן בלייבט הענגען פאַרגליווערט דאָס אויסגע־שריי: „מיר זיינען געראַטעוועט!"

די דאָזיקע געמישטע געפילן פון צער און פרייד, פון האָפענונג און יאוש, פון רעטונג און פאַריתומטקייט זיינען גורם דערצו, אַז מיר רירן זיך

ניט פון אָרט צו גיין צו אונדזערע באַפרייערס, אַז מיר בלייבן ליגן, ווי שטיינער, און נאָר אַ קאַלטער, אומבאַהאַלפענער שמייכל באַדעקט די ליפּן־ווינקלען.

וואָס האָט מען פון אונדז געמאַכט? קאַלטע שאַרבנס, עצמות יבשות, שאָטנס פון מענטשן — וועט דאָס ווען־עס־איז ווערן אַנדערש? וועלן מיר נאָך ווען־עס־איז קענען — ווי אַלע מענטשן, ווי אַלע חיות — זיך פרייען מיט דער אויפגייענדיקער זון, מיטן בליענדיקן פרילינג, מיטן זינגענדיקן פויגל?

אוי־ווײ איז צו אונדז!

4טער אויגוסט.

מע טרייבט אַוועק פון זיך די טרויעריקע געדאַנקען און מע פּרוּווט אַרויסקריכן פון דער צען־חדשימדיקער נאַרע. די מורא פאַר מענטשן, וואָס האָט אונדז ביז אַהער באַהערשט, פאַרשווינדט ניט באַלד. עס גייט זיך נאָך אַלץ ניט זיכער. דער טראָט וואַקלט זיך. עס רעדט זיך נאָך אַלץ שטיל, און אַ יידיש וואָרט אויסצורייידן הויך ציטערט מען נאָך אַלץ, און טאָמער הייבט עמעצער אויף העכער זיין קול, שרייט מען נאָך אַלץ צו אים בייז: „שאַ, שטילער!" מיר האָבן נאָך קיין רויטאַרמייערס ניט געזען און ס׳גלויבט זיך נאָך אַלץ ניט, אַז מיר זיינען דאָס מיר, אַז מיר טרעטן דאָס דאָ אויפן גראָז אין מיטן העלן טאָג און טראַכטן ניט צו אַנטלויפן אין די קוסטעס.

פאַר די אויגן אַנטפּלעקן זיך פרייע האָריזאָנטן. ס׳איז ניט קיין מליצה, נאָר אַ טיף־דורכגעלעבט געפיל. פאַראַן אויסדרוקן וואָס זיינען אָפט פּוסטע באַגריפן. וואָרעם וואָס קען אַ מענטש, וואָס לעבט תּמיד אויף דער פריי און האָט שטענדיק פאַר די אויגן אַן אומענדלעכן הימל, דורכלעבן דעם באַגריף „פרייע האָריזאָנטן"? פאַר אַזאַ איינעם איז עס נאָר מליצה, שיינווערטעריי. מיר, אָבער, האָבן חדשים, וואָס זיינען לענגער, ווי יאָרן, געזען נאָר פלעקן הימל דורך קוסטעס, דורך וואַלד, דורך אַ שפּאַלט פון אַ שטאַל־טיר — אָך, ווי מיר פילן עס, ווי מיר לעבן עס איצט דורך די „פרייע האָריזאָנטן"!

די שרעק פאַר מענטשן ווערט פון מינוט צו מינוט אַלץ קלענער. דער טראָט ווערט זיכערער. דער שלייער פון כמו־חלום ווערט אַלץ שיטער־ער און עס שיילט זיך אַלץ מער אויס די וואָר: מיר זיינען פריי. מיר איילן אין דער ריכטונג, וואו עס געפינען זיך רויטאַרמייערס.

אויפן וועג טרעפן מיר דאָס פאַסטעכל אַנטאָניוק. ער איז געוועזן אונדזער שרעקבילד די גאַנצע צען מאָנאַטן. אַ קלוגער און פיפיקער שקאָץ, וואָס

האָט געהאַט אַ נאַטור אַריינצושטעקן די נאָז אומעטום און אַלע מאָל און וואָס האָט, משמעות, געהאַט אַ זעקסטן חוש ספּעציעל צו דערשמעקן באַהאַל־טענע יידן און פּאָר וועמען מיר האָבן זיך באַזונדערס געהיט, טאַקע לויט דער עצה פון אונדזערע אַלטע. דערצו האָט דאָס געהאַט אַ געשליפן צינגל און וואָס ער האָט נאָר באַמערקט, האָט ער גלייך צעלייגט אויף טעלערלעך און עס צעטראָגן איבערן גאַנצן דאָרף.

איצט שטייט ער פאַר אונדז, דער צוועלף־יאָריקער בנ'אָק, ווי אַן אָפּ־געשמיסענער, אַן דעם גלאַנץ פון פריער, און מיר זאָגן צו זיך: אָט פאַר דעם חפץ האָבן מיר זיך דאָס געשראָקן צו באַווייזן. און ער שמייכלט אין זיך אַריין: אַהאַ, זיי זיינען דאָ געוועזן, די זשידיי (יידן), איך האָב די גאַנצע צייט געזאָגט, אַז זיי זיינען דאָ פאַראַן. אָבער מיר פייפן איצט אויף אים. מיר גייען ווייטער אונדזער וועג צו זוכן אונדזערע באַפרייערס.

7טער אויגוסט.

מיר דרייען זיך נאָך דאָ אַרום עטלעכע טעג. מיר העלפן די אַלטע אַריינפירן דאָס היי, צונויפנעמען דאָס קאָרן, פאַרשטאַרקן די שפּאַרעס פון שטאַל, בקיצור — מיר העלפן אין באַלעבאַטישקייט.

אָבער וויפל איז דער תכלית? עס ווילט זיך שוין זען אַ יידן. כאָטש מע ווייס, אַז דער גרעסטער טייל פריינד און באַקאַנטע זיינען שוין ניטאָ, לאָזט עפּעס פאָרט ניט אָפּ די האָפענונג: „טאָמער, אפשר...“ און — מיר נעמען זיך פּאַקן אין וועג־אַריין.

עס רעדט זיך אַזוי: „פּאַקן אין וועג־אַריין“ ס'איז ניטאָ, ברוך השם, וואָס צו פּאַקן. דאָס ביסל שפּייז און שמאַטעס ווערן צוזעגרייט אין אַ פּאָר מינוט. אָבער דאָס שיידן זיך קומט ניט אָן אַזוי לייכט. וועגן דעם, אַז אונדז וועט זיין שווער אַוועקצוגיין פון דאַנען, האָבן מיר קיין מאָל קיין טראַכט ניט געטאָן. מיר האָבן געחלומט וועגן די גליקלעכע מינוטן, ווען מיר וועלן ווערן געראַטעוועט און זיך קלייבן אַהיים — אָבער אונדז איז גאָר קיין מאָל אין חלום ניט איינגעפאַלן, אַז מיר זאָלן ווערן צוגעבונדן צום אָרט פון רעטונג. ווער ווייסט די סודותדיקע וועגן פון אַ מענטשלעכער נשמה?

אַזעלכע צען מאָנאַטן! די טויט־געפאַרן און דאַנק־געפילן פאַרן ראַ־טעווען אונדזער לעבן האָבן געשאַפן ניט־זעעוודיקע פעדעם פון ליבשאַפט צווישן אונדז און די אַלטע. ערשט אין די מינוטן, ווען מיר זיינען זיכער געוואָרן מיט אונדזער לעבן, האָבן מיר דערפילט די צוגעבונדנקייט צום אָרט,

וואו מע האָט אונדז געראַטעוועט פון טויט. ליב איז איצטער געוואָרן די צעבראָכענע כאַטע, די האַלב־איינגעפאַלענע שטאַל, די אומענדלעך־געדיכטע קוסטעס, דער טייערער הונט לאוקיס, אונדזער פערד, די רואיק־שטילע „קאַשטאַנקע" און מער פון אַלץ — די צוויי ליטווישע זקנים. מיר פלעגן זיי תמיד רופן „טעוויאַליס" (פאָטערל) און „מאַמיטע" (מוטערל) — אָבער ערשט איצט פילן מיר, אַז דאָס זיינען ניט געווען קיין סתם ווערטער, נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון געפילן, וואָס ערשט ביים שיידן זיך פאַרשטייען מיר זייער עכטקייט.

דאָס האַרץ איז פאַרקלעמט. די אויגן פול. קענטיק, אַז אויך פאַר די אַלטע זיינען שווער די מינוטן פון ערב־געזעגענען זיך. זיי זיינען שוין געוואוינט געווען צום טומל, צו אונדזער האַוועט און לויפן. פון היינט אָן וועלן זיי ביידע ווידער לעבן אַליין, אַליין אין די קוסטעס און וואַלד, אויף זייער שטיקל אויסגעמאָגערטער ערד. נאָר איז דאָ אַן אַנדער וועג?

מיר געזעגענען זיך מיטן אַלטן, צעקושן זיך שטאַרק און קיינער קען ניט איינהאַלטן די טרערן. דער אַלטער טרייסט: „נישקשה, מיר וועלן זיך נאָך זען. ווייַנט ניט, פרייט זיך, וואָס איר גייט אַרויס צו אַ פריי לעבן. מיר וועלן נאָך קומען צו אייך אין שטאָט. זייט גליקלעך!"

מיט שווערע טריט גייען מיר אַרויס פון דער ליב־געוואָרענער כאַטע. אַזוי טראָגט מען אַרויס אַ ליבן מת פון אַ שטוב. עס ווילט זיך עפּעס, אַז נאָך אַ מינוט, נאָך אַ מינוט זאָל ער זיך געפינען אונטערן אייגענעם דאַך, אין די אייגענע ד׳ אמות.

די אַלטע באַגלייט אונדז עטלעכע קילאָמעטער דורך די קוסטעס צום שאָסיי. מע שווייגט מער, ווי מע רעדט. אַ שרעקלעכע שווערקייט אויפן האַרצן. דאָס געפיל, אַז די ביידע גוטע אַלטע לייט בלייבן ניט נאָר אַליין, נאָר אַז זיי וועלן ווייטער הונגערן, פאַראומערט נאָך מער דאָס געמיט.

דער קורצער וועג צום שאָסיי דערנעענטערט זיך. מיר שטעלן זיך אָפּ. דאָס האַרץ הייבט אָן שטאַרקער צו קלאַפּן. די שעה פון געזעגענען זיך קומט אָן. האַלדזעניש, קושעניש, געוויינערייַ. איין מאָל, און נאָך אַ מאָל, און ווידער אַ מאָל, מע קען זיך עפּעס ניט אָפּרייסן, מע וויל זיך עפּעס ניט אָפּטיילן. נאָר עס העלפט ניט. מיר גייען שוין פאָרויס און די אַלטע גייט צוריק. איך קער זיך אום: איך זע שוין איר רוקן, דאָס ווייסע טיכל אויפן קאָפּ, מיט לאַנגזאַמע טריט דערווייטערט זי זיך פון אונדז. מיר גייען צו מערב. זי — צו מזרח, אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז וואַנען זי ווערט פאַר־פאַלן פון די אויגן. די טראַגישע גורלדיקייט פון מענטש ליגט אַזוי טיף אין אָט דעם איינפאַכן צעשיידן זיך אויף צוויי קעגנזייטיקע ריכטונגען.

אַ ביסל צופוס, אַ ביסל אויף לאַסט־אויטאָס פון רויטאַרמייערס קומען מיר אָן בשלום קיין קאָוונע. דער וועג פירט דורך דער געטאָ. אַ מאויימדיק בילד:

אויף דעם גאַנצן לפי־ערך גרויסן געטאָ־ראַיאָן, וואו עס האָבן געלעבט אַרום דרייסיק טויזנט יידן, סטאַרטשען אַרויס נאָר קוימענס, שוואַרצע, טרויע־ריקע קוימענס, אַ זכר־לחורבן פון לעבעדיקע הייזער און לעבעדיקע מענטשן. אַלץ איז פאַרברענט ביזן יסוד. דאָס, וואָס פויערים האָבן דערציילט און מיר האָבן ניט געוואָלט גלייבן, זעען מיר איצט מיט די אייגענע אויגן. אוי לעינים — ווי צו די אויגן! אָט ליגט אַ קופּע מענטשן, אַ טייל פאַרברענטע, אַ טייל דערשטיקטע אין אַן אויפגעריסענעם קעלער. אַ האַנט, שוין האַלב צעגריזשעט פון אַ הונט, ליגט ניט ווייט. בילדער פון גאַנצע פאַמיליעס, פון איינצלנע, פון קליינינקע יידישע קינדערלעך וואַלגערן זיך אַרום. איך הייב־אויף איינס, אַ צווייטס. האָט איר שוין ווען געקוקט אויף אַ בילד פון אַ געהרגעט קינד, שטייענדיק אויף אַ בינטל ביינער? וואָס איז דאָ — מיינע הענט ציטערן? וואָס איז דאָ — מיינע קני בייגן זיך? עס שאָקלט זיך די ערד? דאָס טויטע קינד בעט, שרייט, וויינט? — — — אָ, איך קען ניט מער, איך קען ניט, איך קען ניט!..

8טער אויגוסט.

דער לאַנגער אויסמאַטערנדיקער פערציק קילאָמעטערדיקער וועג פון קאַראַל־גיריס ביז קאָוונע, די ביז משוגעת־אויפרייצנדיקע חורבן־בילדער פון געטאָ, אַפילו די ערשטע נאַכט אין אַ מענטשלעך בעט אָן אַ הינטישן שומר — דאָס אַלץ האָט ניט געהאַט קיין כוח צו שליסן אונדזערע אויגן אויף לאַנג. אַ פּאָר שעה שלאָף — און מער גייט ניט. מיט אומגעדולד און אין אויפ־רעגנדיקער שפּאַנונג שטופּט מען דורך די נאַכט.

אין די ערשטע פרימאָרגן־שעהן זיינען מיר שוין אויף דער גאַס, מיר גייען קודם־כל מקיים זיין אַ צוואה: אונדזערע אַ שכנטע פון קאָוונע און פון געטאָ האָט אונדז אָנגעזאָגט און פאַרשוואוירן, אַז אין פאַל, ווען מיר וועלן זיך ראַטעווען, זאָלן מיר די ערשטע זאַך גיין אויפזוכן איר צען־יעריק טעכטערל, וואָס איז באַהאַלטן ביי אַ ליטווינערין אויפן „גרינעם באַרג". (אַ פאָרשטאָט פון קאָוונע). מיר קומען אָן צום באַשטימטן פּלאַץ — אַ קליינע הייזקע פאַררוקט צווישן גרויסע מויערן. אין אַ הויף שפּילן זיך קינדער. מיר שטעלן עטלעכע פראַגעס, כדי צו זיין זיכער, אַז מיר זיינען טאַקע אויפן ריכטיקן אָרט. מיטאַמאָל — אַ געשריי, אַ געוויין, אַ געלאַף. אַ מיידעלע רייסט זיך אַרויס פון צווישן די קינדער און לויפט אין דער ריכטונג פון דער קליינער הייזקע. עס דרייט אויס דאָס קעפּל, צי מע יאָגט עס ניט נאָך, און

ערשט איצט באַמערקן מיר אין דעם שיקסעדיקן קליידל און פויערש־באַ־בלימלטן טיכל דאָס פּנימל פון אַ יידיש קינד.

— ביילינקע, ביילינקע!

מיר גייען נאָך דאָס קינד.ביים עפענען די טיר, הערן מיר אַ קינדיש געוויין:

— זשידיי (יידן), זשידיי...

ביילינקע שטייט מיט ביידע הענטלעך אַרומגענומען די טאַליע פון אַן אָרעמער, מיטליעריקער גויע, דאָס קעפל איינגענורעט אין איר דאָרפיש־געמאַכטן פאַרטעך, נאָר די צוויי שוואַרצע יידישע אויגן קוקן אויף אונדז מיט פּחד און שרעק.

— ביילינקע, דערקענסט אונדז ניט?

קיין ענטפער.

— ביילינקע, געדענקסט ניט, אַז מיר האָבן צוזאַמען געלעבט אויף ראַטושע־פּלאַץ?

טויטע שטילקייט.

— פאַרשטייסט ניט קיין יידיש?

זי דריקט זיך שטאַרקער צום פויערשן פאַרטעך און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

די ליטווינערין דערקלערט אונדז, אַז ביילינקע קען זיך נאָך אַלץ ניט אָפּ־געוואוינען פון די ענטפערס, וואָס מען האָט זי אויסגעלערנט אין משך פון די צוויי יאָר, וואָס זי איז געווען אויסבאַהאַלטן, און קען נאָך אַלץ ניט באַ־גרייפן, אַז זי איז שוין אַ פריי קינד, וואָס דאַרף פאַר קיינעם שוין קיין מורא ניט האָבן.

ביסלעכווייז געוואוינט זיך ביילינקע צו צו אונדז, כאָטש די ענטפערס גיט זי נאָך אַלץ אין ליטוויש. זי זעצט זיך ביים טיש און מיר דערזעען אויף איר האַלדז אַ בלישטשעדיקן צלם. וואָסער שרייאיקער קאָנטראַסט ס׳איז דער קריסטלעכער קרייץ צום יידיש־חנעוודיקן פּנימל!

זי ברענגט אונדז אַ קליין קעסטעלע פון אונטערן בעט. דאָס האָט איר דער פעטער אין מאָל געבראַכט. זי נעמט אַרויס צוויי בילדער. אויף איי־נעם שטייט זי מיט איר צוויי־יעריק שוועסטערל, וואָס איז געוואָרן באַהאַלטן אין צווייטן עק ליטע. דאָס צווייטע בילד איז פון איר מאַמען.

— דער פעטער ראובן האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל היטן דאָס בילד, דאָס איז מיין מאַמע.

„מיין מאַמע" קלינגט יתומדיק אָפּ אין חלל, שלאָגט זיך אָפּ אָן די צלמים און געטשקעס און גייט וויינענדיק אויס.

ווער איז שטאַרק גענוג ניט מיטצואוויינען?

די ערשטע באַגעגעניש פון אַ באַפרייטן יידן — אַ יידיש מיידעלע מיט

אַ שרייאיקן צלם אויפֿן האַלדז און מיטן בילד פֿון דער טויטער מאַמען אין האַנט!

מיר גייען צוריק, זוכן אַנדערע יידן.

ס'איז די צווייטע וואָך נאָך דער באַפֿרייאונג. אויפֿן הויף פֿון הויז, וואו עס זאַמלען זיך די ניצול־געוואָרענע פֿון פייער, שטייען גרופּקעס יידן. די איינציקע טעמע איז: נעמען. האָט איר געזען דעם? האָט איר גע־טראָפֿן די? יעדער ניי־צוגעקומענער ווערט תיכף אַרומגערינגלט און פֿאַר־וואָרפֿן מיט די דאָזיקע פֿראַגעס. אויב דאָס איז איינער, וועלכן מע האָט נאָר איין מאָל אין לעבן געזען, פֿאַלט מען זיך אויפֿן האַלדז. מע קושט זיך אַפֿילו מיט מענטשן, וועמען מע האָט קיין מאָל קיין האַנט ניט געגעבן און אַפֿט אויך מיט ווילד־פֿרעמדע מענטשן. מע קושט זיך און מע כליפּעט — פֿון פֿרייד, וואָס מע טרעפֿט זיך, און פֿון טרויער, וואָס אַנדערע זיינען דערביי ניטאָ און וועלן שוין דערביי קיין מאָל ניט זיין.

וואָס לענגער מיר זיינען אויפֿן זאַמל־פּלאַץ, אַלץ אומעטיקער ווערט אויפֿן האַרצן: דאָס איז אַלץ, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון דער יידישער קאָוונע. און קיין איינציקער פֿון דער משפּחה, קיין איינציקער פֿון די חברים. אַ טייל איז „עוואַקואירט" געוואָרן, אַ טייל פֿאַרברענט אין געטאָ גופֿא. די אייגענע רעטונג ווערט קליין לגבי אַזוי פֿיל טויטן.

מע גיט זיך ווייטער די הענט אויף שלום־עליכם, מע קושט זיך ווייטער — נאָר עפּעס אַן אומגעזעגנטע טויטן־האַנט מאַכט קאַלט דעם וואַרעמען האַנט־דרוק, עפּעס אַ הויך פֿון קברים פֿאַרגליווערט דעם הייסן קוש.

אַזוי זעט אויס די פֿרייד פֿון געראַטעוועטע יידן פֿון היטלער־גיהנום.

נישטאָ די פֿרייד פֿון אַן אָקאָרשט־געבאָרענעם, נישטאָ די שמחה פֿון גיין אַנטקעגן אַ לעבן אַ נייעם.

מיר שטייען אויף קברים, נאָך פֿרישע קברים, און דער טויט וויקלט אונדז אַלעמען אין זיינע אָרעמס.

לאַנגע סקעלעטן־פֿינגער דריקן אונדז אַלעמען צוזאַמען.

מיר, די לעבעדיק־געבליבענע, טראָגן אַזוי פֿיל טויטן אויף זיך, אַז ווער ווייסט, ווער וועמען וועט נאָך מנצח זיין.

טויטע לעבנס גרייטן זיך צו בויען אַ ניי לעבן — וועט עס געלינגען? קען עס געלינגען?

סוף דבר

איך לייען די בלעטלעך פון מיין טאָגבוך, צוועלף יאָר נאָכדעם ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן, און איך גלויב קוים, אַז דאָס זיינען בלעטלעך פון מיין לעבן.

האָט אַ מענטש דאָס אַלץ געקענט דורכטראָגן?

האָט אַ פאָלק דאָס אַלץ געקענט אויספירן?

יאָ, אַלץ.

אוממענטשלעכע צרות רופן אַרויס אוממענטשלעכע כוחות.

זאָלן ביידע בלייבן לדורות, ווי אַ דערמאָנער און דערמונטערער.

א י נ ה אַ ל ט :

• ● •